MASEKHET MAKOT MIN TALMUD BAVLI

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

מסכת מכות
מן תלמוד בבלי

עם פירוש יידיש
כפי רש״י ומלבי״ם ז״ל

הפירוש הזה יהוה צפונות ויגלה פליאות ויפתור חידות, ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעותק מנאי

שלמה בן בצלאל דריליך

שנת תש״ה לפ״ק
ניו-יורק

לזכר נשמת אבי מורי ז״ל
ר׳ בצלאל בן ר׳ יחזקאל ז״ל
נ׳ י״ד טבת, תש״א
ת נ צ ב ״ ה

כתבת המחבר:
RABBI SOLOMON DRILLICH
86 Morton Street
Brooklyn 11, N. Y.

סודר ונדפס בבית הדפוס מודרן לײנאָטײפּ קאָמפּ.
Printed in the United States of America by
MODERN LINOTYPE CO.
1755 St. Johns Place, Brooklyn, N. Y.

מסכת מכות

א) **כיצד** העדים נעשים זוממין? ב) מעידין אנו באיש פלוני שהוא בן גרושה או בן חלוצה. ג) אין אומרים יעשה זה בן גרושה, או בן חלוצה תחתיו, אלא לוקה ארבעים. ד) מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לגלות. ה) אין אומרים יגלה זה תחתיו אלא לוקה ארבעים. **גמ׳.** ו) הא כיצד אין העדים נעשים זוממין מבעי ליה? ז) ועוד מדקתני לקמן אבל אמרו להם האיך אתם מעידין שהרי באותו היום אתם הייתם עמנו במקום פלוני הרי אלו זוממין (מכלל דאילו אין זוממין). ח) תנא התם

א) „כיצד“. זוממין מיינט דאָס עדות פאַלנעווען יענעם שלעכטעס צו טהאָן מיט זייער עדות זאָגען, נאָר עס געלינגט זיי ניט, אנדערע עדות דורך אן אליביי פון צייט און פלאַץ צושטערען זייער עדות זאָגעריי, אין אזא פאַל קומט זיי די זעלבע שטראָף וואָס זיי האָבען געוואָלט אויף יענעם ברענגען. אויף דעם פרעגט די משנה ווי אזוי ווערען עדות זוממין, אין א פאַל וואו מען קען זיי ניט געבען די זעלבע שטראָף? ב) „מעידין אנו“, צום ביישפּיעל עדות האָבען געזאָגט, מיר זאָגען עדות אויף דעם מענשען וואָס איז א כהן, דאָס ער איז א זוהן פון א גרושה אָדער חלוצה, און אזוי איז ער א חלל, וואָס מיינט ער איז פארשוועכט פון דער כהונה. ג) „אין אומרים“, זאָגען מיר ניט, דאָס ער זאָל ווערען א בן גרושה אָדער א בן חלוצה דאָס זעלבע וואָס זיי האָבען יענעם געוואָלט צוטיילען, „אלא“, נאָר ער קריגט פיערציג מלקות. ד) נאָך א פאַל, מיר זאָגען עדות אויף דעם מענשען דאָס ער איז שולדיג צו געהן אין גלות, פאַר טויטען א מענשען אומגערען. ה) „אין אומרים“, זאָגען מיר ניט דאָס די עדות זאָלען געהן אין גלות אויף זיין פּלאַץ, „אלא“, נאָר זיי קריגען פערציג מלקות. ו) גמ׳, „הא“, די גמרא פרעגט באַלד אויף דער משנה, זי וויל מיר דאָך ברייננגען די אַרט און וויעזע, ווי עדות קענען ניט ווערען קיין זוממין, האָט זי געדאַרפט זאָגען אזוי, „כיצד אין העדים נעשים זוממין“, ווי אזוי-קענען עדות ניט ווערען קיין זוממין? מיט דעם וואָרט „הא“ צייגט די גמרא אויף דער משנה, ווי אזוי עס פעהלט דער וואָרט „אין“. ז) „ועוד“, און נאָך א פראַגע איז, „מדקתני לקמן“, אין אַן אנדער משנה ווייטער, לערענט ער, „אבל אמרו להם“, אין פאַלס אָבער אנדערע עדות האָבען געזאָגט צו די ערשטע, „האיך אתם מעידין“, ווי אזוי קענט איהר עדות זאָגען, „שהרי באותו היום אתם הייתם עמנו במקום פלוני?“ דעם געוויסען טאָג, זענט איהר דאָך געווען מיט אונז אויף אַן אנדער פּלאַץ, אין אזא פאַל זיינען זיי זוממין, „מכלל דאלו אין זוממין?“ פון דעם איז דאָך געדרונגען אז די ערשטע משנה שמועסט ביי ניט קיין זוממין. ח) ענטפערט די גמרא, „תנא התם קאי“, דער תנא קומט נאָר וואָס פון דער משנה אין סנהדרין וואָס זאָגט דאָרט, „כל הזוממין מקדימין

קאי כל הזוממין מקדימין לאותה מיתה. ט) חוץ מזוממי בת כהן ובועלה שאין מקדימין לאותה מיתה אלא למיתה אחרת. י) ויש עדים זוממין אחרים שאין עושין בהן דין הזמה כל עיקר אלא מלקות ארבעים, כיצד, מעידין אנו באיש פלוני שהוא בן גרושה או בן חלוצה אין אומרים יעשה זה בן גרושה או בן חלוצה תחתיו אלא לוקה את הארבעים. י"א) מנא הני מילי אמר ר' יושיע בן לוי (אמר ר"ש בן לקיש) דאמר קרא ועשיתם לו כאשר זמם, לו ולא לזרעו. י"ב) ולפסלוהו לדידיה ולא ליפסלו לזרעיה? י"ג) בעינן כאשר זמם לעשות וליכא. י"ד) בר פדא אומר ק"ו ומה המחלל אינו מתחלל הבא לחלל ולא חילל אינו דין שלא יתחלל. ט"ו)

לאותה מיתה", דאָס אַלע זוממין קומען אנקעגען די מיתה וואָס זיי האָבען געוואָלט פעראורזאַכען יענעם, אויב סקילה, סקילה, אויב שרפה, שרפה, און אַזוי ווייטער. ט) „חוץ מזוממי בת כהן ובועלה", אויסער זוממין וואָס האָבען עדות געזאָגט אויף א כהן'ס א טאָכטער א פערהייראטע, דאָס זי פארקערט מיט איינעם, וואָס איהר קומט שרפה און איהם חנק, „שאין מקדימין לאותה מיתה אלא למיתה אחרת", און נאָך דעם בית דין אויסזאָגונג פון דיער אורטייל, זיינען די עדות געוואָרען זוממין, קומען זיי ניט אנקעגען איהר מיתה נאָר דעם בועל'ס וואָס איז חנק, דען דער פסוק זאָגט, „כאשר זמם לעשות לאחיו", אַזוי ווי ער האָט געוואָלט טאָן צו זיין ברודער, טייטשען מיר נאָר א ברודער ניט קיין שוועסטער. י) „ויש עדים", קומענדיג צו דער היגער משנה ברענגט ער ווידער אזא פאַל, וואָס זיינען פאַראן זוממין, וואָס ביי זיי איז איינגאַנצען ניט דאָ דער דין הזמה, נאָר מלקות פיערציג, און דער פשט פון „כיצד העדים נעשין זוממין", איז, ווי אַזוי און וואָס א ווייזע פיהרט מען דעם אורטייל פון די זוממין, און אַזוי זאָגט די גמרא איבער די גאַנצע משנה. י"א) „מנא הנ מילי", די גמרא פרעגט פון וואַנעט דריננען מיר די רייד? האָט ר' יושיע בן לוי געזאָגט, „דאמר קרא", דער פסוק זאָגט אין דברים י"ט „ועשיתם לו כאשר זמם", איהר זאָלט צו איהם טאָן, ווי ער אַליין האָט געטראַכט אויף יענעם, טייטש איך, דוקא נאָר צו איהם אָבער ניט צו זייערע קינדער, און ווען ער זאָל ווערען א בן גרושה אָדער א בן חלוצה, נעמסטו דאָך אוועק די כהונה פון זיינע קינדער, דאָס איז וואָס ער זאָגט „לו ולא לזרעו". י"ב) פרעגט די גמרא, „ולפסלוהו לדידיה", זאָל מען פסל'ען איהם אַליין, „ולא ליפסלו לזרעיה", און ניט פסל'ען זיינע קינדער? י"ג) ענטפערט די גמרא, „בעינן", מיר דארפען עס זאָל זיין ווי דער פסוק זאָגט, „כאשר זמם לעשות", וואָס מיינט ווי ער האָט געפלאַנט צו טהאָן, און זיין פּלאַן איז געוועזן צו פסל'ען איהם מיט די קינדער, „וליכא", און דאָס קענען מיר איהם ניט טהאָן. י"ד) בר פדא זאָגט אלס ענטפער, דאָס עס איז א קל וחומר, „ומה המחלל", מאַדאָך דער כהן נעמענדיג א גרושה פאַר־שוועכט ער יאָ זיינע קינדער, „אינו מתחלל", פונדעסטוועגען ער אַליין ווערט ניט פאַרשוועכט פון דער כהונה, „הבא לחלל ולא חילל", דער וואָס וויל נאָר בלויז פאַרשוועכען און ער האָט ניט פאַרשוועכט, „אינו דין שלא יתחלל", איז דען ניט

מתקיף לה רבינא אם כן בטלת תורת עדים זוממין (דף ב' ע"ב) ומה הסוקל אינו נסקל הבא לסקול ולא סקל אינו דין שלא יסקל. ט"ז) אלא מחוורתא כדשנינן מעיקרא. י"ז) מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב גלות כו', מנא הני-מילי אמר ר"ל דאמר קרא הוא ינום אל אחת הערים, הוא ולא זוממין. י"ח) ר' יוחנן אמר קל וחומר ומה הוא שעשה מעשה במזיד אינו גולה, הן שלא עשו מעשה במזיד אינו דין שלא יגלו. י"ט) והיא נותנת (והלא דין הוא) הוא שעשה מעשה במזיד לא ליגלי כי היכי דלא תיהוי ליה כפרה, הן שלא עשו מעשה במזיד נמי ליגלי כי היכי דליהוי להו כפרה? כ) אלא מחוורתא כדר"ל. כ"א) אמר עולא רמז

א געווים, אז ער זאָל ניט ווערען פאַרשוועכט. ט"ו) „מתקיף לה רבינא" האט רבינא א קשיא געפרעגט, „אם כן", אויב אזוי „בטלת תורת עדים זוממין?" אויף אזא אַרט קענסט דאָך בטל מאכען, גאַנץ תורת זוממין, ווייל דו קענסט דאָך מאכען אזא סאָרט קל וחומר? „ומה הסוקל", מאדאָך ווען עדות האָבען יענעם געמאכט צו פערשטיינען, דאָס מיינט ווען דער אורטייל איז שוין דורכ־געפיהרט געוואָרען, „אינו נסקל", דאמאָלסט ווערען די עדות — ווען געוואָרען זוממין — ניט פערשטיינערט, „אינו דין שלא יסקל", איז עס דען ניט א דין און א געווים ,אַז איינער וואָס איז, „הבא לסקול", וואָס מיינט ער האָט נאָר בלויז געוואָלט יענעם פאַרשטיינען, אז ער זאָל ניט ווערען פערשטיינערט? ט"ז) „אלא", זיכער דאָס מיר זאָגען ניט אזא סאָרט קל וחומר. „מחוורתא כדשנינן מעיקרא", נאָר דער פאַל איז ווי פריהער געענטפערט פון פסוק. י"ז) די משנה אויבען זאָגט, „מעידין אנו שהוא חייב גלות וכוי" פרעגט די גמרא, „מנא הני מילי", פון וואנען איז די רייד גדרונגען, האָט ריש לקיש געזאָגט פון פסוק דברים י"ט, „הוא ינוס", ער זאָל אנטלויפען, טייטש איך נאָר ער זאָל אנטלויפען אין גלות אָבער ניט קיין זוממין, דאָס זאָגט ער, „הוא ולא זוממין". י"ח) רבי יוחנן זאָגט עס איז א קל וחומר, „ומה הוא שעשה במזיד", מאדאָך ווען א מענש טויטעט יענעם במזיד (אָהן וואָרנונג, דען מיט וואָרנונג קומט דאָך מִיתה) „אינו גולה", פונדעסטוועגען ווערט ער ניט פארטריבען, „הן שלא עשו מעשה במזיד", די זוממין וואָס האָבען ניט געטאָן קיין מעשה במזיד, נאָר בלויז געוואָלט, „אינו דין שלא יגלו", איז דען נט א געווים דאָס זיי זאָלען ניט פארטריבען ווערען. י"ט) די גמרא פרעגט אָפּ, פארקערט? „והיא נותנת?" דער שכל גיבט דאָך מיט, „הוא שעשה מעשה במזיד לא ליגלי", ער וואָס האָט געטאָן א מעשה בייזווילינ זאָל ניט פארטריבען ווערען, ער זאָל ניט קריגען קיין פארגעבונג, „הן שלא עשו מעשה במזיד ליגלו", די וואָס האָבען ניט געטאָן א מעשה בייזווילינ זאָלען יאָ פאַרטריבען ווערען, „כי היכי דלהוי להו כפרה", דאמיט זיי זאָלען האָבען א כפרה (פארגעבונג). כ) „אלא", נאָר עס מוז בלייבען דער פאַל ווי ריש לקיש האָט גערדונגען. כ"א)עולא האָט געזאָגט, „רמז לעדים זוממין מן התורה מניין?" פון וואנען נעמט זיך אַן אנווייזונג פון דער תורה פאַר עדים זוממין? און תיכף איבערפרעגט די

לעדים זוממין מן התורה מנין? רמז לעדים זוממין והא כתיב ועשיתם לו כאשר זמם? אלא רמז לעדים זוממין שלוקין מן התורה מנין. כ״ב) דכתיב והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע, משום והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע? כ״ג) אלא עדים שהרשיעו את הצדיק ואתו עדים אחריני והצדיקו את הצדיק דמעיקרא ושוינהו להני רשעים, והיה אם בן הכות הרשע. כ״ד) ותיפוק ליה מלא תענה (שמות כ׳) כ״ה) משום דהוי לאו שאין בו מעשה, וכל לאו שאין בו מעשה אין לוקין עליו. כ״ו) תנו רבנן ד׳ דברים נאמרו בעדים זוממין, אין נעשין בן גרושה ובן חלוצה ואין גולין לערי מקלט, ואין משלמין את הכופר ואין נמכרים בעבד עברי. כ״ז) משום ר״ע אמרו אף אין משלמין על פי עצמן. כ״ח) אין נעשין בן גרושה ובן

גמרא, „רמז? והא כתיב?" דו רעדסט פון א רמז, עס איז דאך אן אפענער פסוק, „ועשיתם לו כאשר זמם? אלא רמז לעדים זוממין שלוקין מן התורה מנין?" נאר די גמרא פרעגט אויף א רמז עס זאל קומען מלקות? כ״ב) ענט־פערט די גמרא דער פסוק זאגט „והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע", וואס מיינט די ריכטער זאלען גערעכט מאכען דעם גע־רעכטען און פארשולדיגען דעם שולדיגען און אויב עס וועט האלטען ביי שלא־גען דעם רשע, איז דאך א פראגע ענדיגען זיך דען אלע משפטים מיט מלקות? „משום והצדיקו הצדיק או והרשיעו הרשע?" איז דען גערעכט מאכען דעם צדיק אדער באשולדיגען דעם רשע, דא מלקות? כ״ג) „אלא" די מיינונג איז, „עדים שהרשיעו את הצדיק" עדות האבען באשולדיגט א גערעכטען, „ואתו עדים אחריני והצדיקו את הצדיק דמעיקרא", און עס זיינען געקומען אנדערע עדות און צוריק געמאכט רעכט דעם גערעכטען פון בעפאר, „ושוינהו להני רשעים", און געמאכט די עדות רשעים, אויף דעם געהט ארויף„ והיה אם בן הכות הרשע", אז עס קומט די זוממין מלקות. כ״ד) פרעגט די גמרא, „ותיפוק ליה?" דו קענסט דאך ארויסלערנען מלקות פון פסוק „לא תענה", וואס מיינט זאלסט ניט פאלש עדות זאגען? כ״ה) ענטפערט די גמרא, „דהוי לאו שאין בו מעשה", דער לאו, לא תענה" איז א לאו וואס האט ניט קיין מעשה, פאר בלויז רעדען קומט ניט קיין מלקות. כ״ו) „תנו רבנן", די רבנן האבען געלערענט, „ד׳ דברים", פיער זאכען זיינען געזאגט געווארען ביי זוממין, זיי ווערען ניט קיין בן גרושה ובן חלוצה און ווערען ניט פארטריבען אין גלות, „ואין משלמין את הכופר", און באצאהלען ניט קיין כופר, וואס א בעל הבית דארף באצאהלען ווען זיין אקס טויטעט א מענשען, „ואין נמכרים בעבד עברי", און ווערען ניט פארקויפט פאר אן עבד עברי צו באצאהלען. כ״ז) „משום ר׳ עקיבא", פון וועגען איהם האבען זיי געזאגט אז זיי באצאהלען אויך ניט לויט אייגענע אויסזאגונג, דאס מיינט אויב זיי זיינען זיך מודה, דער בעשייד קומט ווייטער. כ״ח) די גמרא דערקלערט די פיער זאכען אין זייער רייהע, זיי ווערען ניט קיין בן גרושה אדער א בן חלוצה, „כדאמרן", ווי שוין געזאגט. כ״ט) און

חלוצה כדאמרן. כ״ט) ואין גולין לערי מקלט כדאמרן. ל) ואין משלמין את הכופר, קסברי כופרא כפרה, והני לאו בני כפרה נינהו. ל״א) מאן תנא כופרא כפרה? אמר רב חסדא ר׳ ישמעאל בנו של ר׳ יוחנן בן ברוקה היא. ל״ב) דתניא ונתן פדיון נפשו, דמי ניזק רבי ישמעאל בנו של ר׳ יוחנן בן ברוקה אומר דמי מזיק. ל״ג) מאי לאו בהא קא מיפלגי דמר סבר כופרא ממונא ומר סבר כופרא כפרה? ל״ד) אמר רב פפא לא דכולא עלמא כופרא כפרה והכא בהא קמיפלגי מר סבר בדניזק שיימינן ומר סבר בדמזיק שיימינן. ל״ה) מאי טעמייהו דרבנן נאמר השתה למטה ונאמר השתה למעלה, מה להלן בדניזק אף כאן בדניזק.

זיי ווערען ניט פארטריבען אין די רעטונגס שטעט, „כדאמרן", ווי שוין געזאָגט. ל) און זיי באצאָהלען ניט קיין כופר, „קסברי כופרא כפרה", ווייל זיי האלטען אז כופר איז פאַרגעבונג, „והני לאו בני כפרה נינהו", און די זוממין דאַרפען ניט דעם כופר, דען דער אָקס וואָס האָט געטויטעט א מענשען איז דאָך ניט געוועזען זייער. ל״א) „מאן תנא כופרא כפרה?" ווער איז דער תנא וואָס האלט אז כופר איז פאַרגעבונג? האָט רב חסדא געזאָגט ר׳ ישמעאל דער זוהן פון ר׳ יוחנן בן ברוקה איז ער. ל״ב) „דתניא", מיר האָבען געלערענט דעם פסוק (שמות כ״א) „ונתן פדיון נפשו", וואָס מיינט ער זאָל געבען אויס־לייז געלד פאר זיין נפש, „דמי ניזק", זאָגט דער ערשטער תנא, דאָס איז געלד פאַר דעם געשעדיגטען, רבי ישמעאל זאָגט, „דמי מזיק", געלד פאַר דעם שע־דיגער. ל״ג) „מאי לאו בהא קא מיפלגי?" מיינסטו דען ניט אז אין דעם קריגען זיי, „דמר סבר כופרא ממונא", דער וואָס האלט געלד פאר דעם ניזק, האלט אז כופר איז געלד וואָס דער מזיק דאַרף באצאָהלען צום ניזק׳ס יורשים פאַר׳ן ניזק, „ומר סבר כופרא כפרה", און דער וואָס האלט, געלד פאַר׳ן מזיק מיינט צו זאָגען אז כופר איז פאַרגעבונג וואָס דער מזיק דאַרף האָבען, דען ער איז שולדיג מיתה בידי שמים. ל״ד) האָט רב פפא געזאָגט „לא", ניין, „דכולי עלמא כופרא כפרה", די גאַנצע וועלט האלט אז כופר איז פאַרגעבונג, אַי איז דאָך די פראַגע אויף דעם וואָס האלט אז דאָס געלד איז פאַר דעם ניזק, דער ניזק דאַרף דאָך ניט קיין כפרה? „והכא בהא קמיפלגי", נאָר דאָ קריגען זיי אין דעם, „מר סבר בדניזק שיימינן", איינער האלט מען שאצט דעם ניזק פאַר דעם שאָדען און דער צווייטער האלט מען שאצט דעם מזיק און אַלץ צוליב פאַרגעבונג. ל״ה) די גמרא פרעגט, „מאי טעמייהו דרבנן?" פון וואנען נעמען דאָס די רבנן אַז מען שאצט דעם ניזק? ענטפער, „נאמר השתה למטה ונאמר השתה למעלה", מען לערענט ארויס פון צוויי גלייכע לשונות, איין פסוק זאָגט ביי שטויסען א שוואנגערדיגע פרוי, „כאשר ישית עליו בעל האשה", וואָס מיינט ווי דער מאַן פון דער פרוי וועט באַגרינדען, דער מזיק זאָל באצאָהלען, און דאָ זאָגט דער פסוק „אם כופר יושת עליו", אויב עס ווערט באַגרינדעט אַ כופר אויף איהם צו באצאָהלען, פונקט ווי דאָרט מיינט ישית ביים ניזק, אזוי אויך דאָ מיינט מען ביים נזק. ל״ו) „ורי ישמעאל?" וואָס

ל"ו) ור' ישמעאל? ונתן פדיון נפשו כתיב. ורבנן? אין, פדיון נפשו כתיב מיהו כי שייימנן בדניזק שיימינן. ל"ז) ואין נמכרים בעבד עברי, סבר רב המנונא למימר הני מילי היכא דאית ליה או לדידיה או לדידהו אבל היכא דלית ליה לא לדידיה ולא לדידהו, מזדבני. ל"ח) אמר ליה רבא ונמכר בגנבתו אמר רחמנא בגנבתו ולא בזוממו: ל"ט) משום ר' עקיבא אמרו וכו' מ"ט דר"ע? קסבר קנסא הוא וקנס אין משלם על פי עצמו. מ) אמר רבה תדע שהרי לא עשו מעשה (ונהרגים) ומשלמים, אמר רב נחמן תדע שהרי ממון ביד בעלים ומשלמין. (דף ג' ע"א) א) מאי

ענטפערסט דו אויף די ערשט געלערענטע פסוקים פון די רבנן? ענטפער, „ונתן פדיון נפשו כתיב", עס מיינט דער מזיק זאל געבען אן אויסלייזונג פאר זיין נפש, פרעגט די גמרא ווידער, „ורבנן?" וואס ענטפערען זיי אויף דעם פסוק? ענטפערט די גמרא, „אין", יא, „פדיון נפשו כתיב", עס שטעהט טאקע אזוי וואס מאכט צו מיינען דעם מזיק, „מיהו כי שיימינן בדניזק", אבער שאצען שאצט מען ביים ניזק, און מיט דעם איז דא א כפרה פאר דעם מזיק. ל"ז) די פיערטע זאך פון דער ברייתא אז די זוממין ווערען ניט פארקויפט פאר א עבד עברי, „סבר רב המנונא למימר", האט ער געוואלט זאגען, „הני מילי" ווען איז די רייד געזאגט, „היכא דאית ליה או לדידיה או לדידהו", וואו דער גנב האט געלד צו באצאהלען די גנבה, אדער די זוממין, ווערען זיי ניט פארקויפט, „אבל היכא דלית ליה לא לדידיה ולא לדידהו", אבער וואו דער גנב האט ניט און די זוממין האבען ניט, „מזדבני", ווערען זיי יא פארקויפט פאר די גנבה, ווייל זיי האבען איהם געוואלט מאכען פאר א גנב צו פארקויפט ווערען. ל"ח) האט רבא געזאגט צו רב המנונא, „ונמכר בגנבתו אמר רחמנא", די תורה האט געזאגט ער זאל ווערען פארקויפט פאר זיין גנבה, טייטש איך „בגנבתו ולא בזוממו", נאר פאר זיין גנבה אבער ניט פאר זיין זוממה. ל"ט) פון דער ברייתא וואס זאגט, „משום ר' עקיבא אמרו וכו' מאי טעמא דר' עקיבא?" וואס איז דער טעם פון ר"ע, וואס זאגט אויב די זוממין זיינען אנטלאפען נאך זייער הזמה פאר אן אנדער בית דין און זיך דארט מודה געווען זיינען זיי פטור. ענטפערט די גמרא, „קסבר קנסא הוא, וקנס אינו משלם על פי עצמו", ר"ע האלט אז ביי זוממין איז קנס, און קנס באצאהלט מען ניט אויף אייגענע אנער-קענונג, דען דער פסוק זאגט, „אשר ירשיעון אלקים", וואס מיינט דאס נאר וואס די דיינים באשולדיגען. מ) רבה האט אויף דעם געזאגט, „תדע", א בעוויז אז עס איז קנס, „שהרי לא עשו מעשה", דען די זוממין האבען דאך ניט געטאן קיין מעשה נאר בלויז גערעדט און פונדעסטוועגען באקומען זיי זייער פולע שטראף. אין דער ריכטונג זאגט אויך רב נחמן, „תדע, שהרי ממון ביד בעלים ומשלמים", א באווייז, דאס געלד איז נאך אין בעל הבית באזיץ, דאס מיינט די זוממים האבען נאך קיינעם ניט געמאכט צו באצאהלען, און פארט מוזען זיי באצאהלען. א) די גמרא פרעגט „מאי ניהו?" וואס איז דאס וואס רב נחמן זאגט? דאס מיינט דאך אויך, דאס זיי האבען ניט געטאן קיין

ניהו, דלא עשו מעשה, היינו דרבה. ב) אימא וכן אמר רב נחמן. ג) מאי משלם לפי חלקו אילימא דהאי משלם פלגא והאי משלם פלגא? תנינא, משלשין בממון ואין משלשין במלקות? ד) אלא כגון דאיתזום חד מנייהו, דמשלם פלגא דידיה. ומי משלם? ה) והא תניא אין עד זומם משלם ממון עד שיזומו שניהם? ו) אמר רבא באומר עדות שקר העדתי. ז) כל כמיניה, כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד? ח) אלא באומר העדנו והוזמנו בבית דין פלוני? ט) כמאן דלא כר׳ עקיבא? דאי כר״ע הא אמר אף אינו משלם על פי עצמו? י) אלא באומר העדנו והוזמנו בבי״ד פלוני וחוייבנו ממון. י״א) סלקא דעתך אמינא כיון דלחבריה לא מצי

מעשה, „היינו דרבה?" איז עס דאס אייגענע וואס רבה זאגט? ענטפערט די גמרא „אימא וכן אמר רב נחמן", זאג איבער דעם טעקסט פון דער גמרא, מיט דעם ווארט „וכן", און אזוי אויך האט רב נחמן געזאגט. ב) ר׳ יודא האט געזאגט פון רב׳ס וועגן „עד זומם משלם לפי חלקו", אן עדות א זומם באצאהלט לויט זיין חלק. ג) די גמרא פרעגט, „מאי משלם לפי חלקו?" וואס מיינט דאס ער באצאהלט לויט זיין חלק? „אילימא, דהאי משלם פלגא והאי משלם פלגא", ווערסטו וועלען זאגען, אז דער באצאהלט העלפט און דער באצאהלט א העלפט, „תנינא?" מיר האבען דאך שוין דאס געלערענט? „משלשין בממון ואין משלשין במלקות?" דאס מען טיילט ביי געלד אבער ניט ביי מלקות? ד) „אלא", זאגט די גמרא, „כגון דאיתזום חד מנייהו דמשלם פלגא דידיה", ווערסטו ווארשיינליך זאגען, אז נאר איינער פון זיי איז געווארען א זומם און ער באצאהלט זיין העלפט? „ומי משלם?" באצאהלט ער דען? ה) „והא תניא" מיר האבען דאך געלערענט, „אין עד זומם משלם ממון, עד שיזומו שניהם?" איין עדות א זומם באצאהלט ניט קיין געלד ביז בײדע ווערען זוממין? ו) האט רבא געענטפערט אז עס שמועסט „באומר", דאס דער עדות האט צוגעגעבען זאגענדיג איך האב פאלש עדות געזאגט. ז) די גמרא פרעגט, „כל כמיניה?" איז עס דען ווי זיין ערקלערונג, „כיון שהגיד", אויב ער האט שוין איין מאהל געזאגט „שוב אינו חוזר", קאן ער דאך מעהר ניט צוריק זאגען? ח) „אלא", נאר מוזטו דאך זאגען, „באומר העדנו והוזמנו", אז עס שמועסט דאס זייער ערקלערונג איז געווען, מיר האבען עדות געזאגט און מזים געווארען ביי דעם און דעם בית דין? ט) פרעג איך דיר „כמאן דלא כר"ע", עס וועט ניט אויסקומען ווי ר׳ עקיבא, ער זאגט דאך, ווי אויבען שוין געזאגט אז א עד זומם באצאהלט ניט לויט זיין אייגענע אויסזאגונג? י) „אלא" נאר עס שמועסט דאס זיי זאגען, מיר האבען עדות געזאגט און מזים געווארען ביים ב״ד, „וחוייבנו ממון", און פעראורטהיילט צו באצאהלען דאס געלד, איז עס שוין ניט קיין פראגע וועגען מודה זיין. י״א) „סלקא דעתך אמינא", וואלט איך מיינען, „כיון דלחבריה לא מצי מחייב", דאס וויל ער קען ניט באשולדיגען זיין חבר דעם צווייטען עדות דען ער איז דאך ניט באגלויבט, „איהו נמי לא מחייב", זאל ער אויך ניט דארפען באצאהלען, „קמ"ל", לאזט ער אונז

מחייב ליה איהו נהי לא מחייב קא משמע לן. **מתנ׳.** י״ב) מעידין אנו את איש פלוני שגירש את אשתו ולא נתן לה כתובתה, והלא בין היום ובין למחר סופו ליתן לה כתובתה. י״ג) אומדין כמה אדם רוצה ליתן בכתובתה של זו שאם נתאלמנה או נתגרשה, ואם מתה יירשנה בעלה. י״ד) **גמ׳.** כיצד שמין אמר רב חסדא בבעל רב נתן בר אושעיא אומר באשה. ט״ו) אמר רב פפא באשה ובכתובתה. ט״ז) **מתני׳.** מעידין

הערען אז א עד זומם באצאהלט לויט זיין חלק, און די ברייתא „משלשין בממון" מיינט ווען ביידע באצאהלען: י״ב) די משנה זאגט א פאל, עדות האבען געזאגט „מעידין אנו", מיר זאגען עדות דאס דער יעניגער מאן האט אבגע׳גט זיין פרוי און ער האט איהר די כתובה ניט געגעבען, און נאטירליך דער מאן לייקענט עס, „והלא בין היום ומחר", צוואר דאס היינט אדער שפעטער קען

דאך זיין „סופו ליתן לה", דאס ער וועט איהר מוזען געבען די כתובה, איז דא א פראגע ווי אזוי דער דין זוממין געהט דא אן. י״ג) דער דין איז „אומדין", מען שאצט אפ, „כמה אדם רוצה ליתן", וויפיל א מענש וואלט געבען פאר איהר כתובה אין דעם צווייפעלהאפטען צושטאנד, וואס זי קען נאר קאלעקטען דאן, „שאם נתאלמנה או נתגרשה", ווען זי ווערט אן אלמנה אדער ער גט איהר, „ואם מתה", ווען אבער זי שטארבט פריהער, ירש׳ענט איהר דער מאן. גמ׳. י״ד) די גמרא פרעגט, „כיצד שמין ?" ווי אזוי שאצט מען, צו פארשטען די פראגע מוז מען ערקלערען די צוויי שאצונגען דא, דעם מאן׳ס ריוח אויסקוק אין פאל זי שטארבט, דאגעגען דער ווייב׳ס ריוח ווען ער שטארבט, די געוועהנליכע כתובה איז 200 דאלאר, לאמיר רעכענען די צוויי שאנסען יעדע צו הונדערט דאלאר, אבער צו פארקויפען יענעם דעם זכות, מוז מען נעמען וויינינער, לאמיר נעמען א ביישפיל אויף 50 דאלאר, אויב איך וועל שאצען דעם מאן׳ס זכות, פון אויסקוק דאס זיין ווייב שטארבט, פאר 50 דאלאר ,אט די 50 דאלאר האבען איהם די עדות געוואלט מאכען שאדען, דען אויב די עדות וואלטען ניט מזים געווארען, וואלט דער מאן פארלארען די געלעגענהייט צו פארקויפען עם פאר 50 דאלאר. דאגעגען אבער, דער פרוי׳ס ריוח אויסקוק, וואס דער מאן וואלט באצאהלען אבקויפענדיג עס פאר 50 דאלאר, באטרעפט דער שאצונג 150 דאלאר, דען די זוממין וואלטען איהם געמאכט פארלירען אט די 150 דאלאר, איז דאך עס א גרויסער אונטערשייד צווישען די צוויי שאצונגען, וואס רב חסדא און רב נתן זאגען. ט״ו) רב פפא זאגט מען שאצט ביי דער פרוי און איהר כתובה. רב פפא׳ס געדאנק איז, ווייל די אמוראים וואס זאגען, מען שאצט דעם מאן אדער די פרוי ,קען קומען א טעות אין פשט פון זייער מיינונג, צום ביישפיל ביי דעם מאן, קען הייסען איך שאץ זיין ריוח אויסקוק, עס קען אויך הייסען איך שאץ ביי דעם מאן אויב ער שטארבט, דאס זעלבע קען זיך ענדערען אין באגריף ביי דער פרוי, און אזוי ווי רב פפא איז דאך דא דער ענטשיידער, מאכט ער דא די ערקלערונג צו פערמיידען דעם טעות און זאגט עס בפירוש „באשה ובכתובתה", איך מיין צו זאגען מען שאצט די פרוי און

אנו איש פלוני שהוא חייב לחברו אלף זוז על מנת ליתנן לו מכאן ועד שלשים יום והוא אומר מכאן ועד עשר שנים. י״ז) אומדים כמה אדם רוצה ליתן, ויהיו בידו אלף זוז בין נתנו מכאן ועד ל׳ יום בין נתנו מכאן ועד עשר שנים. גמ׳. י״ח) אמר רב יהודה אמר שמואל המלוה את חברו לעשר שנים שביעית משמטתו. (דף ג׳ ע״ב). י״ט) ואף על גב דהשתא לא קרינן ביה לא יגוש, סוף אתי לידי לא יגוש. כ׳) מתיב רב כהנא אומדים כמה אדם רוצה ליתן ויהיו אלף זוז בידו בין ליתן מכאן ועד ל׳ יום ובין ליתן מכאן ועד עשר שנים ואי אמרית שביעית משמטתו כלהו נמי בעי שלומי ליה? כ״א) אמר רבא הכא במאי עסקינן במלוה על המשכון ובמוסר שטרותיו לבית דין. כ״ב) דתנן המלוה על המשכן והמוסר שטרותיו לב״ד אין משמיטין. כ״ג) איכא דאמרי אמר רב יהודה אמר שמואל המלוה את חברו לעשר שנים, אין שביעית משמטתו ואף על

פאר איהר ריוח אין דער כתובה, דאס איז די שאצונג, ניט אויב זי שטארבט. ט״ז) די משנה זאגט, עדות זאגען „מעידין אנו״, מיר זאגען עדות אויף דעם יעניגען מענש דאס ער איז שולדיג זיין חבר טויזענד דאלאר צאהלבאר צו דרייסיג טעג, דער חבר טענה׳ט דאס די צאהלונג איז ביז 10 יאהר. י״ז) דער דין איז, „אומדין כמה אדם רוצה ליתן״, מען שאצט אפ וויפיל א מענש וואלט געבען מעהר, „ויהיו בידו אלף זוז״, צו האבען טויזענד דאלאר פאר צעהן יאהר, ווי פאר דרייסיג טעג, דען דעם פרייז האבען איהם די עדות געוואלט שאדען. גמ׳. י״ח) ר׳ יהודא האט געזאגט פון שמואל׳ס וועגן, „המלוה״, אז איינער לייהט צו זיין חבר, געלד אויף צעהן יאהר, „שביעית משמטתו״, ווען עס קומט שמיטה מאכט עס פארפאלען זיין געלד. י״ט) איך וואלט מיינען ווייל ביי שמיטה שטעהט דאך „לא יגוש״, וואס מיינט ער קען איהם ניט מאהנען זיין געלד, און סאי ווי סאי קען ער איהם דאך ניט מאהנען ביז צעהן יאהר, וואלט איך מיינען דאס שמיטה איז ניט חל אוף דעם חוב, לאזט ער מיך הערען „ואף על גב דהשתא לא קרינן״, דאס כאטש איך קען יעצט ניט לייענען דעם לא יגוש, אבער סוף כל סוף וועט עס קומען צו לא יגוש. כ) „מתיב״, רב כהנא האט געפרעגט אויף שמואל׳ס דין, פון דער משנה וואס זאגט דאס מען שאצט וויפיל א מענש וואלט געבען צו האבען טויזענד דאלאר צווישען דרייסיג טעג און צעהן יאהר, „ואי אמרית״, לויט דו זאגסט אז שמיטה איז משמט, „כלהו נמי בעי שלומי״, מוז ער דאך אין גאנצען באצאהלען איידער שמיטה קומט? כ״א) רבא פאר־ענטפערט „הכא במאי עסקינן״, אז דא שמועסט פון אן אנלייהע אויף א משכן „ובמוסר שטרותיו״, אדער ווען ער גיט איבער דעם שטר חוב צו ב״ד. כ״ב) „דתנן״, דען מיר האבען געלערענט אין א משנה (שביעית פ״י) ווען איינער לייהט געלד אויף א משכן אדער ווען ער גיט איבער דעם נאוט צום בית־דין פאר שמיטה, איז שמיטה ניט משמט ווייל דער מלוה איז קונה דעם משכן, און דער בית דין איז קונה דעם שטר חוב, געהט דאך ניט אן דאביי לא יגוש וואס מיינט ער זאל ניט מאהנען דען ער מאנט דאך ניט. כ״ג) „איכא דאמרי״,

גב דאתי לידי לא יגוש השתא מיהא לא קרינן ביה לא יגוש. כ"ד) אמר רב כהנא אף אנן נמי תנינא אומדין כמה אדם רוצה ליתן ויהיו אלף **זוז בידו בין ליתן מכאן ועד ל' יום ובין ליתן מכאן ועד עשר שנים,** ואי אמרית שביעית משמטתו כלהו נמי בעו שלומי ליה: אמר רבא הב"ע במלוה על המשכן ובמוסר שטרותיו לב"ד דתנן המלוה על המשכן והמוסר שטרותיו לב"ד אין משמיטין. כ"ה) ואמר רב יהודה אמר שמואל האומר לחברו על מנת שלא תשמיטני שביעית, שביעית משמטת. כ"ו) לימא קסבר שמואל מתנה על מה שכתוב בתורה היא וכל מתנה על מה שכתוב בתורה תנאו בטל. כ"ז) והא איתמר האומר לחברו על מנת שאין לך עלי אונאה רב אמר יש לו עליו אונאה ושמואל אמר אין לו עליו אונאה. כ"ח) הא איתמר עלה אמר רב ענן לדידי מפרשא ליה

א טהייל זאָגען אזוי. האָט רב יודא געזאָגט פון שמואל'ס וועגען, אז איינער לייהעט צו זיין פריינד געלד אויף צעהן יאָהר איז שמיטה ניט משמט, כאָטש עס וועט דאָך אמאָל מוזען קומען צו לא יגוש, יעצט אָבער איז ניט דאָ קיין לא יגוש. כ"ד) אויף דעם ברענגט רב כהנא א באַוויז פון אונזער משנה, וואָס זאָגט מען שאַצט אָפּ וויפיל א מענש וואָלט געבען צו האָלטען טויזענד דאָלאַר פון דרייסיג טעג ביז צעהן יאָהר, „ואי אמרית", און אויב מיר זאָגען אז שביעית איז משמט וואָלט ער דאָך אין גאַנצען באַצאָהלען מוזען, פאַר שמיטה", מוז אודאי זיין אז שמיטה איז ניט משמט. רבא ווענדט אָפּ, אז לעולם זאָגען מיר אז שמיטה איז יאָ משמט, אי ער וואָלט דאָך מוזען אַלעם באַצאָהלען פאַר שמיטה, „הכא במאי עסקינן", נאָר דאָ שמועסט דאָס די אַנ־לייהע איז אויף א משכן אָדער ער גיט איבער דעם שטר צום ב"ד שמיטה זאָל ניט משמט זיין. „דתנן", דען מיר האָבען געלערענט „המלוה על המשכון" דער וואָס לייהעט אויף א משכון, „והמוסר", אָדער ווער עס גיט איבער די וועקסלען צו ב"ד איז ניט משמט. כ"ה) נאָך האָט רב יודא געזאָגט פון שמואל'ס וועגען אז איינער זאָגט צו זיין חבר איך ענטלייה דיר געלד „על מנת", אויפ'ן באַדינג דאָס שמיטה זאָל מיר ניט משמט זיין איז שמיטה יאָ משמט. כ"ו) די גמרא פרעגט „לימא קסבר", צו מוזען מיר זאָגען אז שמואל האלט די סברא „מתנה על מה שכתוב", אז דאָס הייסט, ער רעדט זיך אוים אויף דאָס וואָס איז געשריבען אין דער תורה, און דער וואָס מאַכט א באַדינג אויף דאָס וואָס איז געשריבען אין דער תורה איז זיין באַדינג גאָרניט ווערט. כ"ז) „והא איתמר?" מיר האָבען דאָך געלערענט פון שמואל'ס וועגען פאַרקערט? אז איינער זאָגט צו זיין חבר, אויף דעם באַדינג פאַרקויף איך דיר, דו זאָלסט אויף מיר ניט האָבען קיין דין אונאה פון גענאַרען, רב זאָגט ער קען יאָ האָבען א טענה פון אָבנאַרען און שמואל זאָגט ער קען אויף איהם ניט האָבען די טענה פון אָבנאַרען, זעהסטו דאָך דאָס שמואל האלט אז מען קען זיך יאָ אויסריידען א באַדינג וואָס איז פאַרזאָגט אין דער תורה. כ"ח) ענטפערט די גמרא, „הא איתמר עלה", עס איז טאַקע געלערענט דאַרויף, דאָס רב ענן האָט

(לי) מיניה דשמואל על מנת שאין לך עלי אונאה אין לו עליו אונאה על מנת שאין בו אונאה הרי יש בו אונאה. כ״ט) הכי נמי על מנת שלא תשמטני בשביעית, אין שביעית משמטתו על מנת שלא תשמטני שביעית שביעית משמטתו. ל) תנא המלוה את חברו סתם אינו רשאי לתובעו פחות מל׳ יום. ל״א) סבר רבה בר בר חנה קמיה דרב למימר הני מילי במלוה בשטר דלא עביד איניש דטרח דכתב שטר בציר מתלתין יומין אבל מלוה על פה לא. ל״ב) אמר ליה רב הכי אמר חביבי אחד המלוה בשטר ואחד המלוה על פה. ל״ג) תניא נמי הכי המלוה את חברו סתם אינו רשאי לתובעו פחות משלושים יום, אחד המלוה בשטר ואחד המלוה על פה. ל״ד) אמר ליה שמואל לרב מתנה לא תיתיב אכרעיך עד דמפרשת לה להא שמעתא, מנא הא מלתא דאמיר רבנן המלוה את חברו סתם אינו רשאי לתובעו פחות מל׳ יום אחד המלוה בשטר ואחד המלוה על פה. ל״ה) אמר ליה דכתיב קרבה שנת השבע שנת השמיטה,

---

געזאָגט, „מפרשא ליי ״, עס איז בעשייד געוואָרען פון שמואל אזוי, „על מנת שאין לך עלי אונאה״, אויב ער האָט געזאָגט, אויף דעם תנאי זאָלסט אויף מיר ניט האָבען קיין טענה פון נארערייי איז דער תנאי גילטיג, אויב אָבער ער האָט געזאָגט, „על מנת שאין בו אונאה״, אויף דעם תנאי אז עס איז ניטאָ דאָרין קיין נארעריי, און מיר זעהען דאָך אז עס איז יאָ דאָ, דארום האלט רב שמואל ער האָט אויף איהם טענת אונאה. כ״ט) „הכי נמי״, אזוי אויך דאָ אויב ער האָט געזאָגט אויף דעם תנאי זאָלסט מיר ניט משמט זיין מיין געלד אין שביעית, איז דער תנאי גילטיג, אויב אָבער ער האָט געזאָגט, שביעית זאָל מיר ניט משמט זיין, איז שביעית יאָ משמט, ווייל ער האָט ניט דעם כח דער תורה׳ס געבאָט צוריק צו האלטען. ל) „תנא״, מיר האָבען געלערענט אז איינער לייהעט זיין חבר געלד אָהן א צייט באדינג, טאָר ער איהם ניט מאָנען בעפאָר דרייסיג טעג. ל״א) „סברי״, רבה בר בר חנה האָט געוואָלט זאָגען, „קמיה דרב״, פאר רב׳ן, „הני מילי במלוה בשטר״, אז דאָס מיינט נאָר אן אנלייהע אויף א שטר, „דלא עביד איניש דטרח דכתב בשטר״, דען אַ מענש איז זיך ניט מטריח צו שרייבען א וועקסעל „בציר מתלתין יומין״, אויף ווייניגער ווי דרייסיג טעג, „אבל מלוה על פה לא״, אָבער א מינדליכע אַנלייהע ניט, ל״ב) האָט אים רב געענטפערט, „הכי אמר חביבי״, אזוי האָט מיין פעטער געזאָגט, סאַי מלוה אויף א שטר סאַי מינדליך. ל״ג) „תניא נמי הכי״, מיר האָבען אויך אזוי געלערענט אין א ברייתא, „המלוה סתם״, אז איינער לייהעט זיין פריינד סתם אָהן שום באדינג, „אינו רשאי לתבעו״, טאָר ער איהם ניט מאָנען פאר דרייסיג טעג, „ואחד המלוה בשטר וכוי ״, קיין אונטערשיעד צו די הלואה איז דורך א שטר אָדער מינדליך. ל״ד) שמואל האָט געזאָגט צו רב מתנה, „לא תיתיב אכרעך״, זאָלסט דיך ניט זעצען אויף דיינע פיס, „עד דמפרשית לה להא שמעתא״, ביז דו וועסט מיר ניט דערקלערען דעם דין, „מנא הא מלתא״, פון וואנען איז די זאך געדרונגען, וואָס די רבנן האָבען אקאָרשט געזאָגט אז סתם

ממשמע שנאמר קרבה שנת השבע איני יודע שהיא שנת השמיטה אלא מה תלמוד לומר שנת השמיטה לומר לך יש שמיטה אחרת שהיא כזו ואיזו זו המלוה את חברו סתם שאינו רשאי לתובעו בפחות משלשים יום, דאמר מר שלשים יום בשנה חשוב שנה. ל"ו) ואמר רב יהודה אמר רב הפותח בית הצואר בשבת חייב חטאת. ל"ז) מתקיף לה רב כהנא וכי מה בין זה למגופת חבית? אמר ליה זה חבור וזה אינו חבור. ל"ח) ואמר רב יהודה אמר רב שלשת לוגין מים שנפל לתוכן קורטוב של יין ומראיהן כמראה יין ונפלו למקוה לא פסלוהו. ל"ט) מתקיף לה רב

הלואה טאָר מען ניט מאָנען פאר דרייסיג טעג. ל"ה) „אמר ליה דכתיב", האָט איהם רב מתנה געענטפערט עס איז געשריבען „קרבה שנת השבע שנת השמטה" וואָס מיינט, עס איז געקומען דאָס זיבעטע יאָהר דאָס יאָהר פון שמיטה, איז דאָך אַ פראַגע עס וואָלט גענוג געווען צו זאָגען „קרבה שנת השבע", דאָס הייסט דאָס זיבעטע יאָהר, צו וואָס באַצייכענט ער עס מיט נאָך אַ סימן שנת השמיטה, ווייס איך דען ניט אַז דאָס איז שמיטה יאָהר. איז דען דאָ נאָך אַ שמיטה וואָס איז ניט אין זיבעטען יאָהר וואָס ער באַצייכענט דאָ שנת השבע, נאָר מוז אוודאי זיין אַז טאקע דאָס וויל ער מיך לאָזען הערען וועגען נאָך אַ שמיטה, און דאָ שמועסט פון אַ שנת השבע שנת השמיטה, אָבער איז פאראַן וואָס הייסט בלויז שנת השמיטה און דאָס איז אַז איינער לייהעט דעם אַנדערען געלד סתם אַז ער טאָר איהם ניט מאָהנען פאר דרייסיג טעג, דען דרייסיג טעג אין יאָהר האַלט מען עס ווי אַ יאָהר. דען שנה מיינט אַ צייט וועקסלונג דורך דער זון און חודש דורך דער לבנה. די דרשה איז באַזירט ווייל דער פסוק קרבה שנת השבע געהט אויף'ן פסוק „פתוח תפתח והעבט תעביטנו", דאָס מען איז מחויב צו געבען און באָרגען געלד צו אַן אָרימאַן, און מען טאָר זיך ניט באַפרייען דערפון צוליעב שמיטה יאָהר, איז געוויים דער דאָבעלער לשון צו לאָזען הערען דאָס סתם הלואה איז דרייסיג טעג. ל"ו) נאָך האָט רב יודא געזאָגט פון רב'ס וועגען אַז איינער עפענט אַ האַלז-עפענונג ביי אַ העמד אין שבת איז ער חייב אַ קרבן חטאת. ל"ז) „מתקיף", רב כהנא האָט אויף דעם געפרעגט, „וכי מה בין זה למגופת חבית", וואָס פאַר אַן אונטערשיעד איז צווישען דעם און אַ שפונד-עפענונג. האָט ער איהם געענטפערט, „זה חבור וזה אינו חבור", דאָס איז באַהאַפטען, הייסט עס געפיקסט אַ כלי, דאַגעגען דער שפונד פון אַ פאַס איז ניט באַהעפט כאָטש עס איז געווען צוגעקלעפּט, דאָס מען מוז עס אָבהאַקען. ל"ח) נאָך האָט רב יודא געזאָגט פון רב'ס וועגען, „שלשת לוגין מים שנפל לתוכן קורטוב של יין", דריי קוואָרט וואַסער און אין זיי איז אַריינגעפאַלען אַ קורטוב (אביסעלע) וויין וועלכעס האָט געענדערט דאָס וואַסער אין אַ וויין געשטאַלט, „ומראיהן כמראה יין ונפלו למקוה", און אין דעם צושטאַנד זיינען זיי אַריינגעפאַלען אין דער מקוה האָבען זיי איהר ניט גע'פסל'ט, כאָטש געשעפּט וואַסער פסל'ן אַ מקוה, אָבער ניט ווען זיי זיינען אין געשטאַלט פון וויין. ל"ט) „מתקיף", רב כהנא האָט אויף דעם געפרעגט,

כהנא וכי מאי בין זה למי צבע דתנן (מקואות פ"ז מ"ז) ר' יוסי אומר מי צבע פוסלין את המקוה בשלשת לוגין. מ) אמר ליה רבא התם מיא דצבע מקרי, הכא חמרא מזיגא מקרי. מ"א) והתניא רבי חייא הורידו את המקוה אמר רבא לא קשיא הא רבי יוחנן בן נורי הא רבנן. א) דתנן שלשת לוגין מים (דף ד' ע"א) חסר קורטוב שנפל לתוכן קורטוב יין ומראיהן כמראה יין ונפלו למקוה לא פסלוה. ב) וכן ג' לוגין מים חסר קורטוב שנפל לתוכן קורטוב חלב ומראיהן כמראה מים ונפלו למקוה לא פסלוהו, ר' יוחנן בן נורי אומר הכל הולך אחר המראה. ג) והא מבעיא בעי לה רב פפא? דבעי רב פפא רב תני חסר קורטוב ברישא, אבל שלשה לוגין לתנא קמא פסלי ואתא ר' יוחנן למימר הכל הולך אחר המראה, ורב דאמר כר' יוחנן בן נורי. ד) או דלמא רב לא תני חסר קורטוב ברישא,

---

„וכי מאי בין זה למי צבע", וואס פאר אן אונטערשיעד איז עס צווישען דעם און געפארבט וואסער, וואס מיר האבען געלערענט אין א משנה אז ר' יוסי זאגט דאס דריי קווארט געפארבט וואסער פסל'ען די מקוה. מ) האט רבא גע־ענטפערט, „התם מיא דצבע מיקרי", דארט הייסט עס געפארבט וואסער, „הכא חמרא מזיגא מקרי", און דא הייסט עס געשטעלטער וויין און וויין פסל'ט ניט קיין מקוה. מ"א) די גמרא פרעגט ר' חייא האט דאך געלערענט, „הורידו את המקוה", דאס די חכמים האבען געגידערט די מקוה פון כשר אויף פסול האט רבא געזאגט עס איז ניט קיין פראגע, רב'ס דין קומט ווי ר' יוחנן בן נורי וואס ער געהט נאך געשטאלט, און ר' חייא ווי די רבנן. א) „דתנן", דען מיר האבען געלערנט אין א משנה דריי קווארט וואסער וועניגער א קורטוב און אין זיי איז אריינגעפאלען א קורטוב וויין און נאכהער אריינגעפאלען אין מקוה, האבען זיי איהר ניט גע'פסל'ט ווייל עס האט געפעהלט צום וואסער א קורטוב, אבער פולע דריי לוגין איז פסול, און דאס איז וואס ר' חייא האט אויבען געזאגט. ב) „וכו'", און אזוי אויך דריי לוגין וואסער ווייניגער א קורטב „שנפל לתוכן קורטוב חלב", און אין זיי איז אריינגעפאלען א קורטוב מילך אין דער געשטאלט איז געבליבען וואסער און אזוי אריינגעפאלען אין מקוה האט עס איהר ניט גע'פסל"ט צוליב פעהלענדען קורטוב. ר' יוחנן זאגט, „הכל הולך אחר המראה", אלעס געהט נאכ'ן געשטאלט, אויב עס האט א וויין אדער מילך געשטאלט פסל'ט עס ניט די מקוה, ווען אפילו פולע דריי לוגין, און רב האלט ווי ר' יוחנן בן נורי. ג) די גמרא פרעגט, „והא מבעי בעי לה רב פפא?" דו זעצט איין דאס רב האלט ווי ר' יוחנן אז אפילו דריי לוגין פסל'ען ניט ווען זיי זיינען אין א וויין קאליר, אמעהר רב פפא האט דאס ערשט צו פראגע געשטעלט? צו זאג איך, „רב תני חסר קורטוב ברישא", אז רב לערענט די אנפאנג משנה חסר קורטוב, „אבל שלשה לוגין", אבער דריי לוגין פולע „לתנא קמא פסלי", נאכ'ן ערשטען תנא פסל'ען, „ואתא רי יוחנן למימר", און אויף דעם קומט ר' יוחנן צו זאגען אז אלעס געהט נאכ'ן קאליר און רב שטימט איין מיט ר' יוחנן. ד) „או דילמא" אדער פיליכט לערענט רב ניט אין דער רישא פון דער משנה, די ווערטער „חסר

ור׳ יוחנן בן נורי כי פליג אסיפא הוא דפליג ורב דאמר כדברי הכל. ה) לרב פפא מיבעיא ליה, לרבא פשיטא ליה . ו) אמר רב יוסף לא שמיעא לי הא שמעתא, אמר ליה אביי את אמרית לן ניהלן והכי אמרית ניהלן, דרב לא תני חסר קורטוב ברישא, ור׳ יוחנן אסיפא פליג ורב דאמר כדברי הכל. ז) ואמר רב יהודה אמר רב חבית מליאה מים שנפלה לים הגדול הטובל שם לא עלתה לו טבילה חיישינן לשלשה לוגין שלא יהו במקום אחד. ח) ודוקא לים הגדול דקאי וקיימא אבל נהרא בעלמא לא. ט) תניא נמי הכי חבית מלאה יין שנפלה לים הגדול הטובל שם לא עלתה לו טבילה חיישינן לשלשה לוגין שאובין שלא יהו במקום אחד.

קורטוב״, און ר׳ יוחנן, „כי פליג אסיפא הוא דפליגי״, קריגט נאר אויף דער סיפא און זאגט אז אלעם געהט נאכ׳ן קאליר, אפילו ווען עס איז פולע ג׳ לוגין, און די רבנן וואס פסל׳ען ניט די מקוה איז נאר צוליב ווייל עס פעהלט א קורטוב, און מילך קען דאס ניט ערגענצען, „ורב כדברי הכל״, און רב מיינט צו זאגען לויט ביידע דען אלע האלטען דאך וויניגסטענס אז איך געה אין דין נאכ׳ן קאליר, אויב מראה יין, פסל׳ט עס ניט די מקוה. ה) ענטפערט די גמרא נאך רב פפא איז עס טאקע ערשט א פראגע, אבער נאך רבא איז דאס א געוויס, אז אין די רישא שטעהט „חסר קורטוב״, דאס מיינט דער ערשטער תנא אדער ווי מען רופט די רבנן, זיי קוקען ניט, נאר אויפ׳ן שיעור, און רב פאסט אויף אויפ׳ן קאליר אזוי ווי ר׳ יוחנן בן נורי. ו) רב יוסף האט אויף דעם געזאגט „לא שמיעא לי הא שמעתא״, איך בין דאך רב יהודא׳ס תלמיד און איך האב ניט געהערט פון איהם די הלכה, האט איהם אביי געזאגט, „את אמרית לן ניהלן והכי אמרית״, דו האסט אונז דאס געזאגט (רב יוסף האט דורך א קראנקהייט פארגעסען דאס לערנען האט איהם אביי דערמאנט) און אזוי האסטו אונז געזאגט, דאס רב שטעלט ניט אריין די ווערטער „חסר קרטוב״, אין דער רישא און ר׳ ויחנן קריגט אויף דער סיפא און רב זאגט ווי אלע, און אלע האלטען דאך דאס עס ווענדעט זיך נאכ׳ן קאליר. ז) נאך האט רב יודא געזאגט פון רב׳ס וועגען, „חבית מלאה מים שנפלה לים הגדול״, א פול פאס וואסער וואס איז אריינגעפאלען אין ים הגדול, „הטובל שם״, דער וואס איז זיך טובל דארט, „לא עלתה לו טבילה״, איז די טבילה ניט גילטיג, „חיישינן שלא יהו במקום אחד״, ווייל עס איז צו באזארגען טאמער זיינען דריי לוגין פון דעם וואסער אויף איין פלאץ. ח) „ודוקא״, דאס אקארשט געזאגטע מיינט טאקע נאר אין ים הגדול, „דקאי וקיימא״, ווייל ער איז שטעהענדיג וואסער, „אבל נהרא בעלמא לא״, אבער אנדערע שטראמען וואסער איז ניט דא צו בעזארגען וועגען ג׳ לוגין געשעפטע וואסער אויף איין פלאץ דען עס ווערט צוריסען פון שטראם. ט) „תניא נמי הכי״, מיר האבען אויך אזוי געלערענט אין א ברייתא אז עס איז צו בעזארגען אין ים הגדול דאס די אריינגעפאלענע (וואסער) זאל ניט שטעהן אויף איין פלאץ, דען ער זאגט, א פולער פאס ווין איז אריינגעפאלען אין ים הגדול, אויב איינער איז זיך טובל דאמאלסט ווערט ניט גערעכענט

י) וכן ככר של תרומה שנפל שם טמא. י"א) מאי וכן, מאי דתימא התם אוקי גברא אחזקיה הכא אוקי תרומה אחזקה קמ"ל. י"ב) **מתני'.** מעידין אנו באיש פלוני שחייב לחברו מאתים זוז ונמצאו זוממין לוקין ומשלמין שלא השם המביאן לידי מכות, מביאן לידי תשלומין דברי ר' מאיר. י"ג) וחכמים אומרים כל המשלם אינו לוקה. י"ד) מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב מלקות ארבעים ונמצאו זוממין לוקין שמונים משום לא תענה ברעך עד שקר ומשום ועשיתם לו כאשר זמם דברי ר' מאיר וחכמים אומרים אין לוקין אלא ארבעים. **גמ'.** (דף ד' ע"ב) ט"ו) בשלמא לרבנן כדי רשעתו כתיב משום רשעה אחת אתה מחייבו ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות, אלא ר"מ מאי טעמא ? ט"ז) אמר עולא

די טבילה ווייל איך האָב מורא פאַר דריי לוגין געשעפּטע אויף איין פּלאַץ. י)און אַזוי אויך אויב עס איז דאָרט אריינגעפאַלען ברויט וואָס איז תרומה איז עס טמא דען איך האָב מורא דאָס דער טמא וויין שטעהט נאָך אויף דעם זעלבען פּלאַץ וואו דער טמא מענש האָט זיך טובל געווען און עס האָט באַרירט די תרומה. י"א) „מאי וכן ? " די גמרא פרעגט וואָס זאָגט ער עפּעס „וכן", וואָס מיינט, אַזוי אויך דאָס, אוודאי ווייס איך אז די תרומה ווערט טמא. ענטפערט די גמרא, „מאי דתימא", איך וואָלט מיינען, „אוקי גברא אחזקיה", אז דאָרט שטעל איך דעם מאַן אויף דער חזקה פון פריהער, און פריהער איז ער דאָך געווען טמא בלייבט ער טמא, אַזוי אויך ביי דער תרומה שטעל איך איהר אויף איהר חזקה פון פריהער, און פריהער איז זי דאָך געווען ריין, איז זי יעצט אויך ריין ? „קא משמע לן", לאָזט ער מיר הערען, אַז זי איז געוואָרען טמא. י"ב) משנה. מיר זאָגען עדות אויף דעם יעניגען מאַן דאָס ער קומט זיין חבר צוויי הונדערט דאָלאַר און זיי זיינען מזים געוואָרען, קריגען זיי מלקות און באַצאָהלען דאָס געלד, „שלא השם המביאן לידי מלקות", דען ניט די זעלבע אורזאַכע וואָס ברייגגט זיי צו מלקות, „מביאן לידי תשלומין", ברייגגט זיי צו באַצאָהלען אַזוי זאָגט ר' מאיר. י"ג) און די חכמים זאָגען ווער עס באַצאָהלט דער קריגט קיין מלקות דען דער פסוק זאָגט „כדי רשעתו", וואָס מיינט פאַר זיין שלעכטעס, דאָס הייסט פאַר איין שלעכטעס ווערט ער באַשטראָפט ניט פאַר צוויי. י"ד) מיר זאָגען עדות אויף דעם יעניגען דאָס ער איז חייב מלקות פערציג און זיינען געפונען געוואָרען זוממין, קריגען זיי אַכציג, איין מלקות פאַר דעם לאו לא תענה, און איין מלקות פאַר דעם פסוק „ועשיתם לו כאשר זמם", אַזוי האַלט ר' מאיר און די חכמים זאָגען זיי קריגען ניט מעהר ווי איין מלקות, צוליב דעם פסוק כדי רשעתו ווי אויבען באַמערקט. ט"ו) גמ'. „בשלמא", נאָך די רבנן וואָס זאָגען עס קומט איהם נאָר איין שטראָף איז רעכט, דען דער פסוק זאָגט „כדי רשעתו", דו קענסט איהם געבען איין שטראָפע נאָר, ניט קיין צוויי, אָבער ר' מאיר, וואָס איז זיין טעם, ווארום דרינגט ער אויף ביידע שטראָפעם ? ט"ו) האָט עולא געענטפערט, „גמר ממוציא שם רע", איך לערן ארויס פון מוציא שם רע, און (דברים כ"ב) אַז איינער ברייגגט ארויס א שם רע אויף יענעם'ס טאָכטער

גמר ממוציא שם רע מאי מוציא שם רע לוקה ומשלם אף כל לוקה ומשלם. י״ז) מה למוציא שם רע שכן קנס? י״ח) סבר לה כר׳ עקיבא דאמר עדים זוממין קנסא הוא. י״ט) איכא דמתני להא דעולא אהא דתניא לא תותירו ממנו עד בוקר והנותר ממנו עד בוקר וגו׳ בא הכתוב ליתן עשה אחר לא תעשה לומר שאין לוקין עליו דברי ר׳ יהודה. כ) ר׳ עקיבא אומר לא מן השם הוא זה אלא משום דהוה לאו שאין בו מעשה וכל לאו שאין בו מעשה אין לוקין עליו. כ״א) מכלל דר׳ יהודה סבר לאו שאין בו מעשה לוקין עליו מנא ליה? אמר עולא גמר ממוציא שם רע, מה מוציא שם רע, לאו שאין בו מעשה, לוקין עליו, אף כל לאו שאין בו מעשה לוקין עליו. כ״ב) מה למוציא שם רע שכן לוקה ומשלם. כ״ג) אלא אמר

און זאָגט פאר׳ן בית דין איך האָב ניט געפונען ביי דיין טאָכטער קיין בתולים, אויב פאלש, קריגט ער מלקות און מוז באצאָהלען לויט דעם פסוק, „ויסרו אותו וענשו אותו״, וואָס מיינט מלקות און געלד, לערען איך ארויס, מאַי מוציא שם רע״, פונקט ווי דאָרט עס איז ביידע שטראַפעס, „אף כל לוקה ומשלם״, אזוי אויך איבעראַל קומט ביידע שטראפעס. י״ז) די גמרא פרעגט אָפּ, „מה למוציא שם רע״, ווייסטו פאַרוואָס ביי מוציא שם רע באצאָהלט ער ביידע זאכען, ווייל עס איז קנס, דאָס מיינט שטראַפע וואָס די תורה האָט אויף איהם ארויפגעלייגט, אָבער ערגעץ אנדערש וואָס איז בלויז א געלד פראַגע לערען איך ניט ארויס פון דאָרט? י״ח) ענטפערט די גמרא, „סבר לה כרי עקיבא״, ר׳ מאיר האַלט אזוי ווי ר׳ עקיבא וואָס ער זאָגט דאָס עדים זוממים איז קנס. י״ט) „איכא דמתני להא דעולא״, א טהייל לערנען עולא׳ס זאך, „אהא דתניא״, אויף דעם (שמות י״ב) „לא תותירו ממנו עד בקר והנותר ממנו עד בקר באש תשרופו״, וואָס מיינט א פארזאָג ביים קרבן פסח, איהר זאָלט ניט איבערלאָזען די פלייש ביז אין דער פריה און אויב איהר האָט יאָ איבערגעלאָזט זאָלט איהר פאַרברענען אין פייער, „בא הכתוב ליתן עשה אחר לא תעשה״, דער פסוק גיט דאָ א עשה נאָך דער לא תעשה, „לומר שאין לוקין עליו״, צו ציינען דאָס עס קומט ניט קיין מלקות פאַר עובר זיין אויף לא תותירו, נאָר ער קאָן עס פאריכטען מיט׳ן פאַר־ברענען, דאָס איז ר׳ יודא׳ס רייד. כ) ר׳ עקיבא זאָגט, „לא מן השם הוא זה״, ניט דורך דעם קומט ניט קיין מלקות, „אלא משום לאו שאין בו מעש־ה״, זאָנ־דערען ווייל עס איז א לאו אָהן א טהאט און פאַר עובר זיין אויף א לאו ניט טוענדיג גאָר, קומט ניט קיין מלקות. כ״א) „מכלל״, פון דעם נאָר וואָס געזאָגטען „דרי יודא סבר לאו שאין בו מעשה לוקין עליו״, איז דאָך געדרונגען דאָס ר׳ יודא האַלט אַז א לאו אָהן א מעשה קומט יאָ מלקות, „מנא ליה״? ״ פון וואנען נעמט ער דאָס? אויף דעם געהט טאקע ארויף וואָס עולא זאָגט, „גמר ממוציא שם רע״, אז איך לערען ארויס פון מוציא שם רע, „מה מוציא שם רע״, פונקט ווי מוציא שם רע איז אַ לאו אָהן א מעשה מיט מלקות אזוי אויך יעדער לאו אָהן א מעשה קומט מלקות. כ״ב) איך קען דיר אָבער אָפּפרעגען, „מה למוציא שם רע״, ווייסטו פאַרוואָס מוציא שם רע קומט מלקות, „שכן לוקה ומשלם״,

ריש לקיש גמר מעדים זוממין, מה עדים זוממין לאו שאין בו מעשה לוקין עליו, אף כל לאו שאין בו מעשה לוקין עליו. מה לעדים זוממין שכן אין צריכין התראה. כ"ד) מוציא שם רע יוכיח, וחזר הדין לא ראי זה כראי זה ולא ראי זה כראי זה הצד השוה שבהן לאו שאין בו מעשה ולוקין עליו אף כל לאו שאין בו מעשה לוקין עליו. כ"ה) מה להצד השוה שבהן שכן קנס? הא לא קשיא ר' יהודה לא סבר לה כר' עקיבא. כ"ו) אלא מה להצד השוה שבהן שכן יש בהן צד חמור, ור' יהודה? צד חמור לא פריך. כ"ו) ורבנן האי לא תענה ברעך עד שקר מאי דרשי ביה, מבעי ליה לאזהרה לעדים זוממין. כ"ז) ור' מאיר אזהרה לעדים זוממין מנא ליה אמר רבי ירמי' נפקא ליה מוהנשארים ישמעו ויראו ולא יוסיפו עוד.

ווייל עס האָט אויך די שטרענגקייט פון מלקות מיט געלד אבצאָהלונג. כ"ג) אויף דעם זאָגט ריש לקיש „אלא" איך לערען ארויס פון עדים זוממין, „מה", ווי ביי זיי איז אַ לאו אָהן אַ מעשה און עס קומט מלקות, „אף כל", אזוי אויך יעדער לאו אָהן מעשה קומט מלקות. פרעגט די גמרא אָפּ, „מה לעדים זוממין", ווייסטו פארוואָס עדים זוממין קומט מלקות, „שכן", דען זיי האָבען נאָך אַ חומרא, זיי ברויכען ניט קיין וואָרנונג, דאָס מיינט התראה. כ"ד) ענטפערט די גמרא, „מוצא שם רע יוכיח", וועגט איבער, ער דאַרף יאָ אַ וואָרנונג פונ־דעסטוועגען קומט איהם מלקות כאָטש עס איז אַ לאו אָהן אַ מעשה, „וחזר הדין לא ראי זה כראי זה", קאָן איך שוין ארויסלערנען פון עדים זוממין און פון מוציא שם רע פוןביידע קאָלעקטיוו, ווייל די מעלה פון ביידע איז פארשידען, „הצד השוה שבהן", די הויפּט זאַך איז, דאָס יעדע פון זיי איז אַ לאו אָהן אַ מעשה און עס קומט מלקות, „אף כל", אזוי אויך איבעראַל זאָל קומען מלקות פאַר אַ לאו אָהן אַ מעשה. כ"ה) ווענדט די גמרא אָפּ, „ מה להצד השוה שבהן", ווייסטו וואָרום די ביידע קומט מלקות פאַר אַ לאו אָהן אַ מעשה ווייל זיי זיינען קנס, און באַלד זאָגט די גמרא דאָס איז ניט קיין קשיא, „לא סבר להי", דען ר' יודא האלט ניט ווי ר' עקיבא וואָס ער זאָגט דאָס עדים זוממין איז קנס, זאָנדערען אַ געלד פראַגע. כ"ו) „אלא", נאָר אזוי איז די פראַגע „מה להצד השוה שבהן?" ווייסטו וואָרום די ביידע האָבען מלקות, „שכן", ווייל ביי יעדען פון זיי איז דאָ אַ צד חמור, דאָס מיינט, עס איז דאָ אַ פּונקט שארפקייט ביי ביידע, עדים זוממין דאַרפען ניט קיין התראה און מוציא שם רע איז לוקה ומשלם. און ר' יהודא? „צד חמור לא פריך", ער פרעגט ניט די פראַגע ווייל אויב די חומרות פון ביידע זיינען ניט גלייך איז אַ סימן אַז ניט אין דעם איז עס געוועדעט. כ"ו) די גמרא פרעגט, די חכמים זאָגען דאָך אין דער משנה אַז די עדות קריגען נאָר איין מאָהל פערציג צוליב „ועשיתם לו כאשר זמם, האי לא תענה מאי דרשי?" איז דאָך די פראַגע וואָס טוען זיי מיט'ן פסוק לא תענה? ענטפערט די גמרא „מבעי ליה לאזהרה", זיי דאַרפען דעם פסוק אויף וואָרנונג צו עדים זוממין צו קענען שטראָפען זיי מיט'ן דין הזמה. כ"ז) יעצט פרעגט זי, ר' מאיר וואָס פארנוצט דעם לא תענה אויף דעם צווייטען מלקות, „אזהרה לעדים זוממין

כ"ח) ורבנן? ההוא מיבעי ליה להכרזה. (**דף ה' ע"א**) א) ור' מאיר? הכרזה מישמעו ויראו נפקא. ב) **מתני'.** משלשין בממון ואין משלשין במכות כיצד העידוהו שהוא חייב לחברו מאתים זוז ונמצאו זוממין משלשין ביניהם. ג) אבל אם העידוהו שהוא חייב מלקות ארבעים ונמצאו זוממין כל אחד ואחד לוקה ארבעים. **גמ'.** ד) מנא הני מילי אמר אביי נאמר רשע (דברים כ"ה) בחייבי מלקות ונאמר רשע (במדבר ל"ה) בחייבי מיתות בית דין, מה להלן אין מיתה למחצה אף כאן אין מלקות למחצה. ה) רבא אמר בעינן כאשר זמם לעשות לאחיו וליכא, אי הכי ממון נמי? ממון מצטרף מלקות לא מצטרף. ו) **מתני'.** אין העדים נעשים זוממין עד שיזימו את עצמן, כיצד, אמרו מעידין אנו באיש פלוני

מנא ליה? וואו נעמט ער אויף אזהרה פאַר עדים זוממין, ענטפערט רבי ירמי', „נפקא ליה", ער נעמט פון פסוק, „והנשארים ישמעו ויראו ולא יוסיפו עוד", (דברים י"ט) וואָס מיינט די איבעריגע זאָלען הערען און מורא האָבען און ניט מעהר טאָן. כ"ח) „ורבנן?" און וואָס טוען די רבנן מיט דעם פסוק, ענטפער, זיי דאַרפען איהם אויף אויסרופונג צו וואָרנען די מענשען. א) און ר' מאיר וואו נעמט ער אויף הכרזה? ענטפער, פון ישמעו ויראו, און אזהרה פון „ולא יוסיפו". ב) משנה. מען טהיילט געלט אָבער מען טהיילט ניט קיין מלקות. „כיצד?" ווי אזוי מיינט דאָס? „העידוהו שהוא חייב לחברו מאתים זוז", עדות האָבען געזאָגט אויף איינעם, דאָס ער איז שולדיג צו זיין חבר צוויי הונדערט דאָלאר „ונמצאו זוממין", און זיינען געפונען געוואָרען זוממין, צוטהיילט מען דאָס געלד אויף באַצאָהלען פאַר יעדען עדות גלייך. **ג) „אבל", דאַגעגען אָבער, „העידהו שהוא חייב מלקות", ווען עדות האָבען געזאָגט אויף איינעם דאָס ער איז פאַראורטיילט צו קריגען מלקות און זיינען געפונען געוואָרען זוממין קריגט יעדער עדות מלקות פולע פערציג, דען מלקות** ווערט ניט האלבירט. ד) די גמרא פרעגט, „מנא הני מילי", פון וואַנען דרינגט זיך דאָס, אז משלשין בממון ואין משלשין במלקות, ענטפערט אביי, עס שטעהט דער וואָרט רשע ביי די חייבי מלקות און עס שטעהט רשע ביי די חייבי מיתה דורכ'ן בית דין, „מה להלן", פונקט ווי דאָרט „אין מיתה למחצה" קען דאָך מיתה ניט האלביערט ווערען, „אף כאן", אזוי אויך דאָ ביי מלקות איז עס אונטהיילבאר. ה) רבא ענטפערט, „בעינן", עס דאַרף זיין „כאשר זמם לעשות לאחיו", וואָס מיינט, מען זאָל איהם טהאָן דאָס זעלבע ווי ער האָט געפלאַנט צו טהאָן צו זיין ברודער און ער האָט דאָך געפלאַנט א גאַנצע זאַך. אויף דעם פרעגט די גמרא, „אי הכי?" אויב אזוי איז דאָך געלד אויך דאָס זעלבע? ענטפער, „ממון מצטרף", געלד נעמט זיך צונויף, מלקות נעמט זיך ניט צונויף, דאָס מיינט געלד נעמט זיך צוזאמען די שטראָפע צו דעקען. ו) משנה. די עדות ווערען ניט קיין זוממין נאָר ביז זייער ציינגנשאפט אליין ברייננט זיי אין דער לאַגע צו ווערען זוממין, „כיצד?" ווי אזוי? די עדות האָבען געזאָגט מיר זאָגען עדות אויף דעם יעניגען דאָס ער האָט געטויטעט

שהרג את הנפש, אמרו להם האיך אתם מעידין, שהרי נהרג זה או ההורג זה היה עמנו אותו היום במקום פלוני אין אלו זוממין. ז) אבל אמרו להם האיך אתם מעידין שהרי אתם הייתם עמנו אותו היום במקום פלוני הרי אלו זוממין ונהרגים על פיהם. ח) באו אחרים והזימום באו אחרים והזימום אפילו מאה כולם יהרגו, ר' יהודה אמר איסטסית היא זה ואינו נהרג אלא כת הראשונה בלבד. ט) גמ'. מנא הני מילי אמר רב יודא דאמר קרא (דברים י"ט) והנה עד שקר העד שקר ענה, עד

א מענש, קומען אנדערע עדות און זאָגען צו זיי „האיך אתם מעידין", ווי קאָנט איהר עדות זאָגען דאָס, „שהרי נהרג זה או ההורג", דער מערדער אָדער דער־מאָרדעטער, „היה עמנו אותו היום במקום פלוני?" איז דאָך געוועזן אין דעם טאָג אויף אַן אנדער פּלאַץ, מיט אונז? „אין אלו זוממין", פון דעם אַרט עדות זאָגען ווערען זיי ניט קיין זוממין. ז) „אבל אמרו להם האיך אתם מעידין", אויב אָבער די עדות האָבען אַזוי געזאָגט ווי אַזוי קענט איהר עדות זאָגען, „שהרי אתם הייתם עמנו אותו היום במקום פלוני", איהר זייט דאָך געוועזן אין דעם טאָג אויף אַן אנדער פּלאַץ מיט אונז? „הרי אלו זוממין", אויף אַזאַ אַרט אויסזאָגונג ווערען די ערשטע עדות זוממין „ונהרגים על פיהם", און ווערען געטויטעט דורך זיי. ח) „באו אחרים והזימום באו אחרים והזימום", אויב עס זיינען געקומען אנדערע פאַרטוועהרענד און האָבען מזים געוועזן די פאָריגע, איז אפילו א הונדערט פאָר, ווערען זיי אַלע פערהאורטהיילט. ר' יודא זאָגט, „איסטסית הוא זה", דאָס איז אַ פאַרשוועהרונג, „ואין נהרג אלא כת הראשונה", און נאָר די ערשטע פאָר עדות ווערען פאַראורטהיילט. ט) גמרא. „מנא הני מילי?" פון וואנען איז געדרונגען דאָס מען מוז די עדות אליין פערזענליך מזים זיין, האָט רב אדא געזאָגט עס שטעהט אין פסוק, „כי יקום עד חמס באיש לענות בו סרה — ודרשו השופטים היטב והנה עד שקר העד, ועשיתם לו כאשר זמם", דער טייטש איז אז עס וועט אויפשטעהן פאלש עדות געגען א מאַן צו זאָגען אויף איהם אונמעגליכעס, זאָלען אויספאַרשען די ריכטער גוט, אויב אויסגעפונען אז דער עדות איז א ליגנער, זאָלט איהר איהם טאָן וואָס ער האָט געפּלאַנט, צו זיין פריינד, דאָס וואָרט „עד" מיינט ניט נאָר אַן עדות, זאַנדערען, די גאַנצע פאַרטיע וואָס איז געזעציליך ווירקזאַם עדות צו זאָגען. און דער וואָרט סרה מיינט אַזאַ שקר וואָס איז אויסערגעוועהנליך אוממעגליך צו זיין אמת. דער זעלבער פשט איז דער פסוק כי דבר סרה על ה'. א זאַך וואָס איז ניט מעגליך צו זיין, און דאָס מיינט רבי ישמעאל וואָס זאָגט, „עד שתסרה גופה של עדות", וואָס מיינט ביז דאָס עדות אויסזאָגען מאַכט אוועק די גאַנצע עדות אליין דאָס הייסט זיי ווערען אָבגעלייקענט דורך, עמנו הייתם, איהר זייט געוועזן מיט אונז יענעם טאָג אין אַן אנדער פּלאַץ. דער טעם דערפון איז אויב זיי לייקענען די פאַסירונג אז ער האָט ניט געליהען אָדער ער האָט ניט געטויטעט, איז דאָך צוויי געגען צוויי, ווארום זאָלען די לעצטע צוויי זיין מעהר באַגלויבט ווי די ערשטע צוויי, דאַגעגען אָבער אויב זיי זאָגען איהר זייט געוועזן

שתשקר גופה של עדות, דבי ר' ישמעאל תנא לענות בו סרה עד שתסרה גופה של עדות. י) אמר רבא באו שנים ואמרו במזרח בירה. הרג פלוני את הנפש ובאו שנים ואמרו והלא במערב בירה עמנו הייתם חזינן אי כדקיימי במערב בירה מיחזא חזו למזרח בירה אין אלו זוממין ואם לאו הרי אלו זוממין. י"א) פשיטא, מאי דתימא ליחוש לנהורא בריא קא משמע לן. י"ב) ואמר רבא באו שנים ואמרו בסורא בצפרא בחד בשבתא הרג פלוני את הנפש ובאו שנים ואמרו בפניא בחד בשבתא עמנו הייתם בנהרדעא חזינן אי מצפרא לפניא מצי אזל מסורא לנהרדעא לא הוו

מיט אונז, לייקענען זיי ניט די פאסירונג, זיי מיינען צו זאָגען, אַז מעגליך די פאסירונג איז אמת נאָר זיי זאָגען עס איז אוממעגליך אין דער געוויסער צייט און פלאַץ זיי זאָלען האָבען געזעהן די פאסירונג, דען אין דער צייט זיינען מיר צוזאמען געווען אין אַן אנדער פלאַץ, איז עס אַזוי ווי די עדות זאָגען עדות אויף יעדען באזונדער, הייסט דאָס צוויי געגען איינעם, דען אויף דער וויזע קענען זיך די ערשטע עדות ניט צוזאמען נעמען אַלס עדות געגען עדות. יעצט דער פסוק „והנה עד שקר העד" דאָס וואָרט „העד", איז ניט קיין „פעל" דען עס וואָלט בעדארפט שטעהן העיד מיט א ציירי אונטער דעם ה', זאָנערען עס איז א שם און דער ה' איז א ה' הידיעה, דער עדות איז אַ עד שקר, פון דעם קען מען זעהן אַז די מיינונג איז דאָס אַז די מעשה וואָס די עדות זאָגען קען זיך זיין א אמת, אָבער דער עדות איז אַ ליגנער דען ער איז דאמאָלסט דאָרט ניט געווען, און דאָס איז וואָס רב אדא זאָגט „עד שתשקר גופה של עדות", ביז דאָס אויסזאָגען פון די עדות מאכט זיי אַליין פאַר ליגנער דורך „עמנו הייתם", אָבגעזעהן צו די פאסירונג אמת איז אָדער ניט. י) רבא האָט געזאָגט „באו שנים ואמרו", אַז צוויי עדות זיינען געקומען און האָבען געזאָגט אויף איינעם אַז אין מזרח זייט פון גרויסען פאלאסט „הרג פלוני את הנפש", האָט ער גע־טויטעט א נפש דאַן זיינען געקומען אנדערע עדות און האָבען געזאָגט, „והלא במערב בירה עמנו הייתם ?" איהר זייט דאָך געווען מיט אונז דאמאָלסט אין מערב זייט דעם פאלאסט ? „חזינן אי כדקיימי במערב בירה חזו למזרח", איז דער דין, זעהן מיר, אויב זיי שטעהענדיג אין מערב קענען זעהן צו מזרח, „אין אלו זוממין", ווערען זיי ניט קיין זוממין, „ואם לאו", אויב ניט ווערען זיי זוממין. י"א) פרעגט די גמרא, „פשיטא ?" עס איז דאָך אַ געוויס אַזוי ? ענטפערט די גמרא, „מאי דתימא", איך וואָלט מיינען, „ליחוש לנהורא בריא", אַז עס איז א קלעהר פיליכט האָבען יענע אַ גרעסערען זעה קראפט פון אַלע מענשען, און זיי האָבען יאָ געזעהן, „קמ"ל", לאָזט ער מיך הערען אַז מען רעכענט זייער זעה קראפט לויט אַלע מענשען. י"ב) נאָך האָט רבא געזאָגט, „באו שנים ואמרו בסורא בצפרא בחד בשבתא הרג פלוני את הנפש", צוויי עדות האָבען געזאָגט אַז אין אַ זונטאָג אין דער פריה אין סורא האָט איינער געטויטעט א נפש, דאַן זיינען געקומען אַנדערע און האָבען געזאָגט, „בפניא בחד בשבתא עמנו הייתם בנהרדעא", איהר זייט דאָך געווען דעם זעל־

זוממין ואי לאו הוו זוממין. י"ג) פשיטא, מהו דתימא ליחוש לגמלא פרחא קא משמע לן. י"ד) ואמר רבא באו שנים ואמרו בחד בשבתא הרג פלוני את הנפש, ובאו שנים ואמרו עמנו הייתם בחד בשבתא, אלא בתרי בשבתא הרג פלוני את הנפש ולא עוד אלא אפילו אמרו ערב שבת הרג פלוני את הנפש נהרגין, דבעידנא דקא מסהיד גברא לאו בר קטלא הוא. ט"ו) מאי קא משמע לן תנינא לפיכך אם נמצאת אחת מהן זוממת הוא והן נהרגין והשניה פטורה. ט"ז) סיפא מה שאין כן בגמר דין

בען טאָג אין אָבענד מיט אונז אין נהרדעא, איז דער דין, „חזינן אי מצפרא לפניא מצי אזיל", מען זעהט אויב עס איז דאָ א מעגליכקייט פון אין דער פריה ביז אבענד צו קומען פון סורא ביז נהרדעא, זיינען זיי ניט קיין זוממין, „ואם לאו", אויב ניט זיינען זיי זוממין. י"ג) פרעגט די גמרא, „פשיטא ? " עס איז דאָך א געוויס אַזוי ? ענטפערט די גמרא „מאי דתימא", איך וואָלט מיינען „ליחוש לגמלא פרחא", אַז עס איז א קלער דאָס די עדות קענען לויפען ווי די פליהענדע קעמלען, און זיי האָבען טאקע יאָ געזעהן, „קמ"ל", לאָזט ער מיך הערען דאָס מיר רעכענען לויט דעם גאַנג פון אלע מענשען. י"ד) נאָך האָט רבא געזאָגט „באו שנים ואמרו בחד בשבתא הרג פלוני את הנפש", צוויי האָבען געזאָגט אז אין זונטאָג האָט דער יעניגער געטויטעט א נפש, „ובאו שנים ואמרו עמנו הייתם בחד בשבתא", און אַנדערע עדות זאָגען איהר זייט דאָך געווען מיט אונז אויף אַן אנדער פּלאַץ אין זונטאָג, „אלא בתרי בשבתא הרג פלוני את הנפש", נאָר די פּאסירונג איז אמת פאָרגעקומען אין מאָנטאָג, „ולא עוד", ניט דאָס אַליין, „אלא אפילו אמרו ערב שבת", נאָר ווען זאָגאר די צווייטע עדות זאָגען דאָס די פּאסירונג איז נאָך פאָרגעקומען אין ערב שבת פריהער, „נהרגין", ווערען די זוממין געטויטעט און איך זאָג ניט אז די זוממין האָבען זאָ ווי זאָ עדות געזאָגט אויף א געטויטעטען מענשען, „דבעידנא דקא מסהדי", דען אין דער צייט וואָס די צווייטע עדות האָבען עדות געזאָגט איז „גברא לאו בר קטלא הוא", דער מערדער נאָך ניט געווען פעראורטיילט. ט"ו) „מאי קא משמע לן ? " די גמרא פרעגט וואָס לאָזט ער מיר הערען ? „תנינא", מיר האָבען דאָך דאָס שוין געלערענט אין א ברייתא, זי זאָגט אויף דער זעלבער מימרא, „לפיכך", אז צוליב דעם, „אם נמצאת אחת מהן זוממת", אויב איין פּאַרטיע עדות איז געפונען געוואָרען זוממין, „הוא והן נהרגין", ווערען דער מערדער און די זוממין געה'רג'עט, „והשניה פטורה", און די צווייטע עדות איז פּטור. ט"ז) ענטפערט די גמרא, „סיפא מאי שאין כן בגמר דין", אז צוליב דעם אנדער פּאַל וואָס רעדט זיך אַז ניט אזוי אין דער דין ווען דער מערדער איז שוין פעראורטהיילט דורכ'ן בית דין ,דאָס, „איצטריכא ליה", דאַרף ער לאָזען הערען און דאָס איז דער פּאַל וואָס ער לערענט, „באו שנים ואמרו בחד בשבתא וגמר דינו", צוויי עדות האָבען געזאָגט דאָס אין זונטאָג איז ער פּער־אורטיילט געוואָרען פּאַר טויטען א נפש, „ובאו שנים ואמרו בחד בשבתא עמנו הייתם", און אַנדערע עדות האָבען געזאָגט, איהר זייט דאָך געווען מיט אונז,

איצטריכא ליה, באו שנים ואמרו בחד בשבתא נגמר דינו של פלוני ובאו שנים ואמרו בחד בשבתא עמנו הייתם אלא בערב שבת נגמר דינו של פלוני ולא עוד אלא אפילו אמרו תרי בשבתא נגמר דינו של פלוני, אין אלו נהרגין דבעידנא דקא מסהדי גברא קטילא הוא. י״ז) וכן לענין תשלומי קנס, באו שנים ואמרו בחד בשבתא גנב וטבח ומכר ובאו שנים ואמרו בחד בשבתא עמנו הייתם אלא בתרי בשבתא גנב וטבח ומכר משלמין, ולא עוד אלא אפילו אמרו בערב שבת גנב וטבח ומכר משלמין דבעידנא דקא מסהדי גברא לאו בר תשלומין הוא. י״ח) באו שנים ואמרו בחד בשבתא גנב וטבח ומכר ונגמר דינו, ובאו שנים ואמרו בחד בשבתא עמנו הייתם אלא ערב שבת גנב וטבח ומכר ונגמר דינו ולא עוד אלא

„אלא בערב שבת נגמר דינו", און אמת איז אז גאָר אין ערב שבת בעפאר, איז ער פעראורטיילט געוואָרען, „ולא עוד", און ניט דאָס אליין, „אלא אפילו אמרו בתרי בשבתא נגמר דינו", נאָר ווען זאָגאר זיי האָבען געזאָגט אויף שפּעטער דאָס מאָנטאָג איז ער פעראורטהיילט, איז דער דין, „אין אלו נהרגין", דאָס זיי ווערען ניט גע׳הרג׳עט, „דבעידנא דקא מסהדי", דען אין דער צייט וואָס זיי זאָגען עדות „גברא קטלא הוא", איז דער מערדער שוין אַ פעראורטיילטער, האָבען דאָך די ערשטע עדות, עדות געזאָגט אויף אַ טויטען מענשען, אָט צוליב דעם פאַל וואָס ער מוז לאָזען הערען זאָגט ער שוין אויך דעם ערשטען פאַל. י״ז) „וכן לענין תשלומי קנס", און אזוי איז וועגען שטראפע באצאָהלונג, ווי פאָלגט, „באו שנים ואמרו בשבתא גנב", צוויי זיינען געקומען און געזאָגט אַז אין זונטאָג האָט דער יעניגער גע׳גנב׳עט און גע׳שחט׳ן און פארקויפט פאַר וועלכען ער דאַרף באצאָהלען קנס, פיער שעפּסלעך פאַר אַ שעפּס און פינף אקסען פאַר אַן אָקס, „ובאו שנים ואמרו בחד בשבתא עמנו הייתם", דאַן זיינען געקומען אנדערע און געזאָגט דאָס דעם זעלבען זונטאָג זענט איהר געווען מיט אונז, „אלא בתרי בשבתא גנב וטבח", אָבער אמת איז, די פאַסירונג איז געשעהן גאָר אין מאָנטאָג, איז דער דין „משלמין", דאָס די זוממין באצאָהלען, „ולא עוד", און ניט גענוג דאָס, „אלא אפילו אמרו בערב שבת גנב וטבח ומכר", נאָר אפילו זיי האָבען געזאָגט נאָך אויף פריהער, דאָס ערב שבת איז געשעהן דאָס, „משלמין" באצאָהלען זיי, „דבעידנא דקא מסהדי", דען אין דער צייט וואָס די זוממין זאָגען עדות, „גברא לאו בר תשלומין" איז דער גנב נאָך ניט פעראורטיילט געווען צו באצאָהלען. י״ח) דאגעגען, „באו שנים", אַז עס זיינען צוויי געקומען און האָבען געזאָגט אַז אין זונטאָג איז ער געווען אַ גנב וטבח ומכר און אויף דעם פעראורטיילט, דאַן זיינען געקומען אַנדערע און געזאָגט דאָס אין זונטאָג זייט איהר געווען מיט אונז, אָבער די פאַסירונג איז געשעהן נאָך אין ערב שבת און צוגלייך פעראורטיילט, און ניט אזוי דאָס, נאָר אפילו זיי האָבען געזאָגט דאָס מאָנטאָג האָט ער גנב וטבח ומכר, און צוגלייך פאַר׳משפט, „אין משלמין", באצאָהלען זיי ניט, „דבעידנא דקא מסהדי", דען זיי האָבען איהם גאָרניט געוואָלט שאָדען ברייגען ווייל אין דער צייט וואָס זיי זאָגען עדות,

אפילו אמרו (בחד) בתרי בשבתא גנב וטבח ומכר ובתרי בשבתא נגמר דינו, אין משלמין דבעידנא דקא מסהדי גברא בר תשלומין הוא. י״ט) ר׳ יהודה אומר איסטטית היא זו כו׳. (דף ה׳ ע״ב) א) אי איסטטית הוא זו אפילו כת הראשונה נמי לא? אמר ר׳ אבהו שקדמו והרגו. ב) מאי דהוה הוה? אלא אמר רבא הכי קאמר אם אינה אלא כת אחת נהרגה. ג) אי איכא טפי אין נהרגין, הא בלבד קאמר? קשיא? ד) ההיא איתתא דאתאי סהדי ואישתקור אייתי סהדי ואישתקור אזלה אייתי סהדי אחריני דלא אישתקור אמר ריש לקיש הוחזקה זו. ה) אמר ליה ר׳ אלעזר אם היא הוחזקה כל ישראל מי הוחזקו? ו) זימנין הוו יתבי קמיה דר׳ יוחנן, אתא כי האי מעשה לקמייהו אמר ריש לקיש הוחזקה זו אמר ליה ר׳ יוחנן אם הוחזקה זו כל ישראל מי הוחזקו. הדר חזיה לר׳ אלעזר בישות

„גברא בר תשלומין הוא״, איז שוין דער מאַן געווען אין באַצאָהלונג שטאַנד. י״ט) אין דער משנה איז געזאָגט „ר׳ יודא אומר איסטטית היא זו וכו׳״. א) די גמרא פרעגט, „אי איסטטית היא זו״, אויב עס איז געווען איסטטית דאָס הייסט פאַרשווערונגס עדות „אפילו כת הראשונה נמי לא?״ האָט דאָך די ערשטע עדות אויך ניט געדאַרפט גע׳הרג׳עט ווערען? ענטפערט ר׳ אבהו, „שקדמו והרגו״, עס איז שוין געווען פאָראיבער נאָך דעם אורטייל אויספירונג. ב) אויף דעם פרעגט די גמרא, „מאי דהוה הוה?״ וואָס עס איז געווען איז געווען? עס איז דאָך ניט קיין דין צו זאָגען וואָס עס זאָל געשעהן מיט די ערשטע עדות, „אלא״, האָט רבא געזאָגט, „הכי קאָמר״, אַזוי זיינען די ווערטער, „אם אינה אלא כת אחת נהרג״, אויב נאָר איין כת ווערט זי גע׳הרג׳עט. ג) „אי איכא״, און ווידער פרעגט די גמרא, דו מאכסט דעם איינדרוק, אויב פער צופאַל עס איז נאָך דאָ מעהר כתות עדות ווערען זיי ניט גע׳הרג׳עט, א מעהר ער זאָגט דאָך דאָס וואָרט „בלבד״, וואָס מיינט אַז עס איז דאָ מעהר כתות נאָר די ערשטע כת אליין ווערט גע׳הרג׳עט, און ניט צופעליג? „קשיא״, בלייבט די פראַגע שטעהן. ד) עס איז געווען אַ פרוי וואָס האָט געבראַכט עדות וואָס האָבען זיך ארויסגעציינט ביי א בית דין אויספאָרשונג פאַר ליגענד, האָט זי ווידער געבראַכט און אויך דאָס זעלבע, איז זי געגאַנגען און האָט געבראַכט אַ דריטע כת וועלכע איז שוין ניט קיין ליגענד, זאָגט ריש לקיש, „הוחזקה זו״, דאָס זי אין דער חזקה איז, צו אַפּעריירען מיט פאַלשע עדות. ה) האָט ר׳ אלעזר צו איהם געזאָגט, „אם היא הוחזקה״, אויב זי איז אין דער חזקה פאַר ליגענד „כל ישראל מי הוחזקו?״ זיינען דען אַלע אידען אין דער זעלבער חזקה זאָלען איהר נאָכפאָלגען? ו) „זימנין הוו יתבי קמיה דר׳״, א נעקסטען מאָהל זיינען זיי אַזוי געזעסען פאַר ר׳ יוחנן, „אתא כי האי מעשה לקמייהו״, איז פאָרגע־קומען אזא געשיכטע האָט זיך טאקע ריש לקיש אָבגערופען „הוחזקה זו״, דאָס זי איז אין דער חזקה פאַר ליגענד, האָט איהם ר׳ יוחנן געענטפערט אויב זי איז אין דער חזקה זיינען דען אַלע אידען אן דער חזקה, האָט ריש לקיש פערשטאַנען דאָס ר׳ אלעזר וואָס האָט דאָס זעלבע געזאָגט צו איהם ביי א

אמר ליה שמעית מילי מבר נפחא ולא אמרית לי משמיה. ז) לימא ריש לקיש דאמר כר' יהודה ור' יוחנן דאמר כרבנן, אמר לך ריש לקיש אנא דאמרי לך אפילו לרבנן עד כאן לא קא אמרי רבנן התם דליכא דקא מהדר אבל הכא איכא הא דקא מהדרא. ח) ור' יוחנן אמר לך אנא דאמרי אפילו לרבי יהודה עד כאן לא קאמר ר' יהודה התם דאמרינן אטו כולי עלמא גבי הני הוו קיימי אבל הכא הני ידעי בסהדותא והני לא ידעי בסהדותא. ט) **מתני'.** אין העדים זוממין נהרגין עד שנגמר הדין שהרי הצדוקין אומרים עד שיהרג שנאמר (דברים י"ט) נפש בנפש. י) אמרו להם חכמים והלא כבר נאמר ועשיתם לו כאשר זמם לעשות

פאַריגע געלעגענהייט, האָט דאָס געמוזט הערען פון ר' יוחנן, האָט איהם פערדראָסען ווארום ער האָט דאָס ניט געזאָגט פון ר' יוחנן'ס וועגען, „הדר חזיה לרי אלעזר בישות", און ער האָט געגעבען אַ פאַרדריסליכען קוק אויף ר' אלעזר'ן און איהם פאַרגעהאַלטען (נפחא מיינט אַ שמידט) „שמעית מילי ולא אמרית", דו האָסט געהערט פון ר"י און האָסט ניט געזאָגט פון זיין נאָמען וועגען. ז) די גמרא פרעגט, „לימא", צו מוזען מיר זאָגען אז ריש לקיש האלט ווי ר' יודא וואָס ער זאָגט „איסטטית הוא", וואָס מיינט זיי זיינען אין דער חזקה פון ליגענד, און ר' יוחנן האלט ווי די רבנן אין דער משנה דאָס אַלע ווערען געפאַרשט און אויב זיי ווערען געפונען זוממין ווערען זיי אַלע גע'הרג'עט? ענטפערט די גמרא, ריש לקיש קען דיר ענטפערען אַז פונדעסטוועגען „אנא דאמרי לך אפילו רבנן", האלט איך ווי די רבנן, „עד כאן לא אמרו רבנן," נאָר ווען זאָגען די רבנן דאָס זיי זיינען ניט אין דער חזקה פון ליגענד, „התם דליכא דקא מהדר", נאָר דאמאָלסט אויב קיינער אָרגאַניזירט עס ניט, „אבל הכא איכא הא דמהדרא", אָבער דאָ איז דאָך דאָ די פרוי וואָס אַפעריִרט עס. ח) און ר' יוחנן קען דיר פאַרענטפערען, „אנא דאמרי אפילו לרי יודא", איך קען אפילו האלטען ווי ר' יהודא וואָס ער זאָגט איסטטית הוא וואָס מיינט זיי זיינען אין דער חזקה פאַר ליגענד. אי עס איז דאָך געגען מיין סברא? זאָג איך אָבער „עד כאן לא אמר ר"י", ווען זאָגט עס ר' יודא אזוי? נאָר אין דער משנה, „אטו כולי עלמא גבי הני הוו קיימי?" ווייל מיר זאָגען איז דען די גאַנצע וועלט געשטאַנען נעבען די עדות? זיי זאָלען זיי קענען מזים זיין? וואָרשיינליך זיינען זיי ענטשלאָסען אַלעמען מזים צו זיין, „אבל הכא הני ידעי בסהדותא", אָבער דאָ קען דאָך זיין, אַז די האָבען ניט געוואוסט און די האָבען יאָ געוואוסט. ט) משנה. די זוממין ווערען ניט גע'הרג'עט ביז דער אורטייל איז ניט פאַרטיג אויף דעם יעניגען וואָס זיי האָבען עדות געזאָגט, דאָס איז נעגען די (צדוקין) די קאַראאימער וואָס זאָגען ביז ער ווערט גע'הרג'עט, זיי טייטשען דעם פסוק נפש בנפש נאָר ווען מען נעמט איהם דאָס נפש. י) האָבען די חכמים זיי אָבגעווענדעט, עס שטעהט דאָך „ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו", וואָס מיינט איהר זאָלט איהם טאָן ווי ער האָט געטראַכט און געפּלאַנט צו זיין ברודער, און אויב פאַר טאָן, וואָלט בעדאַרפט שטעהן כאשר עשה,

לאחיו והרי אחיו קיים, ואם כן למה נאמר נפש בנפש, יכול משעה שקבלו עדותן יהרגו תלמוד לומר נפש בנפש, הא אין נהרגין עד שיגמר הדין. י"א) **גמ'.** תנא בריבי אומר לא הרגו נהרגו הרגו אין נהרגין, אמר אביו בני לאו קל וחומר הוא אמר לו לימדתנו רבנו שאין עונשין מן הדין. י"ב) דתניא (ויקרא כ') איש אשר יקח (את) אחותו בת אביו או בת אמו אין לי אלא בת אביו שלא בת אמו ובת אמו שלא בת אביו, בת אמו ובת אביו מנין? תלמוד לומר ערות אחותו גילה עד שלא יאמר יש לי בדין, אם ענש על בת אביו שלא בת אמו ובת אמו שלא בת אביו, בת אביו ובת אמו לא כל שכן הא למדת שאין עונשין מן הדין. י"ג) עונש שמענו אזהרה מנין? תלמוד לומר (ויקרא י"ח) ערות אחותך בת אביך או בת אמך אין לי אלא בת אביו שלא בת אמו ובת אמו שלא בת אביו בת אביו ובת אמו מנין, תלמוד לומר ערות אשת אביך מולדת אביך אחותך היא, עד שלא יאמר יש לי מן הדין מה אם הוזהר על בת אמו

„ואם כן למה נאמר נפש בנפש? יכול משעה שקבלו עדותן", נאר איך וואלט מיינען אז באלד נאך זייער עדות זאגען ווערען שוין די זוממין גע'הרג'עט, דורך דעם שטעהט נפש בנפש צו ווייזען דאס זיי ווערען ניט גע'הרג'עט ביז נאכ'ן אבפערטיגען דעם דין. י"א) גמרא. מיר האבען געלערענט, בריבי זאגט „לא הרגו נהרגו הרגו אין נהרגין", אויב די זוממין האבען נאך ניט גע'הרג'עט מיט זייער עדות זאגען, דאס הייסט עס איז נאך ניט דורכגעפירט געווארען דער אורטייל אין פאקט, דאמאלסט ווערען זיי גע'הרג'עט, דאגעגען אבער ווען ער שוין גע'הרג'עט איז ווערען די זוממין שוין מעהר ניט גע'הרג'עט. האט זיין פאטער געזאגט צו איהם, איז עס דען ניט א קל וחומר? האט ער איהם געענטפערט, האסט אונז געלערענט אונזער רבי, „שאין עונשין מן הדין", דאס מען שטראפט ניט אויפ'ן גרונד וואס מען לערענט ארויס פון א קל וחומר, ווי פאלגט. י"ב) דען מיר האבען געלערענט אין א ברייתא עס שטעהט אין פסוק „איש אשר יקח את אחותו בת אביו או בת אמו", דאס מיינט אז איינער נעמט א שוועסטער פון איין פאטער אדער פון איין מוטער קומט כרת, „בת אמו ובת אביו מנין?" פון וואנען ווייס איך א שוועסטער פון איין פאטער און מוטער, אויף דעם ענדיגט דער פסוק „אחותו גילה", וואס מיינט די שטראפע קומט ווייל ער האט אויפגעדעקט די שאנדע פון זיין שוועסטער איז געדרונגען יעדע שוועסטער, איז דאך די פראגע, „עד שלא יאמר יש לי בדין", איז עס דען ניט קיין קל וחומר, „בת אביו ובת אמו לא כל שכן", א פאלקאמע שוועסטער איז דאך געוויס ער חייב, הא למדת", איז פון דעם געדרונגען דאס מען שטראפט ניט אויפ'ן גרונד פון א קל וחומר. י"ג) האבען מיר געהערט וועגען עונש, וועגען אזהרה אויף מלקות פון וואנען ווייס איך? „תלמוד לומר", קומט לערנען דער פסוק „ערות אחותך בת אביך או בת אמך", וואס מיינט זאלסט ניט אויפדעקען די ערוה פון דיין שוועסטער פון איין פאטער אדער איין מוטער, „בת אביו ובת אמו מנין?" פון וואנען ווייס איך א פולע שוועסטער? ענ-

שלא בת אביו ובת אביו שלא בת אמו, בת אביו ובת אמו לא כל שכן? הא למדת שאין מזהירין מן הדין. י״ד) חייבי מלקות מנין? תלמוד לומר רשע רשע, חייבי גליות מנין אתיא רוצח רוצח. ט״ו) תניא אמר ר׳ יהודה בן טבאי אראה בנחמה אם לא הרגתי עד זומם להוציא מלבן של צדוקים שהיו אומרים אין העדים זוממין נהרגין עד שיהרג הנדון, אמר לו שמעון בן שטח אראה בנחמה אם לא שפכת דם נקי שהרי אמרו חכמים אין העדים זוממין נהרגין עד שיזומו שניהם ואין לוקין עד שיזומו שניהם. ט״ז) מיד קבל עליו ר׳ יהודה בן טבאי שאינו מורה הוראה אלא לפני שמעון בן שטח, וכל ימיו של ר׳ יהודה בן טבאי היה משתטח על קברו של אותו העד, והיה קולו נשמע, וכסבורין העם לומר קולו של הרוג, אמר קולי שלי הוא, תדעו למחר הוא מת ואין קולו נשמע.

דיגט דער פסוק „אחותך היא״, זי איז דיין שוועסטער, אין יעדען פאל, „עד שלא יאמר״, נאָך בעפאָר ער זאָגט דאָס, „יש לי מן הדין״, וואָלט איך שוין וויסען פון א קל וחומר, „מה אם הוזהר״, מאדאָך א האלבע שוועסטער איז דאָך א גאנ־צע שוועסטער א געוויס? נאָר וואָס דען? דאָס לערענט אונז אויס, „אין מזהירין מן הדין״, דאָס מען גיט ניט א לאו אויפ׳ן גרונד פון א קל וחומר. י״ד) פון וואנען ווייס איך דאָס זוממין האָבען געוואָלט באשולדיגען מלקות, דאָס עס מוז זיין דער אורטייל פערטיג? „תלמוד לומר רשע רשע״, איך לערען אַרויס פון א גזרה שוה דאָס הייסט צוויי גלייכע ווערטער, ביי חיובי מיתות שטעהט „אשר הוא רשע למות״, און ביי חיובי מלקות שטעהט „והיה אם בן הכות הרשע״ איז געדרונגען פון די גלייכע ווערטער אויף איין מיינונג, דאָס זייער אורטייל מוז זיין אויסגעשפּראָכען בעפאָר די עדות קענען ווערען זוממין. „חייבי גליות מנין?״ פון וואנען ווייס איך אויף גלות? „אתיא רוצח רוצח״, איך לערען אַרויס א גזרה שוה רוצח רוצח. ט״ו) מיר האָבען געלערענט ר׳ יהודה בן טבאי האָט געזאָגט, „אראה בנחמה״, איך זאָל זעהן אין טרייסט פון ירושלים, „אם לא הרגתי״, אויב איך האָב ניט גע׳הרג׳עט א עד זומם, „להוציא מלבן של צדוקין,״ צו איבערצייגען די צדוקים וואָס זאָגען אַז עדים זוממין ווערען ניט גע׳הרג׳עט „עד שיהרג הנדון״, סיידען דער פעראורטיילטער ווערט גע׳הרג׳עט, כאָטש דער דין אַז איין עדות א זומם ווערט ניט גע׳הרג׳עט, פונדעסטוועגען האָ־בען די חכמים א כח כדי איבערצושטרייטען די קאראאימער — אפילו צו הרג־ענען אַן עד זומם. האָט צו איהם געזאָגט ר׳ שמעון בן שטח, איך זאָל זעהען דעם אידישען טרייסט אויב דו האָסט ניט פארגאָסען אומזיסט בלוט, „שהרי אמרו חכמים״, דען די חכמים האָבען דאָך געזאָגט, „אין זוממין נהרגין״, דאָס איין עדות זומם ווערט ניט גע׳הרג׳עט, „עד שיזומו שניהם״, ביז בײדע זיינען געוואָרען זוממין, און דאָס לערנען אַרויס די חכמים פון פסוק „לא יקום עד אחד דאָס וואָרט „עד״ איז איינצאָהל אויף איין עדות, ווארום שטעהט נאָך אויך דאָס וואָרט אחד, פון דעם לערנען די חכמים אַז איבעראל וואו עס שטעהט נאָר דאָס וואָרט „עד״, אָהנע אחד, מיינט צוויי עדות, אָבער די צדוקים זיינען אין

י"ז) אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי דלמא בדינא קם בהדיה אי נמי פיוסי פייסיה. י"ח) **מתני'.** (דברים י"ז) על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת, אם מתקיימת העדות בשנים, למה פרט הכתוב בשלשה? אלא להקיש (שלשה לשנים) מה שלשה מזימין את השנים אף השנים מזימין את השלשה, ומנין אפילו מאה? ת"ל עדים. י"ט) ר' שמעון אומר מה שנים אינן נהרגין עד שיהיו שניהם זוממין אף שלשה אינן נהרגין עד שיהיו שלשתן זוממין ומנין אפילו מאה ת"ל עדים. כ) רבי עקיבא אומר לא בא השלישי להקל אלא להחמיר עליו ולעשות

דעם אויך ניט איינשטימינג, און האלטען אז „עד" איז נאר איין עדות, אט אויף דער עראייגנים האט שמעון בן שטח געשטורעמט און געזאגט צו ר' יודא בן טבאי דו האסט דאך גע'הרג'עט דעם עד זומם בלויז איבערצייגען די צדוקים אז מען הרג'עט בלויז פאר פלאנען אויף יענעם, אבער ליידער צו דער זעלבער צייט האסטו דאך געבראכט דערצו, אויך אנערקענונג פאר זיי, דען דו האסט דאך געלאזט איין עדות ווערען א זומם, ווי זיי זאגען, אנטקעגען חכמים וואס זאגען אז „עד" מיינט צוויי. ט"ז) „מיד קבל עליו", באלד האט אויף זיך גענומען ר' יודא, „שאינו מורה הוראה", ניט צו פסק'ענען „אלא לפני שמעון בן שטח", נאר איין געגענווארט פון שמעון בן שטח, „וכל ימיו היה משתטח", און זיינע אלע יאהרען פלעגט ער פאלען אויף דעם עדות קבר. ביז זיין קול איז ארויסגעהערט געווארען, „וכסבורין", האט די וועלט געמיינט דאס דעם טוי־טענס קול הערט זיך, האט ר' יודא געזאגט, „קול שלי", זייט וויסען דאס איז מיין קול, „תדעו", א באווייז דאס מארגען אמאל שטארבט ער, וועט שוין זיי קול ניט געהערט ווערען. י"ז) האט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאגט צו רב אשי, „דילמא בדינא קם בהדיה", פיליכט האט דער מת איהם גערופען צום דין, „אי נמי פיוסי פייסיה", אז ער ר' יודא האט איהם איבערגעבעטען. י"ח) משנה. דער פסוק „על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת", וואס מיינט דורך צוויי עדות אדער דורך דריי עדות קען דורכגעפיהרט ווערען א טויט אורטייל, איז דאך די פראגע, „אם מתקיים בשנים", אויב צוויי עדות איז גענוג גוט, איז דאך דריי געוויס גוט ? „אלא להקיש", נאר עם קומט די צאהל עדות צו צו־גלייכען, „מה שלשה מזימין את השנים", פונקט ווי די דריי קענען מזים זיין די צוויי, אזוי אויך די צוויי קענען מזים זיין די דריי, „ומנין אפילו מאה ?" און פון וואנען ווייס איך דאס אפילו הונדערט ? אויף דעם, „תלמוד לומר עדים" זאגט דער פסוק דאבעל דאסווארט עדים וואס מיינט צו באטאנען מיט'ן מעהר־צאהל, אירגענד וועלכע צאהל עדים. י"ט) ר' שמעון זאגט נאך א זאך וואס זיי ווערען געגליבען, פונקט ווי צוויי מוזעןביידע ווערען זוממין אזוי אויך דריי מוזען אלע גלייך ווערען זוממין און דער ווארט עדים איז מרבה אפילו הונדערט, ווען זיי קומען עדות זאגען אין איין פארטי. כ) ר' עקיבא איינוועג־דעט אויף ר' שמעון וואס ער זאגט צו פארגרינגערען, דאס דער דריטער עדות מוז אויך ווערען א זומם גלייך מיט זיי און אויב ניט זיינען די עדות ניט קיין

דינו כיוצא באלו, ואם כן ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה כעוברי עבירה על אחת כמה וכמה ישלם שכר לנטפל לעושי מצוה כעושי מצוה. כ"א) ומה שנים נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה אף שלשה נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה ומנין אפילו מאה ת"ל עדים. א) (דף ו' ע"א) אמר ר' יוסי במה דברים אמורים בדיני נפשות אבל בדיני ממונות תתקיים העדות בשאר, רבי אומר אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות. ב) ואימתי בזמן שהתרו בהן אבל בזמן שלא התרו בהן, מה יעשו שני אחין שראו באחד שהרג את הנפש. ג) גמ'. אמר רבא והוא שהעידו כולם בתוך כדי דיבור. ד) אמר ליה רב אחא מדפתא לרבינא מכדי תוך כדי דיבור היכי דמי, כדי שאילת תלמיד לרב, מאה טובא הוו אמר ליה כל חד וחד בתוך כדי דיבור של חברו. ה) ר' עקיבא

זוממין, דאָס דאַרף ער ניט לאָזען הערען, ער דאַרף מיר יאָ לאָזען הערען, „אלא להחמיר עליו", דאָס דער דריטער אויב ער ווערט אַ זומם ווערט אויך איינגע־שלאָסען אין דער כת עדים זוממין צו יעדען עונש וואָס זיי פאַרדינען. „ואם כן ענש הכתוב לנטפל", און דאָס צייגט ווי די תורה שטראָפט צו די וואָס העלפען צו אַן עבירה, „כעוברי עבירה", אַזוי ווי די עבירה טוערס אַליין, ומכל שכן אַז עס וועט ווערען באַצאָהלט צו די וואָס העלפען צו אַ מצוה אַזוי ווי די מצוה אַליין. כ"א) און ר' עקיבא ענדיגט אויך להקל, איז דאָ צו לאָזען הערען, „ומה שנים", אַזוי ווי צוויי „נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותו בטלה", אויב איינער פון זיי איז אַ קרוב אָדער אַ פסול זיינען די עדות ניט גילטיג, אַזוי אויך דריי און אַפילו הונדערט, איז מרבה דער וואָרט עדים. א) האָט ר' יוסי אויף דעם געזאָגט, „במה דברים אמורים", ווען זאָג איך אַז אַ קרוב פסל'ט אַלע עדות נאָר ביי דיני נפשות, „אבל דיני ממונות", אָבער ביי געלד משפטים „תתקיים העדות בשאר", פיהרט מען דורך מיט די איבעריגע עדות ווייל ביי דיני נפשות מוז מען זוכען נאָך אַ זכות, רבי זאָגט קיין אונטערשיעד סאַי דיני נפשות סאַי דיני ממונות. ב) „ואמתי", און ווען זאָג איך דאָס אַ קרוב מאַכט פסול די איבעריגע עדות, „בזמן שהתרו", אויב ער באַטייליגט זיך מיט די אי־בעריגע עדות פון אָנפאַנג אָן ווען מען וואָרענט דעם פאַרברעכער, אָבער אויב ער האָט ניט געוואָרענט דאַן איז ער ניט קיין באַטייליגטער אין די עדות, „מה יעשו שני אחים", דען וואָס זאָלען טהאָן צוויי ברידער אויב זיי זעהן מיט נאָך אייגעם, ווי איינער הרג'עט אַ נפש. ג) גמרא. רבא האָט געזאָגט „והוא" ווען זאָג איך אַז מעהרערע עדות ווערען גערעכענט פאַר איין כת עדות, „שהעידו כולם בתוך כדי דיבור", אויב זיי האָבען גערעדט בתוך כדי דיבור, אין אַ ווייל‍ע מען רעדט עפּעס צו יענעם. ד) האָט רב אחא פון דפתא געזאָגט צו רבינא, „מכדי תוך כדי דיבור היכי דמי ?" ווארשיינליך וויפיל צייט קען דאָס זיין דער תוך כדי דיבור, אַזוי פיעל עס נעמט אַ תלמיד צו פרעגען שלום צו זיין רבין, „מאה טובא הוו ?" און אויב הונדערט עדות איז דאָך דאָ אַ סך מעהר ? האָט ער איהם געענטפערט, דאָס מיינט דאָס יעדער רעדט אין דער ווייל‍ע ווען

אומר לא בא שלישי וכו' ומה שנים כו': אמר ליה רב פפא לאביי אלא מעתה הרוג יציל? כשהרגו מאחוריו, נרבע יציל? כשרבעו מאחוריו, הורג ורובע יצילו? אישתיק. ו) כי אתא לקמיה דרבא אמר ליה (דברים י"ט) יקום דבר במקיימי דבר הכתוב מדבר: ז) אמר ר' יוסי במה דברים אמורים וכו' מה יעשו שני אחים וכו': היכי אמרינן להו, אמר רבא הכי אמרינן להו למיחזי אתיתו או לאסהודי אתיתו, אי אמרי לאסהודי אתו, נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה, אי אמרי למיחזי אתו מה יעשו שני אחין שראו באחד שהרג את הנפש: ח) איתמר אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כר' יוסי, ורב נחמן אמר הלכה כרבי. ט) (דף ו' ע"ב) מתני'. היו שנים רואין אותו מחלון זה ושנים רואין

זיין חבר האלט אין ענדיגען. ה) דאס באציהט זיך אויף ר' עקיבא'ס דין אין דער משנה דאס א קרוב פסל'ט אלע עדות, אויף דעם זאגט רב פפא צו אביי לויט ווי ר' יוסי האלט דאס די עדות דארפען ניט ווארנען מיט דער אבזיכט עדות צו זאגען און אלס קרוב קען ער שוין פסל'ען די איבעריגע עדות, „אלא מעתה הרוג יציל?" איז דאך א פראגע לאז דער געטויטעטער מציל זיין דעם גע'משפט'ען ער איז דאך זיין אייגענער קרוב ווארום פסל'ט ער ניט די עדות אלס קרוב כשהורגו מאחוריו", ענטפערט ער, עס קען זיין דאס ער האט איהם גע'הרג'עט פון דער בעק, האט איהם דער הרוג ניט געזעהן, נאך א פראגע, „נרבע יציל"? לאמיר זאגען אז דער נרבע זאל מציל זיין דעם נדון? די אנטווארט, דאס קען אויך שמועסען דורך דער בעק, נאך פרעגט ער לאמיר זאגען אז דער הורג און דער רובע זאלען מציל זיין דעם נדון? „אישתיק", האט ער געשווייגען און ניט געענטפערט. ו) „כי אתא לקמיה דרבא", ווען ער איז געקומען פאר רבא האט איהם רבא געענטפערט, עס איז אין פסוק געשריבען „יקום דבר", וואס מיינט דורך עדות ווערט אויסגעפיהרט און איינגעשעטלט די זאך, זעהסטו דאך אז דא שמועסט פון די וואס ברענגען צושטאנדע די זאך פאר א בי"ד אבער ניט דורך די וואס די זאך איז געשעהן: ז) באציהעניג זיך אויף דער משנה אמר ר' יוסי וכו', פרעגט די גמרא „היכי אמרינן להו?" ווי אזוי זאגען מיר צו דעם עדות אויסצוגעפינען ביי זיי, זייער עדות גילטיגקייט? האט רבא געענטפערט, מיר זאגען צו זיי „למיחזי אתיתו או לאסהדי אתיתו", זייט איהר געקומען אלס צושויער צו זעהן, אדער עדות צו זאגען? „אי אמרי לאסהודי אתו", ענטפערען זיי אז צו עדות זאגען, איז דאן „נמצא אחד מהן קרוב או פסול", אויב איינער פון זיי איז א קרוב אדער א פסול איז די גאנצע עדות בטל, „אי אמרי למיחזי אתו", אויב אבער אז זיי ענטפערען אז נאר צו זעהן זיינען זיי געקומען, איז „מה יעשו וכו'" וואס קענען זיי טהאן אז זיי זיינען קרובים: ח) „איתמר", מיר האבען געלערענט אז ר' יודא האט געזאגט פון שמואל'ס וועגען אז די הלכה איז ווי ר' יוסי אז נאר ביי דיני נפשות זאג איך א קרוב אדער א פסול פסל'ט אפילו הונדערט עדות אבער ניט ביי דיני ממונות. און רב נחמן זאגט סאי דיני ממונות סאי דיני נפשות: די הלכה איז ווי רבי.

אותו מחלון זה ואחד מתרה בו באמצע בזמן שמקצתן רואין אלו את אלו, הרי אלו עדות אחת, ואם לאו, הרי אלו שתי עדות. י) לפיכך אם נמצאת אחת מהן זוממת הוא והן נהרגין והשניה פטורה. ר׳ יוסי אומר לעולם אין נהרגין עד שיהיו שני עדיו מתרין בו שנאמר על פי שנים עדים. י״א) דבר אחר על פי שנים שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן. גמ׳. אמר רב זוטרא בר טוביא אמר רב מנין לעדות מיוחדת שהיא פסולה שנאמר לא יומת על פי עד אחד, מאי אחד אילימא עד אחד ממש, מרישא שמעינן לה על פי שנים עדים אלא מה אחד אחד אחד. י״ב) תניא נמי הכי לא יומת על פי עד אחד להביא שנים שרואים אותו אחד מחלון זה ואחד מחלון זה, ואין רואין זה את זה שאין מצטרפין, ולא עוד אלא

ט) משנה. „היו שנים רואין אותו מחלון זה״, צוויי האָבען איהם געזעהן בשעת אין פארברעכען, פון איין פענסטער, און אַנדערע צוויי האָבען איהם געזעהן פון א צווייטען פענסטער, „ואחד מתרה אותו באמצע״, און איינער אין דער מיטע שטעהט און איז איהם מתרה, זאָג איך, „בזמן שמקצתן רואין אלו את אלו״, אויב דאמאָלסט זעהן זיך טייל איינע די אַנדערע, „הרי אלו עדות אחת״, דאַן איז עס איין פארטי עדות, „ואם לאו הרי אלו שתי עדיות״, און אויב ניט איז עס צוויי פארטים עדות. י) „לפיכך אם נמצאת אחת מהן זוממת״, איבער דעם אויב איין כת פון זיי ווערען געפונען זוממין, „הוא והן נהרגין״, ווערען די כת און דער דריטער גע׳הרג׳עט „והשניה פטורה״, און די צווייטע כת איז פטור, ר׳ יוסי זאָגט, „לעולם אין נהרגין״, אימער דארף זיין דאָס די עדות ווערען ניט גע׳הרג׳עט, „עד שיהיו שנים מתרין״, ביז צוויי עדות זיינען איהם מתרה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט על פי שנים וואָס מיינט דורך דעם מויל פון צוויי. י״א) נאָך א פשט אויף על פי שנים, „שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן״, דאָס די סנהדרין זאָלען ניט פארהערען די עדות דורך א דאָלמעטשער, נאָר דורכ׳ן מויל פון די עדות אליין. גמרא. רב זוטרא בר טוביא האָט געזאָגט פון רב׳ס וועגען, „מנין לעדות מיוחדת שהיא פסולה?״ פון וואנען איז געדרונגען דאָס איינצעלנע עדות וואָס מיינט איינער האָט געזעהן פון איין פענסטער און דער צווייטער פון דער אנדערער פענסטער, דאָס זיי זיינען פסול? דען עס שטעהט „לא יומת על פי עד אחד״, א מענש זאָל ניט געטויטעט ווערען דורך איין עדות, „מאי עד אחד?״ וואָס מיינט עד אחד? „אילימא עד אחד ממש?״ וועסטו זאָגען טאקע ממש איין עדות, „מרישא שמעינן לה?״ דאָס איז דאָך געדרונגען פון אָנפאנג פסוק על פי שנים עדים? „אלא מאי אחד? אחד אחד״, נאָר וויסטו וואָס מיינט דאָ אחד? איינצעלוויים, דהיינו ער האָט געזעהן פון איין פינסטער און דער צווייטער פון א צווייטען פענסטער. י״ב) „תניא נמי הכי״, מיר האָבען אויך אזוי געלערענט דעם פסוק „לא יומת על פי עד אחד״, להביא שנים וכו׳״, אז דאָס קומט מרבה זיין, דאָ וואו צוויי האָבען געזעהן איינער פון איין פענסטער און איינער פון צווייטען פענסטער, דאָס זיי ווערען ניט צוזאמענגענומען אַלס איין פארטי עדות אויב זיי האָבען זיך ניט געזעהן

אפילו בזה אחר זה בחלון אחד אין מצטרפין. י"ג) אמר ליה רב פפא לאביי השתא ומה אחד מחלון זה ואחד מחלון זה דהאי קא חזי כולו מעשה והאי קא חזי כולו מעשה אמרית לא מצטרפי, בזה אחד זה דהאי חזי פלגא דמעשה והאי חזי פלגא דמעשא מיבעיא. י"ד) אמר ליה לא נצרכה אלא לבועל את הערוה. ט"ו) אמר רבא אם היו רואין את המתרה או המתרה רואה אותן, מצטרפין. ט"ז) ואמר רבא מתרה שאמרו אפילו מפי עצמו ואפילו מפי השד. י"ז) אמר רב נחמן עדות מיוחדת כשרה בדיני ממונות דכתיב לא יומת על פי עד אחד. י"ח) בדיני נפשות הוא דאין כשרה אבל בדיני ממונות כשרה. מתקיף לה רב זוטרא אלא מעתה

איינער דעם אנדערען, און נאך מעהר ווען אפילו דורך איין פענסטער איינער נאך דעם אנדערען ניט זעהענדיג זיך, „אין מצטרפין", ווערען זיי ניט צוזאמענגענומען. י"ג) האט רב פפא געזאגט צו אביי פרעגענדיג, „השתא מה אחד מחלון זה ואחד מחלון זה", מאדאך ווען איינער זעהט פון איין פענסטער און איינער פון דעם צווייטען פענסטער, „דהאי קא חזי והאי קא חזי", וואס יעדער פון זיי האט געזעהן די גאנצע געשיכטע, „אמרית לא מצטרפי", זאגסט דו אז זיי זיינען זיך ניט מצטרף, „בזה אחר זה", איז דאך א געוויס אז דורך איין פענסטער איינער נאכ'ן אנדערען „דהאי חזי פלגא מעשה", וואס יעדער פון זיי זעהט נאר א האלבע געשיכטע, „מיבעיא", איז דאך א געוויס דאס זיי זיינען זיך ניט מצטרף? י"ד) האט אביי איהם געענטפערט, „לא נצרכה", דאס איז ניט געברויכט געווארען צו זאגען, נאר ביי א געשיכטע וואו איינער איז בועל אן ערוה, וואס די תורה האט פארבאטען, וואס איז גענוגענד צו זעהן איינער נאכ'ן אנדערען. ט"ו) רבא האט געזאגט, „אם היו רואין את המתרה", אויב די צוויי האבען געזעהן דעם וואס ווארענט איהם, „או המתרה רואה אותן", אדער דער מתרה האט געזעהן זיי, זיינען זיי זיך מצטרף. ט"ז) נאך האט רבא געזאגט, וועגען דעם מתרה וואס ער דארף איהם ווארנען, בעפאר דעם פארברעכען, „אפילו מפי עצמו", מעג אפילו זיין דער הרוג אליין, אפילו דורך א שד. י"ז) רב נחמן האט געזאגט, דאס איינצעלנע עדות וואס רעדט זיך דא, איז כשר ביי געלד משפטים דען עס זאגט זיך אין פסוק „לא יומת על פי עד אחד" וואס מיינט נאר וועגען נפשות. י"ח) „בדיני נפשות הוא דאין כשירה", דו פיהרסט אויס אז נאר ביי דיני נפשות איז ניט כשר אבער ביי דיני ממונות יא, ווייל זיי זיינען זיך מצטרף, „מתקיף", האט אויף דעם רב זוטרא א קשיא געפרעגט, „אלא מעתה", די ארט וואס די משנה ברענגט אויבען, ווען צוויי האבען געזעהן פון איין פענסטער און אנדערע צוויי פון דעם אנדערען פענסטער, „בדיני נפשות תציל?" לאמיר זאגען זיי זאלען זיך מצטרף זיין מציל צו זיין, אי דעם נדון אי די זוממין, אויב מיר געפינען שוין אז ביי דיני ממונות זיינען זיי זיך יא מצטרף, זאלען זיי זיך דא אויך מצטרף זיין, לויט דעם פסוק, „והצילו העדה", וואס מיינט דער בית דין זאל טרייען מציל צו זיין, דא וואו נאר איין כת איז געווארען זוממין זאלען זיי פטור זיין? „אלמה תנן הוא והן נהרגין?" און

בדיני נפשות תציל אלמה תנן הוא והן נהרגין, קשיא: י״ט) ר׳ יוסי אומר וכו׳: אמר ליה רב פפא לאביי, ומי אית ליה לר׳ יוסי האי סברא והתנן ר׳ יוסי אומר השונא נהרג מפני שהוא כמועד ומותרה. כ) אמר ליה, הוא ר׳ יוסי בר יהודה היא, דתניא ר׳ יוסי בר יהודה אומר חבר אין צריך התראה לפי שלא ניתנה התראה אלא להבחין בין שוגג למזיד: כ״א) דבר אחר על פי שנים עדים שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן, הנהו לעוזי דאתו לקמיה דרבא אוקי רבא מתורגמן בינייהו והיכי עביד הכי והתנן שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן. כ״ב) רבא מידע הוה ידע מה דהוו אמרי ואהדורי הוא דלא הוה ידע. (דף ז׳ ע״א) א) אילעא וטוביה קריביה דערבא הוה, סבר רב פפא למימר גבי לוה ומלוה רחיקי נינהי. ב) אמר ליה רב הונא בריה דרב יהשיע לרב פפא, אי לית ליה ללוה, לאו בתר ערבא אזיל מלוה? ג) מתני׳.

מיר האָבען דאָך אין דער משנה געלערענט, דאָס ער און די זוממין ווערען גע׳הרג׳עט ווייל זיי זיינען זיך ניט מצטרף, „קשיא״, בלייבט די פראגע. י״ט) באציהענדיג זיך אויף דער משנה וואָס ר׳ יוסי זאָגט אז די עדות מוזען מתרה זיין, דאָס הייסט זיי מוזען וואָרנען בעפאָר דעם פארברעכען, האָט רב פפא געזאָגט צו אביי אין א פראגע, „ומי אית ליה לר׳ יוסי האי סברא?״ האלט דען ר׳ יוסי די סברא אז זיי מוזען מתרה זיין? „והתנן השונא נהרג״, מיר האָבען דאָך געלערענט ווייטער דף ט„ אין א משנה, אז א שונא ווערט גע׳הרג׳עט ווען אפילו ער טענה׳ט איך האָב דאָס געטאָן אומגערען ווייל א שונא איז ווי א מועד און געוואָרענט, (מועד מיינט נאָך איינינגע מאָהל טהאָן). כ) האָט איהם אביי געענטפערט, „ההוא רב יוסי בר יודא״, דאָס וואָס ר׳ יוסי זאָגט אז א שונא דארף ניט קיין התראה איז גאָר ר׳ יוסי בר יהודא וואָס זאָגט „חבר״, אז א געלערענטער דארף קיין התראה, „לפי שלא ניתנה התראה אלא להבחין בין שוגג למזיד״, ווייל התראה איז געמאכט צו אונטערשיידען צווישען גערען און אומגערען, און א חבר וויסט דאָס אליין. כ״א) באציהענדיג זיך אויף דער משנה וואָס זאָגט נאָך א פשט אויף „על פי שנים עדים״, דאָס די ריכטער טאָרען ניט הערען דורך א דאָלמעטשער, דערצעהלט ער דאָס „הנהו לעוזי דאתו לקמיה דרבא״, עס זיינען געקומען פרעמד שפראכיגע פאר רבא, „אוקי מתורגמן״ האָט רבא אוועקגעשטעלט א דאָלמעטשער, „והיכי עביד הכי?״ פרעגט ער ווי אזוי האָט דאָס רבא געטאָן? עס איז דאָך געגען אונזער משנה. כ״ב) ענטפערט די גמרא, „מידע הוה ידע מה דהוו אמרי״, רבא האָט פערשטאַנען וואָס זיי זאָגען, נאָר ענטפערען האָט ער ניט געקענט. א) אילעא און טוביה אלס עדות זיינען געוועזן „קריביה דערבא״, פערוואנדעט צום האפטער, „סבר למימר״, האָט רב פפא געוואָלט זאָגען, „גבי לוה ומלוה רחיקי נינהו״, דאָס געגען דעם וואָס האָט ענטליהען אָדער געליהען הייסען זיי פרעמדע, און דאריבער מעגען זיי עדות זאָגען. ב) האָט רב הונא דער זוהן פון רב יושיע געענטפערט צו רב פפא, „אי לית ליה ללוה״, אויב דער לוה האָט ניט, „לאו בתר ערבא אזיל?״ געהט

מי שנגמר דינו וברח ובא לפני אותו בית דין, אין סותרין את דינו. ד) כל מקום שיעמדו שנים ויאמרו מעידים אנו באיש פלוני שנגמר דינו בבית דין של פלוני ופלוני ופלוני עידיו הרי זה יהרג. ה) סנהדרין נוהגת בארץ ובחוצה לארץ, סנהדרין ההורגת אחד בשבוע נקראת חובלנית, ר׳ אליעזר בן עזריא אומר אחת לשבעים שנה. ו) רבי טרפון ורבי עקיבא אומרים אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם, ר׳ שמעון בן גמליאל אומר אף הם מרבין שופכי דמים בישראל. ז) **גמ׳**. לפני אותו בית דין הוא דאין סותרין, הא לפני בית דין אחר סותרין, הא תני סיפא כל מקום שיעמדו שנים ויאמרו מעידין אנו את איש פלוני שנגמר דינו בבית דין פלוני, ופלוני ופלוני עדיו הרי זה יהרג. ח) אמר אביי לא קשיא כאן בארץ ישראל כאן בחוצה הארץ, דתניא ר׳ יהודה בן דוסתאי אומר משום רבי שמעון בן שטח, ברח מארץ לחוץ לארץ אין סותרין את דינו מחוצה

דען ניט דער מלוה צום האפטער? ג) **גמרא.** „מי שנגמר דינו וברח״, ווער עס איז פארטיג געוואָרען זיין דין דאָס הייסט ער איז שוין פעראורטיילט, און ער איז אנטלאָפען געוואָרען, „ובא לפני אותו ב״ד״, און דאַן זיך צוריק גע־שטעלט צום זעלבען בית דין, „אין סותרין את דינו״, צערודערט מען ניט זיין משפט צו זוכען אויף איהם א זכות. ד) „כל מקום שיעמדו שנים ויאמרו״, אויף יעדען פלאַץ עס שטעלען זיך עדות פאַר׳ן בית דין און זאָגען, מיר זאָגען עדות אויף דעם יעניגען „שנגמר דינו בב״ד פלוני ופלוני עדיו״, דאָס ער איז פארטיג פאר׳משפט געוואָרען צום הרג׳ענען פאַר דעם און דעם בית דין און די און די זיינען זיינע עדות, „הרי זה יהרג״, ווערט ער גע׳הרג׳עט. ה) „סנהדרין״ דער דין איז דאָס סנהדרין איז איינגעפיהרט אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, א סנהדרין וואָס הרג׳עט איינעם אין זיבען יאָהר ווערט גערופען חובלנית, ר׳ אליעזר בן עזריא זאָגט איין מאָהל אין זיבעציג יאָהר. ו) רבי טרפון און ר׳ עקיבא זאָגען, „אילו היינו לא נהרג אדם מעולם״, ווען מיר וואָלטען געוועזן סנהדרין וואָלט קיינער ניט גע׳הרג׳עט געוואָרען, דען זיי וואָלטען ניט אויסהאַל־טען די אויספאָרשונג. אויף דעם האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געזאָגט, „אף הם מרבין שופכי דמים״, אַז מיט דעם וואָלטען זיי אויך געמעהרט בלוט־פארגיסונג צווישען אידען דען קיינער וואָלט ניט מורא האָבען פאַר׳ן בית דין. ז) **גמרא.** אויבען אין דער משנה זאָגט ער, „לפני אותו ב״ד הוא דאין סותרין״, אַז דוקא צום זעלבען בית דין ער איז צוריקגעקומען, ווערט ניט אונטערזוכט נאָך אמאָל דער משפט, „הא לפני ב״ד אחר סותרין״, אָבער פאַר אַן אנדער בית דין יאָ, איז עס דאָך פארקערט ווי אין אנדערען פאל? „הא תני סיפא כל מקום?״ וואָס זאָגט זיך אַז אין יעדען פלאַץ עדות שטעלען זיך און זאָגען דאָס דער יעניגער איז ענדליך פאר׳משפט געוואָרען צו מיתה פאַר דעם יעניגען בית דין און די און די זיינען די עדות ווערט ער גע׳הרג׳עט? ח) האָט אביי גענטפערט, „לא קשיא״, עס איז ניט קיין קשיא, „כאן בארץ ישראל״, איין פלאַץ שמויסט אין ארץ ישראל, און איין פלאַץ שמועסט אין חוצה לארץ, דען מיר

לארץ לארץ סותרין את דינו מפני זכותה של ארץ ישראל: ט) סנהדרין נוהגת וכו': מנא הני מילי דתנו רבנן (במדבר ל"ה) והיו אלה לכם לחוקת משפט לדורותיכם, למדנו לסנהדרין שנוהגת בארץ ובחוצה לארץ, א"כ מה תלמוד לומר בשעריך אתה מושיב בתי דינים בכל פלך ופלך ובכל עיר ועיר, ובחו"ל אתה מושיב בכל פלך פלך ואי אתה מושיב בכל עיר ועיר: י) סנהדרין ההורגת וכו' איבעיא להו אחת לשבעים שנה נקראת חבלנית או דלמא אורח ארעא הוא, תיקו: י"א) ר' טרפון ור' עקיבא אומרים אילו היינו כו': היכי הוו עבדי ר' יוחנן ור' אלעזר דאמרי תרווייהו, ראיתם טריפה הרג? שלם הרג? אמר רב אשי אם תמצא לומר שלם הוה, דלמא במקום סייף נקב הוה. י"ב) בבועל את

האבען געלערענט, ר' יודא בן דוסתאי האט געזאגט פון ר' שמעון בן שטח'ס וועגען, „ברח מארץ לחוץ לארץ", איז ער אנטלאפען פון ארץ ישראל קיין אויס־לאנד „אין סותרין דינו", ווערט זיין משפט ניט צערודערט, דאגעגען פון אויס־לאנד קיין ארץ ישראל ווערט זיין משפט יא צערודערט צוליב רעספעקט פאר'ן זכות פון ארץ ישראל. ט) באציהענדיג זיך צו דער משנה וואס זאגט אויך פאר א סנהדרין אין חוץ לארץ, פרעגט די גמרא „מנא הני מילי?" פון וואנען דרינגט מען דאס, די רבנן האבען געלערענט דער פסוק זאגט „והיו אלה לכם לחוקת משפט לדורותיכם", וואס מיינט די דאזיגע משפטים זאלען זיין אונשטרייטבאר פאר אייערע דורות, „למדנו", דאס לערענט אונז אז סנהדרין איז נוהג סאי אין ארץ ישראל סאי אין חוץ לארץ, „א"כ?" אויב אזוי וואס מיינט „בשעריך" וואס איז דאך ארץ ישראל? לערען איך דאס אין שעריך זאלסטו זעצען ריכטער אין יעדען פלך און אין יעדער שטאט, און אין חוצה לארץ זאלסטו זעצען ריכטער אין יעדען פלך אבער ניט אין יעדער שטאט: (פלך מיינט פראָ־ווינץ). י) באציהענדיג זיך צו דער משנה, סנהדרין ההורגת ווי פאלגט, „איבעא להו?" האבען אויף דעם די בני הישיבה א פראגע געפרעגט, דאס וואס ר' אליעזר בן עזריא האט געזאגט איינס אין זיבעציג יאהר, צו מיינט ער, „נקראת חובלנית", דאס בית דין ווערט גערופען חבלנית, „או דילמא אורח ארעא הוא?" אדער ער זאגט זיך געוועהנליך אזוי אז עס איז צופיעל הריגה פאר דעם בית דין, „תיקו", בלייבט שטעהן די פראגע. י"א) באציהענדיג זיך אויף די משנה וואס ר' טרפון און ר' עקיבא האבען געזאגט, פרעגט די גמרא, „היכי הוו עבדי?" ווי אזוי וואלטען זיי געטאן? ר' יוחנן און ר' אלעזר האבען ביידע געזאגט דאס זיי וואלטען זיי געפרעגט, „ראיתם טריפה הרג?" האט איהר געזעהן ווי ער האט גע'הרג'עט א פעלערהאפטען, „שלם הרג?" אדער א גאנצען מענשען? האט רב אשי דערזאגט, „אם תמצא לומר", אויב אפילו דו וועסט זאגען ער איז געווען „שלם הוה", א גאנצער מענש, דאס מיינט מיר האבען איהם בודק געווען דאס ער איז ניט קיין טרפה, „דלמא במקום סייף נקב הוה?" קען אויך זיין דאס אין פלאץ וואו ער האט איהם דערשטאכען איז געווען געלעכערט. י"ב) די גמרא פרעגט, „בבועל הערוה היכי הוו עבדי?" ווי אזוי וואלטען זיי

הערוה היכי הוו עבדי? אביי ורבא דאמרי תרוייהו ראיתם כמכחול בשפופרת? י"ג) ורבנן היכי דיינו, כשמואל דאמר שמואל במנאפים משיראו כמנאפים.

הדרן עלך כיצד העדים

י"ד) **אלו** הן הגולין ההורג נפש בשגגה, היה מעגל במעגילה ונפלה עליו והרגתו, היה משלשל בחבית ונפלה עליו והרגתו היה יורד בסולם ונפל עליו והרגו הרי זה גולה. ט"ו) אבל אם היה מושך במעגילה ונפלה עליו והרגתו, היה דולה בחבית ונפסק החבל ונפלה עליו והרגתו (ז' ע"ב) היה עולה בסולם ונפל עליו והרגו הרי זה אינו גולה, זה הכלל כל שבדרך ירידתו גולה, ושלא בדרך ירידתו אינו גולה: ט"ז) גמ'. מנא הני מילי אמר שמואל דאמר קרא (במדבר ל"ה) ויפל עליו וימות עד שיפול דרך

בודק געווען דעם וואס איז בועל אן ערוה? אביי און רבא האבען ביידע געזאגט, זיי וואלטען די עדות געפרעגט, „ראיתם כמכחול בשפופרת?" האט איהר אריינגעקוקט אזוי ווי מיט א פענדעל אין א רעהרל מיט פארב? דען אזוי קוקען און זעהן איז ניט דער שטייגער ביי עדות קענען זיי ניט ענטפערען. י"ג) די גמרא פרעגט אויף די רבנן, זיי זיינען דאך אזוי ניט בודק, „היכי דייני?" איז ווי אזוי קענען זיי פאר'משפט'ן? ענטפערט די גמרא, „כשמואל", ווי שמואל, „משיראו כמנאפים", אויב זיי ווערען געזעהן ווי די נואפים ליגען צו לייב ווי דרך תשמיש.

י"ד) „**אלו** הן הגולין", די זיינען וואס זייער דין איז צו ווערען פארטריבען, „ההורג נפש בשגגה", דער וואס הרג'עט א מענש אומגערען, „היה מעגל במעגילה ונפלה", דהיינו ער האט געפלאסטערט מיט א פלאסטער ברעטעל און אזוי פלאסטערענדיג פון אויבען ארונטער איז עס ארונטערגעפאלען און גע־הרג'עט א מענש, „היה משלשל בחבית ונפלה", ער האט ארונטערגעלאזט א פאס און עס איז געפאלען און יעמאנדען גע'הרג'עט, „היה יורד בסולם ונפל", אדער ער איז ארונטערגעהענדיג פון א לייטער געפאלען אויף איינעם און איהם גע'הרג'עט, „הרי זה גולה", די זיינען די וואס ווערען פארטריבען. ט"ו) „אבל אם היה מושך במעגילה ונפלה", דאגעגען אבער פלאסטערענדיג האט ער גע־צויגען דעם פלאסטער ברעט צו זיך און ווערענד אזוי איז עס ארונטערגעפאלען און גע'הרג'עט, „היה דולה בחבית ונפסק החבל ונפלה עליו", אדער ווערענד ארויפציהענדיג דעם פאס איז דער שנור איבערגעריסען געווארען און ארונטער־פאלענדיג גע'הרג'עט, „היה עולה בסולם ונפל", אדער ווערענד ארויפגעהענדיג דעם לייטער איז ער ארונטערגעפאלען און גע'הרג'עט, „הרי זה אינו גולה", אט דער ווערט ניט פארטריבען, „זה הכלל", דאס איז דער געזעץ, „דרך ירידתו", וועג ארונטער איז גלות, וועג ארויף איז קיין גלות. דער רמב"ם שרייבט דער רוב שאדען איז וועג ארונטער, אויסערגעוועהנליך איז, ווען עס טרעפט פארקערט דאריבער איז עס ווי אן אונס. ט"ז) גמרא. „מנא הני מילי?" פון וואנען

נפילה. י״ז) תנו רבנן בשגגה (דברים י״ט) פרט למזיד בבלי דעת פרט למתכוון. י״ח) מזיד פשיטא, בר קטלה הוא אלא אמר רבא אימא פרט לאומר מותר. י״ט) אמר ליה אביי אי אומר מותר אנוס הוא? אמר ליה שאני אומר האומר מותר קרוב למזיד. כ) בבלי דעת פרט למתכוין, מתכוין פשיטא בר קטלא הוא אמר רבה פרט למתכוין להרוג את הבהמה והרג את האדם, לכותי והרג את ישראל, לנפל והרג בן קיימא. כ״א) ת״ר אם בפתע, פרט לקרן זוית, בלא איבה פרט לשונא, הדפו שדחפו בגופו, או השליך עליו להביא ירידה שהיא צורך עליה, בלא צדיה פרט למתכוין

זיינען די רייד געגומען אז נאר ניעדער וועג איז חייב גלות? האט ר׳ שמואל געזאגט, „דאמר קרא", דער פסוק זאגט, „ויפל עליו וימות", וואס מיינט, ער וועט מאכען פאלען אויף איהם און טויטען פון דעם איז געדרונגען דאס נאר „עד שיפול דרך נפילה", פאלענדיג איז ער חייב גלות. י״ז) די רבנן האבען געלערענט דער פסוק זאגט בשגגה אומגערען, דאס מיינט, „פרט למזיד", ניט במזיד, „בבלי דעת", אונבעוואוסט, דאס מיינט „פרט למתכוין", ער איז זיך ניט נתכוין צו טאן. י״ח) די גמרא פרעגט, דו זאגסט אז עס קומט ארויסנעמען א מזיד פון גלות, „פשיטא? בר קטלא הוא?" מזיד קומט דאך מיתה? אלא האט רבא געזאגט אז עס קומט ממעט זיין דער וואס רעדט זיך איין אז מען מעג, דען איך וואלט מיינען אז דאס הייסט אויך א שוגג, און דאס מיינט ער, „אימא", זאג און שטעל אריין אין טעקסט, „פרט לאומר מותר", אויסגענומען דער וואס רעדט זיך איין אז מען מעג. י״ט) האט אביי צו איהם געזאגט פרעגענדיג, „אי אומר מותר, אנוס הוא?" דער וואס איז א אומר מותר דאס הייסט דער וואס מיינט אז מען מעג, איז דאך געגויט? האט רבא איהם געענטפערט, „שאני אומר קרוב למזיד", איך זאג אז דער וואס זאגט מותר איז נאהענט צו א מזיד, דארום בין איך עס ממעט פון ווארט בשגגה. כ) זאגענדיג אויבען אז בבלי דעת נעמט ארויס א מתכוין, „מתכוין פשיטא?" / א מתכוין איז דאך א געוויס „בר קטלא הוא?" עס קומט דאך מיתה? האט רבה געזאגט אז דאס מיינט אז עס קומט ממעט זיין א מתכוין „להרוג את הבהמה והרג את האדם", וואס האט געוואלט הרג׳ענען א בהמה און גע׳הרג׳עט א מענשען אדער א כותי און גע׳הרג׳עט א ישראל, אדער ער האט געוואלט הרג׳ענען א נפל אן אונפערטיג קינד און גע׳הרג׳עט האט ער א בן קיימא א רייף קינד וואס איז ראוי צו לעבען. כ״א) די רבנן האבען געלערענט, „פרט לקרן זוית", בפתע מיינט פלוצלינג צוקומענדיג נאהענט צו איהם און איהם א שטויס געטאן, וואס דאס טרעפט געוועהנליך אין מיטען וועג ניט אין א ווינקעל, „בלא איבה פרט לשונא", אהן פיינדשאפט, „הדפו שדחפו בגופו", ער האט איהם א שטויס געטאן מיט זיין קערפער, „או השליך עליו בלא צדיה", מיינט, ער האט אויף איהם א ווארף געטאן עפעס, ניט צילענדיג צו זיין זייט, אייגענטליך איז דאס שוין געדרונגען פון ויפל, „להביא ירידה שהיא צורך עליה", נאר דאס קומט מרבה זיין אז איינער לאזט ארונטער א כלי מיט דער אבזיכט אויפצוהויבען בעסער דאס הייסט ירידה

לצד זה והלכה לה לצד אחר. כ״ב) ואשר לא צדה פרט למתכוין לזרוק שתים וזרק ארבע, ואשר יבא את רעהו ביער מה יער רשות לניזק ולמזיק ליכנם לשם אף כל רשות לניזק ולמזיק ליכנם לשם. כ״ג) בעא מיניה רבי אבהו מר׳ יוחנן היה עולה בסולם ונשמט השליבה מתחתיו ונפלה והרגה מהו? כי האי גוונא עליה היא או ירידה היא? אמר ליה כבר נגעת בירידה שהיא צורך עליה. כ״ד) איתיביה זה הכלל כל שבדרך ירידתו גולה שלא בדרך ירידתו אינו גולה, שלא בדרך ירידתו לאתויי מאי לאו לאתויי כהאי גוונא. כ״ה) וליטעמך כל שבדרך ירידתו לאתויי מאי לאו לאתויי קצב הכא נמי לאתוי קצב. כ״ו) דתניא קצב שהיה מקצב,

---

צורך עליה, און אזוי ארונטערלאָזענדיג די כלי האָט ער איהם גע׳הרג׳עט אומ־גערען איז ער חייב גלות, פון ויפל וואָלט איך מיינען דאָס אבזיכטליכע ארונ־טערלאָזען. כ״ב) עס שטעהט נאָך אמאָל „ואשר לא צדה", וואָס דער טייטש איז ער וועט ניט צילען צו דער זייט פונקט וואו דער מאַן שטעהט, אָבער וועניגס־טענס דאַרף ער צילען צו אַ פונקט, דאריבער קומט דאָס ממעט זיין אויב ער האָט געצילט צוויי איילען און עס איז געפאַלען פיער איילען וייט, קומט ניט קיין גלות, און „בלי צדיה", פון פריהער איז ממעט א ציעל איין זייט און גע־פאַלען איז עס די צווייטע זייט. „ואשר יבא את רעהו ביער", וואָס מיינט אז איינער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואלד, דאָס וואָרט אשר אין אָנפאַנג מיינט וואו עס איז פריי פיר יעדען, אויסגענומען א רשות היחיד, און דאָס לאָזט ער אונז הערען, „מה יער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם", אזוי ווי דער וואלד איז פריי פאַר׳ן געשעדיגטען ווי שעדיגער, „אף כל", אזוי איבעראַל, צו חייב זיין גלות מוז דער פּלאַץ זיין פריי פאַר יעדען. כ״ג) רבי אבהו האָט געפרעגט פון ר׳ יוחנן, „היה עולה בסולם ונשמט השליבה מתחתיו", געהענדיג אויף א לייטער האָט זיך ארויסגעגליטשט איין סטעבעל, ארונטערפאלענדיג אזוי האָט עס גע׳הרג׳עט א מענש, פרעג איך דיר„ „מהו", ווי איז דער דין געגען גלות, „כי האו גוונא עליה הוא", צו ירידה? האָט ער איהם געענטפערט, „כבר נגעת בירידה שהיא צורך עליה", דו האָסט דאָך שוין געריכט אויבען א ירידה צורך עליה, אָט ערשט האָסט דאָך מרבה געוועזן ירידה צורך עליה? כ״ד) איך וועל דיר א קשיא פרעגען, די משנה זאָגט אויבען, דאָס איז דער כלל „כל שבדרך ירידתו גולה", יעדער וואָס איז וועג ארונטער איז חייב גלות ניט וועג ארונטער איז קיין גלות, וואָס איז די משנה מרבה מיט דעם וואָס זי זאָגט, ניט וועג ארונטער איז קיין גלות? „לאו לאתויי כהאי גוונא", מיינסטו דען ניט אז ווארשיינליך איז עס מרבה די ארט און ווייזע ווי דאָ? אזוי קענסטו דאָך אויסגעפינען דעם דין? כ״ה) פרעגט ער איהם צוריק „ולטעמך", נאָך דיין טעם נאָך, „כל שבדרך ירידתו לאתוי מאי? וואָס קומען מרבה זיין די ווערטער כל שבדרך יְרידתו, „אלא לאתוי קצב", נאָר איז ווארשיינליך עס קומט מרבה זיין א קצב, „הכא נמי לאתוי קצב", אזוי דאָ אויך קומט מרבה זיין א קצב, ווי פאָלגט. כ״ו) דען מיר האָבען געלערענט וועגען א קצב וואָס טהוט צו האקען

תנא חדא לפניו חייב לאחריו פטור ותניא אידך לאחריו חייב לפניו פטור ותניא אידך בין לפניו בין לאחריו חייב, ותניא אידך בין לפניו בין לאחריו פטור. כ"ז) ולא קשיא כאן בירידה שלפניו ועליה שלאחריו, כאן בעליה שלפניו וירידה שלאחריו, כאן בירידה שלפניו ושל אחריו, כאן בעליה שלפניו ושל אחריו. כ"ח) לימא כתנאי היה עולה בסולם ונשמטה שליבה

די בהמה אויף שטיקער וועהרענד זי הענגט, דער שטייגער איז אויפצוהויבען די האק ביז ארונטער איבער די אקסלען, און דאן מיט כח אזוי אויפהויבענדיג פון אונטער די אקסלען און ארונטערלאזען אויף די בהמה. איז דא אין זיין פראנט מיט דער האק א וועג ארויף און א וועג ארונטער, ווי אויך אין זיין בעק„ דער אונטערשיעד איז, דאס אין זיין בעק איז דער וועג ארונטער באמת וועג ארויף, דען דאס איז דאך די ענד פון וועג ארויף פון פארענט, און דער וועג ארויף פון דער בעק איז באמת דער אנאפנג פון וועג ארונטער צו דעם פארענט. יעצט, „תנא חדא", איז דא איין ברייתא, „לפניו חייב", אז אין פארענט איז ער חייב, „לאחריו פטור", אין זיין בעק איז ער פטור, „ותניא אידך", די צווייטע ברייתא, „לאחריו חייב", אין זיין בעק איז ער חייב, „לפניו פטור", אין זיין פארענט איז ער פטור, „ותניא אידך", די דריטע ברייתא, „בין לפניו בין לאחריו חייב", סיי אין זיין פארענט סיי אין זיין בעק איז ער חייב, „ותניא אידך", און די פיערטע ברייתא „בין לפניו בין לאחריו פטור", סיי אין זיין פארענט סיי אין זיין בעק איז ער אלץ פטור. כ"ז) און עס איז ניט קיין קשיא, צווישען די פיער ברייתות, די ברייתא וואס זאגט אין זיין פארענט איז ער חייב און אין זיין בעק איז ער פטור מיינט, „כאן בירידה שלפניו ועלייה שלאחריו" ווערענד וועג ארונטער אין זיין פארענט און וועג ארויף אין זיין בעק. און די צווייטע ברייתא וואס זאגט אז זיין בעק איז ער חייב אין זיין פראנט איז ער פטור, מיינט „כאן בעלייה שלפניו", וועג ארויף אין זיין פראנט, „וירידה שלאחריו", און וועג ארונטער אין זיין בעק. און די דריטע ברייתא וואס זאגט סיי אין זיין פארענט סיי אין זיין בעק איז ער חייב, מיינט, „כאן בירידה שלפניו ושלאחריו", ווערענד וועג ארונטער סיי אין זיין פראנט סיי אין זיין בעק. און די פיערטע ברייתא וואס זאגט סיי אין זיין פארענט סיי אין זיין בעק איז ער אלץ פטור, מיינט, „כאן בעלייה שלפניו ושלאחריו", ווערענד וועג ארויף סיי אין זיין פארענט סיי אין זיין בעק. און די משנה וואס זאגט אז אלע מאל איז וועג ארונטער חייב גלות איז מרבה דעם וועג ארונטער פון זיין בעק כאטש דאס איז די ענד פון וועג ארויף פון פארענט, און וואס די משנה זאגט אז אלע מאהל וועג ארויף איז קיין גלות„ איז מרבה, וועג ארויף פון קצב'ס בעק צו פטר'ן פון גלות, כאטש דער וועג ארויף איז דער אנפאנג פון וועג ארונטער צו דעם פארענט, דאך איז ער ניט חייב קיין גלות ווייל די משנה רעכענט דאס לויט זיין בעק וועג ארויף. כ"ח) „לימא כתנאי?" צו מוזען מיר זאגען אז אין דעם קריגען די תנאים? דען אין דעם דין אז איינער איז ארויפגעהענדיג אויף א לייטער האט זיך ארויסגעגליטשט איין שטעבל און ארונטערפאלענדיג

מתחתיו תני חדא חייב ותניא אידך פטור מאי לאו בהא קמיפלגי דמר סבר ירידה היא ומר סבר עליה היא. כ"ט) לא דכולו עלמא עליה היא ולא קשיא כאן לניזקין כאן לגלות. איבעית אימא הא והא לגלות ולא קשיא הא דאתליע הא דלא אתליע ואיבעית אימא הא והא דלא אתליע ולא קשי הא דמיהדק והא דלא מיהדק. ל) **מתני'.** נשמט הברזל מקתו והרג רבי אומר אינו גולה וחכמים אומרים גולה, מן העץ המתבקע רבי אומר גולה וחכמים אומרים אינו גולה. **גמ'.** ל"א) תניא אמר להם רבי

האט עס גע'הרג'עט א מענשען, „תני חדא חייב", איז דא איין ברייתא אז ער איז חייב גלות, „ותניא אידך פטור", און א צווייטע ברייתא אז ער איז פטור פון גלות. „מאי לאו בהא פליגי ? " מיינט מען דען ניט אז זיי קריגען אין דעם, „דמר סבר ירידה היא", אז איינער האלט אז דאס הייסט וועג ארונטער, און איין ברייתא האלט אז דאס איז וועג ארויף דען ער איז דאך וועג ארויף. כ"ט)ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, לעולם זאג איך אז דאס הייסט וועג ארויף, „ולא קשיא", און די צוויי ברייתות קריגען ניט, דען די וואס זאגט חייב מיינט געגען ניזקין דאס הייסט שאדען צו באצאהלען און געגען ניזקין איז קיין אונ־טערשיעד צו שוגג צו מזיד, צו וועג ארויף צו וועג ארונטער, און די ברייתא וואס זאגט פטור מיינט געגען גלות, „איבעית אימא", נאך א תירוץ, די וואס זאגט חייב מיינט, „הא דאתליע", אז די סטעבל איז דורכגעגעסען פון ווערים, איז ווען ער טרעט ארויף בייגט זי זיך אביסעל הייסט דאס שוין וועג ארונטער איז ער חייב, „ואיבעית אימא," און נאך א תרוץ דאס די ברייתא וואס זאגט חייב מיינט אז די סטעבל איז „הא דלא מהדיק", אריינגעטאן לויז, און דארום בויגט זי זיך ארונטער הייסט דאס שוין וועג ארונטער איז ער חייב גלות, און די אנדערע ברייתא וואס זאגט פטור מיינט „הא דמהדיק", די סטעבל איז ענג אריינגעפאסט, און זי איז ניט דורכגעגעסען פון ווערים און זיי בויגען זיך ניט ארונטער, הייסט דאס ניט וועג ארונטער דארום איז ער פטור פון גלות. ל) משנה. די משנה זאגט, „נשמט הברזל מקתו", אז דאס אייזען האט זיך ארונטערגעגליטשט פון דעם האקהענדעל ביים אויפהויבען איהר, זאגט רבי אז ער ווערט ניט פארטריבען, און די חכמים זאגען אז ער ווערט יא פארטריבען. אויב „מן העץ המתבקע", עס שפרינגט אוועק (א שטיק האלץ) פון דעם האלץ וואס ער שפאלט, זאגט רבי עס קומט איהם גלות און די חכמים זאגען אז ניט. גמ'. ל"א) דער פסוק איז „ואשר יבא את רעהו ביער לחטוב עצים ונדחה ידו בגרזן לכרות העץ ונשל הברזל מן העץ ונמצא את רעהו ומת הוא ינוס", וואס דער טייטש איז אז איינער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואלד צו האקען בוימער, און ער וועט געבען א זעץ מיט דער האק אבצושניידען א בוים און ביי דעם וועט ארונטערפאלען דאס אייזען פונ'ם עץ און עס וועט טרעפען זיין חבר און טויטען, אזוי מוז ער אנטלויפען אין גלות, אויף דעם איז געלערענט אז רבי האט געזאגט צו די חכמים, „וכי נאמר ? " שטעהט דען ונשל הברזל מעצו", וואס זאל מיינען אז דער אייזען איז ארונטערגעפאלען

לחכמים וכי נאמר (דבר' י"ט) ונשל הברזל מעצו, והלא לא נאמר אלא מן **העץ, ועוד נאמר עץ למטה ונאמר עץ למעלה מה עץ האמור למעלה מן העץ** המתבקע אף עץ האמור למטה מן העץ המתבקע. ל"ב) אמר רב חייא בר אשי אמר רב ושניהם מקרא אחד דרשו ונשל הברזל מן העץ רבי סבר

פון זיין האָלץ האַלטער, ווי די חכמים ווילען האָבען וואָס דורך דעם זאָגען די חכמים אין דער משנה אז אויב דאָס אייזען איז אַרונטערגעפאַלען ניט פון הענדעל נאָר פון בוים וואָס ער האָט געטרייעט אָבהאקען איז פטור פון גלות. „והלא לא נאמר אלא מן העץ ?" עס שטעהט דאָך אין פסוק מן העץ וואָס מיינט דאָך געוויס פון געהאַקטען בוים, „ועוד, נאמר עץ למטה", און נאָך איינס, עס שטעהט דאָך, ערשט פריהער, לכרות העץ, וואָס מיינט געוויס דעם געהאַקטען בוים, אזוי אויך מן העץ, ווען ניט, וואָלט בעדאַרפט שטעהן מעצו ? אלא מוז אודאי זיין אז דאָס מיינט, עס איז אַרונטערגעפאַלען פון האלצבוים און דארום זאָג איך אז ער איז חייב גלות ווי דער פסוק זאָגט, און די סברא פון די חכמים איז אז עס מוז זיין דער ערשטער כח פון מזיק אָבער ווען עס פאַלט אויפ'ן בוים און פון בוים ערשט אויפ'ן מענשען הייסט שוין דאָס כח כחו דאָס הייסט אונדירעקט, דארום איז ער פטור, דער פשט איז לויט'ן רמב"ם, און רש"י לערנט די סיפא דאָס א שטיק האָלץ איז אָבגעשפּרונגען און גע'הרג'עט א מענשען. ל"ב) רב חייא בר אשי האָט געזאָגט פון רב ווענען, „ושניהם מקרא אחד דרשו" אז בײדע דרש'ענען איין פסוק „ונשל הברזל מן העץ, רבי סבר יש אם למסורת, רבי האלט אז דער הויפּט איז די מסורה און עס איז גלייך ווי עס וואָלט שטעהן „ונישל", די אויפקלערונג פון דער סברה יש אם למקרא ומסורת איז אזוי, די ווערטער וועלכע מען קען לייענען אין צוויי פאַרשיעדענע וועגען ווי למשל יאכל, יראה, נשל, און דאָס גלייכען, קריגען זיך דעם תנאים איינער האלט אזוי ווי די נקודות זיינען דאָך מקובל אלס תורה שבעל פה, וועלכע מען האָט ניט גע־טאָרט שרייבען, און אלס אזעלכע זיינען זיי דאָך פאַרגעסען געוואָרען, און גע־בליבען בלויז דורכ'ן לייענען, וואָס געהט אזוי פון דור צו דור, האלט איין תנא יש אם למקרא אז דערהויפּט איז ווי מען לייענט די ווערטער, דאָס איז א גע־נוגענדער עדות אויף דער קבלה פון זייערע נקודות, און דער צווייטער תנא האלט יש אם למסורת, אז דערהויפּט זיינען די אותיות ווי זיי זיינען איבער־ענטפערט געוואָרען צו אונז, און ווי צו לייענען זיי אין ווערטער מוז מען קריגען א באַווייז פון פסוק אליין אָדער דורך א סברה, דען אויפ'ן לייענען אליין קען מען זיך ניט פאַרלאָזען, ווייל דורך פאַרשידענע גליות קען דאָס לייענען קומען צו פאַרגרייזונג, און עס איז א כלל התורה לא חתמה דבריה, די תורה פאַר־שטעלט ניט איהרע רייד צו איבערלאָזען א צווייפעל, און געוויס איז זי מרמז ווי צו לייענען, דאָס קען מען זעהן ביי לא תבשל גדי בחלב אמו, זאָלסט ניט קאָכען א יונגס מיט די מילך, פרעגט די גמרא אין סנהדרין לאָמיך זאָגען דאָס דער בחלב מיינט פעטען ? בעסער געזאָגט לאָמיר לייענען בחלב מיט א ציר"י אונטער דעם חי"ת ? ענטפערט דאָרט די גמרא לא תבשל כתיב, דער פסוק

יש אם למסורת וניםל כתיב, ורבנן סברי יש אם למקרא ונשל קרינן.
ל"ג) ורבי יש אם למסורת סבירא ליה (דף ח' ע"א) והאמר רב יצחק ברבי יוסף אמר ר' יוחנן, רבי ור' יהודה בן רועץ ובית שמאי ור' שמעון ור' עקיבא כולהו סבירא להו יש אם למקרא. היינו דקאמר להו ועוד.
א) אמר רב פפא מאן דשדא פיסא לדיקלא ואתר תמרי ואזול תמרי וקטיל, באנו למחלוקת דרבי ורבנן. ב) פשיטא? מאי דתימא ככח כחו דמי קא משמע לן. ג) אלא כח כחו לרבי היכי משכחת לה, כגון דשדא פיסא

זאָגט זאָלסט ניט קאָכען, און אויב פּעטען, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן זאָלסט ניט פרעגלען (לא תטגן), יעצט קומען מיר צום וואָרט ונשל, אין ונשל איז דאָ א פעל יוצא וואָס מיינט ער האָט געמאכט ארונטערפאַלען, דאָס הייסט דירעקט פון דעם האָלצהענדעל, וואָס פון זיין שטוים איז די אייזענהאַק ארונטערגעוואָר־פען געוואָרען, און עס האָט געטראָפען א מענשען. דאָס איז טאַקע די דעה פון די רבנן וואָס האַלטען דער הויפּט איז ווי איך טהו לייענען ונשל, אָבער רבי האַלט דעם עיקר פון מסורה און די מסורה אויב א נפעל וואָס מיינט ער איז געוואָרען ארונטערגעוואָרפען, וואָס הייסט שוין אונדירעקט, דהיינו ער האָט געגעבען א זעץ אין בוים און ערשט דורך דעם בוים איז די האַק אָבגעשפּרונגען און געטראָ־פען דעם מענשען, די רבנן פטר'ן ביי אזא פּאַל זיי לערנען איין ונשל לויט די רישא פון אונזער משנה, אז די האַק פאַלט ארונטער פון הענדעל דאמאָלסט איז ער חייב. ל"ג) די גמרא פרעגט, „ורבי יש אם למסורת סבירא ליה?" ר' יצחק בר' יוסף האָט דאָך געזאָגט פון ר' יוחנן'ס וועגען אז רבי און ר' יודא בן רועץ און בית שמאי און ר' שמעון און ר' עקיבא „כולהו סבירי", אלע האַלטען אַז דער הויפּט איז ווי איך טהו לייענען ניט ווי די מסורה. ענטפערט די גמרא. „היינו דקאמר לה ועוד", אַט טאַקע דאדורך האָט רבי געזאָגט צו די רבנן, נאָך א באַוויז עס שטעהט אביסעל פריהער דער וואָרט עץ וואָס מיינט געווים דער געהאַקטער בוים, אזוי אויך דער נעקסטער עץ מיינט דער געהאַקטער בוים. איבער דעם צוואַר איבעראַל האַלט איך אַז דער עיקר איז די קריאה, אָבער דאָ איז באַוויז צו זאָגען ווי די מסורה אלס א נפעל דען דער באַוויז צווינגט מיר צו לייענען ונישל אַז עס איז אליין ארונטערגעפאַלען אונדירעקט דורכ'ן בוים. א) רב פפא האָט געזאָגט, „מאן דשדא פיסא לדיקלא", ווען איינער וואַרפט א שטיק הארטע ערד אויף א טייטעל בוים, „ואתר תמרי וקטל", און די טייטלען פאַלען אויף א מענשען און הרג'ענען איהם, „באנו למחלוקת", קומען מיר אָן צו די מחלוקת פון רבי מיט די רבנן ווי ביי דעם עץ. ב) פרעגט די גמרא „פשיטא?" דאָס איז דאָך א געווים, וואָס לאָזט ער מיר הערען? דער ענטפער, „מאי דתימא", איך וואָלט מיינען אז אפילו נאָך רבי נאָך, „ככח כחו דמי", הייסט עס אויך, כח כחו, אונדירעקט, דען דער שטיק ערד איז ערשטער כח און די טייטלען איז דער צווייטער כח וואָלט איך מיינען אז דאָ האַלט רבי אויך אז ער איז פטור פון גלות, לאָזט ער מיך הערען, אז דאָס איז ווי די האַק.
ג) פרעגט די גמרא, „אלא כח כחו לרבי היכי משכחת לה?" און ווי אזוי איז

ומחיה לגרמא ואזיל גרמא ומחיה לכבאסא ואתר תמרי ואזול תמרי וקטיל: ד) **מתני'.** הזורק אבן לרשות הרבים והרג הרי זה גולה, ר"א בן יעקב אומר אם מכשיצאתה האבן מידו הוציא הלה את ראשו וקבלה הרי זה פטור. ה) זרק את האבן לחצרו והרג אם יש רשות לניזק ליכנס לשם גולה ואם לאו אינו גולה שנאמר ואשר יבא את רעהו ביער מה היער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם אף כל רשות לניזק ולמזיק להכנס לשם, יצא חצר בעל הבית שאין רשות לניזק (ולמזיק) ליכנס לשם. ו) אבא שאול אומר מה חטבת עצים רשות אף כל רשות יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח בית דין. ז) **גמ'.** לרשות הרבים מזיד הוא? אמר רב שמואל בר יצחק בסותר את כותלו, איבעי ליה

מעגליך א כח כחו ער זאל פטור זיין אפילו נאך רבי נאך? ענטפערט די גמרא עס איז מעגליך די ארט, „כגון דשדא פיסא ומחיה לגרמא" אז ער האט געווארפען א שטיק ערד אין א שטאנג וואס לעהנט אונטער די צווייגען, „ואזיל גרמא ומחיה לכבאסיא ואתר תמרי", און די שטאנג האט צושלאגען דעם טייטעל-באנטש, „ואזול תמרי וקטול", וועלכע ארונטערפאלענדיג האבען גע'הרג'עט א מענשען. ד) משנה. „הזורק אבן לרשות הרבים", אז איינער ווארפט א שטיין אין רשות הרבים אריין, און עס האט גע'הרג'עט וועמען, ווערט ער פאר-טריבען. ר' אלעזר בן יעקב זאגט אויב, „אם מכשיצאתה האבן מידו", נאך דעם ארויסגעהן פון שטיין, „הוציא הלה את ראשו וקבלה", האט דער מענש ארויס-דערלאנגט זיין קאפ, און דעם שטיין באקומען, איז ער פטור. ה) „זרק האבן לחצרו והרג", אז ער האט געווארפען דעם שטיין אין זיין חצר, „אם יש רשות לניזק ליכנוס לשם, גולה", איז אויב דער געשעדיגטער האט אויך א רשות אריינ-צוקומען, קומט איהם גלות, „ואם לאו אינו גולה", און אויב ניט איז קיין גלות, „שנאמר", דען דער פסוק זאגט, „ואשר יבא את רעהו ביער", דערווארט אשר מיינט וואו ער איז פריי אריינצוקומען, „מה היער רשות לניזק ולמזיק", זאג איך, פונקט ווי ביי דעם יער מיינט אז ער איז פריי ארונצוקומען, „אף כל רשות לניזק ולמזיק", אזוי אויך איבעראל, „יצא חצר בעל הבית", אויסגענומען איז דער חצר פון בעל הבית דעם מזיק'ס, דאמאלסט איז ער פטור. ו) אבא שאול זאגט, „מאי חטבת עצים רשות אף כל רשות", איך זאג אויך, אז פונקט ווי די בוימער האקען איז רשות אזוי אלעם מוז זיין רשות, די מיינונג איז דא אויך צוליב דעם ווארט אשר, וואס באציהט זיך אויך אויף חטבת עצים און עס מיינט רשות, „יצא האב המכה את בנו", אויסגענומען זיינען זאכען וואס זיינען א מצוה, ווי א פאטער נענען זיין זוהן, א רב נעגען א תלמיד און א שליח בית-דין, אויב פון זיי נעשעהנט אן אסון אומגערען זיינען זיי פטור פון גלות. ז) גמרא. די גמרא פרעגט אויף דער משנה, „לרשות הרבים מזיד הוא?" אויב ער האט געווארפען א שטיין צום רשות הרבים איז ער דאך א מזיד? האט רב שמואל בר יצחק געזאגט, „בסותר כותלו", אז דא שמועסט וואו ער צולייגט זיינס א וואנט, פרעגט די גמרא, „איבעי ליה לעיוני?" האט ער דאך בעדארפט אויפ-

לעיוני? בסותר את כותלו בלילה, בלילה נמי איבעי ליה לעייוני? בסותר את כותלו לאשפה. ח) האי אשפה היכי דמי? אי שכיחי בה רבים פושע הוא? אי לא שכיחי בה רבים אנוס הוא? אמר רב פפא לא צריכא אלא לאשפה העשויה ליפנות בה בלילה ואין עשויה ליפנות בה ביום ואיכא דקרי ויתיב, פושע לא הוי דהא אינה עשויה ליפנות בה ביום, אונס נמי לא הוי דהא איכא דמקרי ויתיב: ט) רבי אליעזר בן יעקב אומר וכו׳ ת״ר (דברים י״ט) ומצא פרט לממציא את עצמו מכאן אמר ר׳ אליעזר בן יעקב אם משיצאתה האבן מידו הוציא הלה את ראשו וקבלה פטור. י) למימרא דמצא מעיקרא משמע? ורמינהו (ויקרא כ״ה) ומצא פרט למצוי שלא ימכור ברחוק ויגאול בקרוב, ברעה

פאסען? דער ענטפער איז, „בסותר בלילה", אז דאָ שמועסט וואו ער צולייגט ביי־נאכט. פראגע, „בלילה נמי איבעי ליה לעיוני?" באנאכט האָט ער דאָך אויך בעדארפט אויפפאסען? ענטפער, „בסותר לאשפה", אז דאָ שמועסט וואו ער צולייגט זיין וואנט צום שמוץ פלאץ. ח) די גמרא פרעגט „האי אשפה היכי דמי?" ווי שמועסט דאָ וועגען דער אשפה, „אי שכיחי בה רבים", דרעהען זיך דאָרט מעהרערע מענשען, „פושע הוא?" איז ער דאָך א פושע, ער ווייסט דאָך אז עס וועט טרעפען אימיצען? „אי לאו", אויב עס דרעהען זיך ניט קיין סך מענשען „אנוס הוא?" איז עס דאָך אן אומגליקספאל וואָס ער האָט זיך ניט גערעכנט, אזוי ווי אן אונס? האָט רב פפא געענטפערט, „לא צריכה אלא לאשפה וגו׳", אז דאָ שמועסט ביי אזא אשפה וואָס איז געמאכט אויף ביינאכט ניט בייטאָג, „ואיכא דמקרי", עס טרעפט זיך אויך דאָס אימיצער זיצט בייטאָג, „פושע לא הוה דהא אינה עשויה ליפנות ביום", קיין פושע איז ער ניט ווייל עס איז ניט געמאכט צו קומען בייטאָג, האָט ער ניט בעדארפט אויפפאסען, „אונס נמי לא הוי", קיין אונס איז עס אויך ניט, „דהא איכא דמיקרי", ווייל עס טרעפט, דאָס יעמאנט איז דאָרט אויך בייטאָג דארף ער זיך עפעס ריכטען, דאדורך איז ער חייב גלות. ט) באציהענדיג זיך אויף דער משנה וואָס ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, ברענגט די גמרא די ברייתא די רבנן האָבען געלערענט, ס׳שטעהט אין פסוק „ומצא" וואָס מיינט אז עס וועט טרעפען דעם חבר, „פרט לממציא את עצמו", אָבער ניט ווען דער חבר מאכט זיך צו טרעפען, „מכאן אם משיצאתה האבן, הוציא הלה את ראשו וקבלה", דהיינו ווען דער חבר שטאַרט ארויס דעם קאָפּ ווערענד דער שטיין איז אין לויף, פון דאנען לערענט ארויס ר״א דעם דין. י) „למימרא דמצא מעיקרא משמע?" די גמרא פרעגט צו מוזען מיר זאָגען אז „ומצא" מיינט פון בעפאָר? אויב יאָ, „ורמינהו", וועל איך דיר א קשיא פרעגען, „ומצא פרט למצוי", עס שטעהט ווען איינער געהט אויסלייזען זיין פארקויפט הויז — „והשיגה ידו ומצא", וואָס מיינט אז ער וועט קריגען געלד, ערשט נאָכדעם ווי דאָס הויז איז געווען פארקויפט, ניט ווען ער האָט נאָך געהאט געלד פאָר זיין פארקויף, אין אזא פאַל איז דער קויפער ניט מחויב צוריק צו געבען, פון דאנען לערענט מען ארויס „שלא ימכור ברחוק ויגאול

ויגאול ביפה. י"א) אמר רבא הכא מענייניה דקרא והתם מענייניה דקרא, התם מעניניה דקרא ומצא דומיא דוהשיגה ידו מה השיגה ידו מהשתא אף מצא נמי מהשתא, הכא מעניניה דקרא ומצא דומיא דיער מה יער מידי דאיתי מעיקרא אף ומצא נמי מידי דאיתיה מעיקרא. י"ב) הזורק את האבן וכו': אמר ליה ההוא מרבנן לרבא ממאי דמחטבת עצים דרשות דלמא מהחטבת עצים דסוכה ומחטבת עצים דמערכה ואפילו הכי אמר רחמנא ליגלי, אמר ליה כיון דאם מצא חטוב (אינו חוטב) לאו מצוה, השתא נמי לאו מצוה. י"ג) איתיביה רבינא לרבא, יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח בית דין, לימא כיון דאילו גמיר לאו מצוה השתא נמי לאו מצוה, התם אף על גב דגמיר מצוה דכתיב (משלי כ"ט) יסר בנך ויניחך ויתן מעדנים לנפשך. י"ד) הדר אמר רבא

בקרוב", אז ער זאָל ניט פארקויפען א ווייט פעלד כדי אויסצולייזען א נאָהענט פעלד, „ברעה ויגאול ביפה", א געמיין פעלד כדי אויסצולייזען א בעסער פעלד, זעהסט דו דאָך אז „ומצא" מיינט ערשט, יעצט? י"א) האָט רבא געענטפערט, „הכא מעניינא דקרא", דאָ איז לויט דעם ענין פון פסוק, „והתם מענינא דקרא", און דאָרט איז לויט דעם ענין פון פסוק, „ומצא דומיא דוהשיגה", דאָרט שטעהט דער וואָרט ומצא נאָך והשיגה ידו צו צוגלייכען אז עס מיינט פון יעצט. דאגעגען דאָ, „ומצא דומיא דיער", איז דער וואָרט ומצא נאָך דער עראייגנים פון יער, „מה יער מידי מעיקרא אף ומצא מעיקרא", וואָס איז פון פריהער, אזוי מיינט ומצא אויך פון פריהער: י"ב) באציהענדיג זיך אויף דער משנה „הזורק אבן וכוי, אמר ליה ההוא מרבנן לרבא", האָט יענער פון די רבנן געזאָגט צו רבא, „ממאי דחטיבת עצים דרשות", פון וואנען ווייסטו אז דאָ שמועסט פון די געוועהנליכע האָלצהאקען, „דלמא מחטבת עצים דסוכה", פי־לייכט שמועסט דאָ פאר א מצוה דהיינו האָלץ פאר א סוכה אָדער פאר דער מערכה פון בית המקדש, און צו לאָזען הערען, „ואפילו הכי אמר רחמנא ליגליי", אז אפילו פאר דעם קומט גלות? האָט רבא געענטפערט, „כיון דאם מצא חטוב לאו מצוה", ווייל אָבער ווען ער געפינט געהאקט האָלץ דאַרף ער ניט האקען, ווערט עס ניט גערעכענט פאר א מצוה, „השתא נמי לאו מצוה", הייסט עס יעצט אויך ניט קיין מצוה. י"ג) רבינא האָט א קשיא געפרעגט צו רבא, „יצא האב והרב ושליח בית דין", פון דעם איז ער ממעט א פאָטער שלאָגענדיג זיין זוהן, א רבי זיין תלמיד אָדער א שליח בית דין, „לימא כיון דאילו גמיר לאו מצוה?" קענען מיר דאָך אויך זאָגען, ווען דער זוהן אָדער תלמיד וואָלטען קענען לערנען וואָלט עס קיין מצוה ניט געווען צו לערנען מיט זיי, „השתא נמי לאו מצוה?" אזוי איז עס יעצט אויך קיין מצוה ניט? ענטפערט די גמרא, „התם אף על גב דגמיר מצוה", דאָרט איז עס פונדעסטוועגען א מצוה ווי דער פסוק זאָגט אין משלי, שטראָף דיין זוהן וועט ער דיר רוה געבען און ער וועט דיר דערנאָך געבען פארגעניגען צו דיין וואונש. י"ד) „הדר אמר רבא", נאכהער האָט רבא גע־זאָגט, „לאו מלתא הוא", עס איז ניט קיין זאך, וואָס איך האָב געזאָגט, פון

לאו מילתא הוא דאמרי, ואשר יבא את רעהו ביער (מה יער) דאי בעי עייל ואי בעי לא עייל, ואי סלקא דעתך מצוה מי סגיא דלא עייל, ט"ו) אמר ליה רב אדא בר אהבה לרבא כל היכא דכתיב אשר דאי בעי הוא, אלא מעתה (במדבר י"ט) ואיש אשר יטמא ולא יתחטא, אי בעי מיטמא אי בעי לא מיטמא, מת מצוה דלא סגי דלא מיטמא הכי נמי דפטור? ט"ז) שאני התם דאמר קרא (דף ח' ע"ב) טמא יהיה מכל מקום ההוא מיבעי ליה לכדתניא טמא יהיה לרבות טבול יום טומאתו בו לרבות מחוסר כפורים אמר ליה אנא מעוד (טומאתו) קא אמינא. י"ז) איכא דמתני לה אהא (שמות ל"ד) בחריש ובקציר תשבות ר' עקיבא אומר אינו צריך לומר חריש של שביעית וקציר של שביעית שהרי כבר נאמר (ויקרא כ"ה) שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור, אלא אפילו חריש של ערב שביעית שנכנס לשביעית וקציר של שביעית שיצא למוצאי

פסוק אליין קען איך בעסער ענטפערען, „ואשר יבא את רעהו ביער", דער ווארט אשר בעפאר מיינט דאך רשות, „דאי בעי עייל, ואי סלקא דעתך", אויב ער וויל און אויב דו וועסט זאגען אויף א מצוה, „מי סגיא דלא עייל", איז ער דאך מחויב ארייגצוגעהן. ט"ו) רב אדא בר אהבה האט געפרעגט צו רבא, „כל היכא דכתיב אשר דאי בעי הוא", דו זאגסט אז איבעראל וואו עס שטעהט אשר מיינט עס אויב ער וויל, „אלא מעתה", אויף אזא ארט דער פסוק „ואיש אשר יטמא ולא יתחטא, אי בעי מיטמא", מיינט דאך אודאי, אויב ער וויל זיך מטמא זיין, איז דאך די פראגע, „מת מצוה דלא סגי דלא מיטמא", א מת מצוה איז דאך ניט גענוג אויב ער וויל, ער איז דאך מחויב זיך מטמא צו זיין, „הכי נמי דפטור?" זאל ער זיין פטור? ט"ז) ענטפערט די גמרא, „שאני התם", דארט איז עטוואס אנדערש, „דאמר קרא", עס שטעהט אין פסוק טמא יהיה ער זאל זיין טמא, „מכל מקום", מיינט דאס מרבה צו זיין אפילו ביי א מצוה, פרעגט גלייך די גמרא, „ההוא מבעי ליה", איך דארף דאך דעם פסוק מרבה צו זיין א טבול יום, און די ווערטער טומאתו בו איז מרבה א טמא, „מחוסר כפורים, וואס האט נאך ניט געבראכט די קרבנות, האט ער איהם געענטפערט, „אנא מעוד קא אמינא", איך מיין צו זאגען פון דעם פסוק עוד טומאתו בו, נאך איז זיין טומאה אין איהם אפילו טומאת מצוה. י"ז) דאס וואס אויבען איז, אז איינער פון די רבנן האט געזאגט צו רבא און רבינא האט אים אבגעענטפערט, „איכא דמתני להו אהא", לערנען טהייל אמוראים אויף דעם (ווי ווייטער אויספיהרליך) דער פסוק זאגט „בחריש ובקציר תשבות", וואס מיינט מיט'ן אקערען און שניידען זאלסטו רוהען, זאגט ר' עקיבא, „אין צריך לומר", ער דארף ניט זאגען וועגען חריש און קציר פון שמיטה אליין דען עס שטעהט דאך שוין לאנג „שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור, אלא אפילו חריש של ערב שביעית שנכנסו לשביעית", נאר וואס דען? מען מיינט אפילו דאס אקערען פון ערב שמיטה וואס געהט אריין אין שמיטה, און „וקציר שיצא למוצאי שביעית", דאס שניידען פון שמיטה וואס איז ארויסגעגאנגען נאך שמיטה, וועגען שבת קען

שביעית. י״ח) רבי ישמעאל אומר מה חריש רשות אף קציר רשות, יצא קציר העומר שהוא מצוה, אמר ליה ההוא מרבנן לרבא ממאי דחרישה דרשות דלמא חרישת עומר דמצוה ואפילו הכי אמר רחמנא תשבות, אמר ליה כיון דאם מצא חרוש אינו חורש לאו מצוה. י״ט) איתיביה רבינא לרבא יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח בית דין, ואמאי לימא כיון דאילו גמיר לאו מצוה השתא נמי לאו מצוה, התם אע״ג דגמיר נמי מצוה קא עביד דכתיב יסר בנך ויניחך. כ) הדר אמר רבא לאו מלתא הוא דאמרי, קצירה דומיא דחרישה מה חרישה מצא חרוש אינו חורש אף קצירה נמי (מצא קצור אינו קוצר) ואי סלקא דעתך מצוה מצא קצור אינו קוצר? מצוה לקצור ולהביא. כ״א) **מתני׳.**

מען ניט מיינען, דען וואס כאפט ער אן נאר חריש און קציר. י״ח) רבי ישמעאל זאגט אז דאס גלייכט ער קציר צו חריש, „מה חריש רשות אף קציר", אזוי ווי חריש מיינט זיכער רשות ניט קיין מצוה אזוי אויך קציר איז רשות, „יצא קציר העומר", און דאס נעמט ארויס דעם עומר שניידען מען זאל מעגען אין שבת, אויף דעם האט איינער פון די רבנן געזאגט צו רבא פרעגענדיג, „ממאי דחרישה רשות דילמא מצוה", פון וואנען ווייסט דו אויף חרישה פון רשות? פילייכט מיינט מען דא, דאס אקערען פאר דעם עומר וואס איז א מצוה, „ואפילו הכי אמר רחמנא תשבות", פונדעסטוועגען זאל ער ניט טאן, האט ער איהם געענטפערט „כיון דאם מצא חרוש אינו חורש", ווייל אבער אויב ער האט געפונען שוין געאקערט, אקערט ער ניט, איז עס שוין ניט קיין מצוה, אבער שניידען איז אלע מאהל א מצוה מיט א חיוב. י״ט) האט רבינא א קשיא געפרעגט צו רבא פון דער משנה וואס איז ממעט א פאטער שלאגענדיג זיין זוהן ווען ער איז איהם מדריך, און א רבי זיין תלמיד און א שליח בית דין וואס פיהרט אוים זיין שטראף ארדער, אויב פון זיי איז געשעהען אן אסון זיינען זיי פטור פון גלות, „ואמאי לימא דאילו גמיר לאו מצוה", איז דאך די קשיא ווארום? לאמיר זאגען אויב ער וואלט קענען לערנען וואלט דאך קיין מצוה ניט געווען צו לערנען מיט איהם, „השתא נמי לאו מצוה", זאל יעצט אויך ניט זיין קיין מצוה? ענטפער, „התם אע״ג דגמיר מצוה", דארט כאטש ווען ער קען, טהוט ער אויך א מצוה, ווי דער פסוק זאגט, יסר בנך ויניחך. כ) „הדר אמר רבא", נאכהער האט רבא געזאגט, „לאו מלתא הוא דאמרי", עס איז אבער ניט קיין זאך וואס איך זאג, איך האב בעדארפט בעסער צו ענטפערען, אז וואס איז דער טעם וואס איך בין ממעט קצירת העומר, „קצירה דומיא דחרישה", ווייל איך גלייך קציר צו חריש, „מה חרישה מצא חריש וכו׳", אזוי ווי חריש איבעראל ווען ער געפינט געאקערט איז ניט קיין מצוה צו אקערען, „אף קצירה", אזוי אויך קציר שמועסט אין אזא פאל אז ער געפינט געשניטען איז ניט קיין מצוה צו שניידען, מיט דעם איז עס ממעט דעם עומר, וועלכער מוז געשניטען ווערען ווען אפילו ער געפינט געשניטען, און אויב דו וועסט זאגען אז ביי קציר של מצוה אויב ער געפינט געשניטען, שניידט ער ניט? קען דען דאס זיין עס איז דאך א מצוה

האב גולה על ידי הבן והבן גולה על ידי האב, הכל גולין על ידי ישראל וישראל גולין על ידיהן, חוץ מגר תושב, וגר תושב אינו גולה אלא על ידי גר תושב. כ"ב) גמ'. האב גולה על ידי הבן והאמרית יצא האב המכה את בנו? דגמיר והאמרית אף על גב דגמיר מצוה קא עביד? שוליא דנגרי, חיותא היא דילמדיה? דגמיר אומנותא אחריתא: כ"ג) והבן גולה על ידי האב וכו' ורמינהו (במדבר ל"ח) מכה נפש פרט למכה אביו. כ"ד) הא ר' שמעון והא רבנן, לר"ש דאמר חנק חמור מסייף שגגת סייף

און א חיוב צו שניידען? כ"א) משנה. „האב גולה על ידי בנו", א פאָטער קריגט גלות דורך א זוהן, און א זוהן דורך א פאָטער, „הכל גולין עו ידי ישראל", אלע קריגען גלות דורך א ישראל, „ישראל גולין על ידיהן", און א ישראל דורך זיי, „חוץ מגר תושב", אויסער א גר תושב דאָס א ישראל ווערט ניט פארטריבען דורך איהם, און א גר תושב, „אינו גולה אלא ע"י גר תושב", קריגט קיין גלות נאָר דורך א גר תושב. א גר תושב מיינט, ער איז זיך מגייר צו מעגען עסען נבלות. כ"ב) גמרא. די גמרא פרעגט אויף דער משנה וואָס זאָגט אז א פאָטער קריגט גלות דורך א זוהן, „והאמרית יצא האב המכה את בנו?" ערשט האָסט דאָך געזאָגט אז אויסגענומען איז א פאָטער געגען זיין זוהן? ענטפער, „דגמור", דאָס עס שמועסט אז ער קען שוין לערנען, פראגע, „והאמרית אע"ג דגמיר מצוה קא עביד?" דו האָסט דאָך אויך געזאָגט אז פונדעסטוועגען טוט ער אמצוה? ענטפער, „בשוליא דנגרי", אז עס שמועסט וואו ער לערענט איהם האָלץ ארבייט. פרעגט די גמרא ווייטער, „חיותא הוא דלמדיה?" ער לערענט איהם דאָך א לעבען צו מאכען? וואָס דאָס איז אויך א מצוה אויפ'ן פאָטער, ווי די גמרא זאָגט אין קידושין דף ל' אויפ'ן פסוק ראה חיים עם אשה, אזוי ווי דער פאָטער איז איהם מחויב צו באזאָרגען א פרוי לויט דעם פסוק וקחו לבניכם נשים אזוי אויך איז ער איהם מחויב צו לערנען א מלאכה? ענטפערט די גמרא אז דאָ שמועסט „דגמיר אומנותא אחריתא", אז ער קען שוין אַן אנדער מלאכה, איז שוין יענע מלאכה קיין מצוה. כ"ג) באציהענדיג זיך אויף דער משנה וואָס זאָגט אז א זוהן געהט אין גלות דורכ'ן פאָטער זאָגט די גמרא, „ורמינהו?" וועל איך דיר א קשיא פרעגען, דער פסוק זאָגט מכה נפש אז ער וועט דער'הרג'ענען א נפש, „פרט למכה אביו", דאָס קומט ממעט זיין זיין פאָטער דען פאַר זיין פאָטער איז ער חייב מיתה אפילו פאַר א קלאפ וואָס מאכט נאָר א צייכען, וואָס דען זאָגט די משנה אז דער זוהן איז יאָ חייב גלות? כ"ד) ענטפערט די גמרא, „הא ר' שמעון והא רבנן", איינס וועט אויס־קומען ווי ר"ש און איינס ווי די רבנן, „לר"ש דאמר חנק חמור מסייף", ר"ש זאָגט אז די מיתה דורך חנק איז שווערער אויף איהם ווי דורך א שווערד, און נאָך זיין שיטה אז איינער הרג'עט זיין פאָטער קומט איהם חנק דען מיר האָבען געלערענט אין סנהדרין דף פ"א אז איינער איז חייב צוויי מיתות ווערט ער גע'־משפט מיט דער שווערערע מיתה, און פאַר הרג'ענען זיין פאָטער איז ער חייב צוויי מיתות פאַר דעם וואונד קומט איהם חנק און פאַר דעם נפש קומט איהם

ניתנה לכפרה שגגת חנק לא ניתנה לכפרה, לרבנן דאמרי סייף חמור מחנק הורג אביו (בשוגג) שגגת סייף הוא ושגגת סייף ניתנה לכפרה. כ״ה) רבא אמר פרט לעושה חבורה באביו בשוגג סלקא דעתך אמינא כיון דבמזיד בר קטלא הוא, בשוגג נמי ליגלי קא משמע לן: כ״ו) הכל גולין על ידי ישראל וכו׳: הכל גולין על ידי ישראל לאתויי מאי? לאתויי עבד וכותי, תנינא להא? כ״ז) דת״ר עבד וכותי גולה ולוקה ע״י ישראל, וישראל גולה ולוקה ע״י כותי ועבד, בשלמא עבד וכותי גולה ע״י ישראל ולוקה, גולה דקטליה ולוקה דלטייה, אלא ישראל גולה

סייף, און נאך ר׳ שמעון וואס זאגט אז חנק איז שווערער, ווען דאס וואלט געווען במזיד וואלט איהם קומען חנק, „שגגת חנק לא ניתנה לכפרה״, און יעצט אז ער איז א שוגג איז די כפרה פון גלות ניט גענוג פאר חנק, אזוי ווי עס וואלט געווען גענוג פאר סייף, דען חנק איז הארבער, דאדורך איז די ברייתא ממעט דעם זוהן פון גלות. און די משנה „לרבנן דאמרי סייף חמור מחנק״, ווען קומען ווי די רבנן וואס זאגען אז סייף איז הארבער פון חנק קומט אויס, „הורג אביו בשוגג״, אז איינער הרג׳עט זיין פאטער בשוגג איז דאס שגגת סייף דען במזיד וואלט עס געווען סייף דארום איז גענוג די כפרה פון גלות, און נאך זייער שיטה זאגט דאס די משנה אז דער זוהן קריגט גלות פאר זיין פאטער. כ״ה) רבא ענטפערט די ברייתא זאל אויך אויסקומען ווי די רבנן, און אז איינער הרג׳עט זיין פאטער קומט אויך גלות ווייל עס איז א שגגת סייף, אי די ברייתא איז דאך ממעט א זוהן פון גלות? איז דער תרוץ דאס די ברייתא מיינט ניט, ווען דער זוהן הרג׳עט זיין פאטער, „פרט לעושה חבורה באביו״, נאר ווען ער מאכט א וואונד צו זיין פאטער בשוגג, „סלקא דעתך אמינא״, דען איך וואלט מיי־נען, ווייל „כיון דבמזיד בר קטלא הוא״, פאר א וואונד במזיד קומט דאך מיתה, „בשוגג נמי ליגלי״, זאל אויך קומען גלות פאר א שוגג, איז די ברייתא ממעט פון מכה נפש דאס נאר מכה נפש קומט גלות אבער ניט פאר א חבורה. כ״ו) באציהענ־דיג זיך אויף דער משנה וואס זאגט „הכל גולין ע״י ישראל וכו׳ ״ פרעגט די גמ׳ „הכל לאתוי מאי? ״ וואס קומט ער מרבה זיין מיט׳ן ווארט „הכל״, וואס מיינט אלע. דער ענטפער, „לאתוי עבד וכותי״, עס קומט מרבה זיין א עבד און א כותי, (א כותי מיינט א גר וואס האלט זיך אלץ ביי זיין גוי׳אישקייט), „תנינא להא? ״ מיר האבען דאך שוין דאס געלערענט? כ״ז) „דתנו רבנן״, דען מיר האבען געלערענט א עבד און א כותי, „גולה ולוקה על ידי ישראל״, ווערט פארטריבען און קריגט מלקות דורך א ישראל און אזוי אויך פארקערט, „בשלמא״, ריכטיג איז א עבד און א כותי קריגט גלות אדער מלקות דורך א ישראל, „גולה דקטליה״, גלות ווייל ער האט איהם גע׳הרג׳עט „ולוקה דלטייה״, און מלקות ווייל ער האט איהם געשאלטען, „אלא״, אבער אז א ישראל קריגט גלות און מלקות דורך א כותי, איז רעכט, גלות אז ער באקומט, ווייל ער האט איהם גע׳הרג׳עט, „אלא לוקה אמאי? ״ אבער מלקות ווארום? וועסט דאך דענקען, „דלטייה״, ווייל ער האט איהם געשאלטען, עס שטעהט דאך אין פסוק „ונשיא בעמך לא תאור״,

ולוקה ע״י כותי, בשלמא גולה דקטליה, אלא לוקה אמאי, דלטייה? (שמות כ״ב) ונשיא בעמך לא תאור בעושה מעשה עמך? כ״ח) אלא אמר רב אחא בר יעקב כגון שהעיד בו והוזם דכוותיה גבי עבד שהעיד בו והוזם. כ״ט) עבד בר עדות הוא? אלא אמר רב אחא בריה דרב איקא הכא במאי עסקינן כגון שהכהו הכאה (דף ט׳ ע״א) שאין בה שוה פרוטה, דאמר ר׳ אמי אמר ר׳ יוחנן הכהו הכאה שאין בה שוה פרוטה לוקה ולא מקשינן הכאה לקללה. א) חוץ מעל ידי גר תושב וכו׳: אלמא גר תושב עובד כוכבים הוא, אימא סיפא גר תושב גולה על ידי גר תושב אמר רב כהנא לא קשיא כאן בגר תושב שהרג גר תושב כאן בגר תושב שהרג ישראל. ב) איכא דרמי קראי אהדדי כתיב (במדבר ל״ה) לבני

וואס מיינט א נשיא צווישען פאלק זאלסט דו ניט שעלטען, און ווייל עס שטעהט ניט ונשיא עמך אהן א בי״ת דרש׳ענט די גמרא אז ער איז צווישען פאלק גלייך מיט זיי אין אידישקייט, אבער ניט קיין כותי? כ״ח) אלא האט רב אחא בר יעקב געזאגט, „כגון שהעיד בו והוזם״, דא שמועסט אז דער האט עדות געזאגט אז עס קומט איהם מלקות, „דכוותיה גבי עבד״, און דאס זעלבע פארקערט ביי דעם עבד אז ער האט עדות געזאגט אויפ׳ן ישראל און נאכהער האט מען איהם מזים געוועזען קומט איהם מלקות. כ״ט) און תיכף פרעגט די גמרא, „עבד בר עדות הוא?״ קען דען א עבד זיין אן עדות? אלא האט רב אחא בריה דרב איקא געזאגט, „הכא במאי עסקינן״, אז דא שמועסט אויף אן אופן „כגון שהכהו הכהה שאין בה שוה פרוטה״, אז ער האט איהם געגעבען א קלאפ אויף וויניגער ווי א שוה פרוטה, דען אויב מעהר לערנען מיר ארויס אין כתובות דף ל״ב דאס ער דארף באצאהלען געלד ניט קיין מלקות, אבער וויניגער ווי א פרוטה קומט איהם מלקות ווייל ער האט עובר געווען אויף לא תוסיף פן יוסיף וואס שטעהט ביי מלקות, דען אזוי האט רב אמי געזאגט פון ר׳ יוחנן׳ס וועגען, „ולא מקשינן הכהה לקללה״, און מיר גלייכען ניט הכאה צו קללה וועלכע דער דין איז, אז נאר ווען ער איז א עושה מעשה עמך ווי שוין אויבען דערקלערט. א) באציהענדיג זיך אויף דער משנה וואס זאגט חוץ מגר תושב, ווייל א גר תושב ווערט גע׳הרג׳עט פאר א ישראל אפילו אומגערען און א ישראל ווערט ניט פארטריבען פאר איהם. פרעגט די גמרא „אלמא גר תושב עובד כוכבים הוא״, פון דעם איז דאך צו זעהן אז א גר תושב האט דעם דין ווי א גוי, „אימא סיפא״, יעצט זעה די סיפא „גר תושב גולה עיי גר תושב״, זעהסט דו דאך אז ער האט דעם דין פון א ישראל? האט רב כהנא געזאגט עס איז ניט קיין קשיא, די סיפא שמועסט, א גר תושב האט גע׳הרג׳עט א גר תושב ווי ער זאגט עס ארויס, און די רישא שמועסט אז א גר תושב האט גע׳הרג׳עט א ישראל, וואס עס איז ניט גענוג ווי גלות. ב) „איכא דרמי״, עס איז דא וואס האבען געפרעגט די צוויי פסוקים פאר איין אנדער, איין פסוק זאגט „לבני ישראל ולגר ולתושב בתוכם תהיינה שש הערים״, וואס מיינט אז די זעקס גלות שטעט זאלען זיין פאר ישראל ווי אויך פאר א גר און תושב,

ישראל ולגר ולתושב בתוכם תהיינה שש הערים, וכתיב והיו לכם הערים למקלט לכם ולא לגרים? ג) אמר רב כהנא לא קשיא כאן בגר תושב שהרג ישראל כאן בגר תושב שהרג גר תושב. ד) ורמינהו לפיכך גר ועובד כוכבים שהרגו נהרגין, קתני גר דומיא דעובד כוכבים, מה עובד כוכבים לא שנא דקטל בר מיניה ולא שנא דקטל דלאו בר מיניה נהרג אף גר לא שנא דקטל בר מיניה ולא שנא קטל דלאו בר מיניה נהרג? ה) אמר רב חסדא לא קשיא, כאן שהרגו דרך ירידה כאן שהרגו דרך עליה, דרך ירידה, דישראל גלי, איהו נמי סגי ליה בגלות, דרך עלייה דישראל פטור הוא נהרג. ו) אמר ליה רבא ולאו קל וחומר הוא ומה דרך ירידה דישראל גלי איהו נמי סגי ליה בגלות, דרך עלייה, דישראל פטור, איהו נהרג? ז) אלא אמר רבא באומר מותר אמר ליה אביי אומר מותר

און איין פסוק זאגט, „והיו לכם הערים למקלט", וואס מיינט, די שטעט זאלען זיין פאר אייך פאר א מקלט, דרש'ענען די חכמים נאר פאר אייך ישראלים, אבער ניט פאר גרים? ג) האט רב כהנא געענטפערט דער פסוק וואס נעמט אריין א גר און א תושב מיינט א גר תושב האט גע'הרג'עט א גר תושב, דער פסוק וואס נעמט ארויס א גר מיינט אז א גר האט גע'הרג'עט א ישראל, א גר מיינט וואס האט זיך ערשט מגייר געווען און א תושב איז שוין פון א לאנגע צייט. ד) אויף דעם זאגט די גמרא „ורמינהו", וועל איך דיר א קשיא פרעגען, ווייל א גר ווי א גוי איז אויך בכלל בן נח, וואס איז אויספיהרליך אז זייער פארבאט עובר זיין איז מיתה אפילו בשוגג און אהנע ווארנונג, „לפיכך", דורך דעם א גר און עובד כוכבים אויב זיי האבען גע'הרג'עט אימיצען קומט זיי מיתה. „קתני גר דומיא דעובד כוכבים", זעהסט דאך ווי ביידע זיינען גלייך, „מה עובד כוכבים לא שנא", פונקט אזוי ווי א גוי איז קיין אונטערשיעד „דקטל בר מיניה", צו ער הרג'עט זיין מין, צו ניט זיין מין דהיינו א ישראל, „נהרג", ווערט ער גע'הרג'עט, „אף גר", אזוי אויך א גר איז קיין אונטערשיעד ווען ער הרג'עט קומט איהם אלץ מיתה, זעהסט דאך אזוי גוט אז איך מאך ניט קיין חילוק צווישען א גר תושב און א ישראל? ה) האט רב חסדא געענטפערט, „כאן שהרגו דרך ירידה", דא וואו ער זאגט אז עס קומט איהם גלות הרג'ענדיג א גר תושב, שמועסט ער האט איהם גע'הרג'עט דרך ירידה ווייל דרך ירידה, „דישראל גליי", קומט א ישראל אויך גלות אזוי קומט ער אויך אפ, מיט גלות, און דא וואס ער זאגט אז עס קומט איהם מיתה, שמועסט דרך עלייה „דישראל פטור", ביי וועלכע א ישראל איז פטור, איז איהם קומט מיתה. ו) האט רבא צו איהם געזאגט פרעגענדיג, „ולאו קל וחומר הוא?" איז עס דען ניט א קל וחומר, „ומה דרך ירידה דישראל גליי", מאדאך דרך ירידה וואס א ישראל קומט גלות, „איהו נמי סגי ליה בגלות", איז פאר איהם אויך גענוג גלות, „דרך עלייה דישראל פטור איהו נהרג?" דארף דאך דרך עלייה, וואס א ישראל איז פטור פון גלות, — פאר איהם זיכער גענוג זיין גלות, זאל ער גאר גע'הרג'עט ווערען?? ז) אלא האט רבא געזאגט, „באומר מותר", אז עס

אנוס הוא? אמר ליה שאני אומר, אומר מותר קרוב למזיד הוא. ח) ואזדי לטעמייהו דאיתמר כסבור בהמה ונמצא אדם, כנעני ונמצא גר תושב, רבא אמר חייב אומר מותר קרוב למזיד הוא, רב חסדא אומר פטור אומר מותר אנוס הוא. ט) איתיביה רבא לרב חסדא, (בראש' כ') הנך מת על האשה אשר לקחת, מאי לאו בידי אדם, לא בידי שמים, דייקא נמי דכתיב מחטוא לי. י) וליטעמך (שם ל"ט) וחטאתי לאלקים לאלהים ולא לאדם אלא דיני מסור לאדם, הכא נמי דינו מסור לאדם. י"א) איתיביה אביי לרבא (שם כ') הגוי גם צדיק תהרוג? התם כדקא מהדרי ליה ועתה השב אשת האיש כי נביא הוא (דף ט' ע"ב) אשת נביא היא דתיהדר, דלאו נביא

שמועסט אז ער רעדט זיך איין און מיינט אז ער מעג איהם הרג'ענען דארום קומם איהם מיתה, האָט אביי איהם געפרעגט, „אומר מותר אנוס הוא?" אויב ער איז אַ אומר מותר, דאָס הייסט אין אזא אירטום, הייסט ער דאָך א אנוס, ער איז געגנויט פון זיין געדאנקען גאנג? האָט איהם רבא געענטפערט, „שאני אומר אומר מותר קרוב למזיד", איך זאָג אָבער אז אומר מותר איז נאָעהנט צו א מזיד. ח) „ואזדי לטעמייהו", און זיי רב חסדא מיט רבא געהען נאָך זייער טעם נאָך, „דאיתמר", דען מיר האָבען געלערענט, „כסבור בהמה ונמצא אדם", אז איינער א גר תושב מיינענדיג אז ער הרג'עט א בהמה און עס איז א מענש, אָדער א גוי און עס איז אנר תושב, זאָגט רבא אז ער איז חייב ווייל ער דארף גוט אכטונג געבען דאריבער מיינענדיג אז עס איז מותר איז ער נאָהענט צו א מזיד און רב חסדא זאָגט ער איז פטור ווייל אומר מותר איז אזוי ווי א אנוס, ער איז געגנויט אונפאַרפירט פון זיין געדאנק. ט) „איתיביה", רבא האָט געפרעגט צו רב חסדא פון פסוק „הנך מת על האשה אשר לקחת", וואָס מיינט ג-ט האָט געזאָגט צו אבימלך — ווערענד ער האָט גענומען שרה'ן פון אברהם מיינענדיג דאָס זי איז זיין שוועסטער — דו וועסט שטארבען פאַר די פרוי וואָס דו האָסט צוגענומען פון אברהם'ן, „מאי לאו בידי אדם?" מיינט מען דען ניט אז דורך א אורטייל פון מענשען, זעהסטו דאָך אז שלעכט מיינען איז קרוב צו מזיד? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, „בידי שמים", דורך הימעל וועט ער באשטראָפט ווערען, „דייקא נמי", דרינג דיר אויך, עס שטעהט מחטוא לי וואָס מיינט ניט זינדיגען צו מיר, אָבער ניט קיין מענש. י) פרעגט ער ווידער, „ולטעמך", און נאָך דיין שיטה, וואָס שטעהט „וחטאתי לאלקים", וועסטו אויך זאָגען נאָר צו גאָט און ניט צו קיין מענש, יוסף האָט דאָך אויך געוויס געוואוסט אז ער וועט זיין פאראנטוואָרטליך צו מענשען? „אלא דינו מסור לאדם", נאָר וואָס דען מיינט עס, א זינד צו ג-ט און פעראנטוואָרטליך צו מענשען. „הכא נמי", אזוי אויך דאָ ביי אבימלך, א זינד צו ג-ט און פער־אנטוואָרטליך צום געזעץ דורך מענשען. י"א) אביי האָט געפרעגט צו רבא'ן פון פסוק, „הגוי גם צדיק תהרוג", וואָס מיינט, אבימלך האָט געזאָגט צו ג-ט וועסט דו דען הרג'ענען דעם גערעכטען, איך האָב ניט געוואוסט דאָס זי איז זיין ווייב. די מיינונג איז דאָ פאַר א ווייל דאָס גאָט האָט מודה געווען, דאָס ער

לא תיהדר, אלא כדאמר ר' שמואל בר נחמני, דאמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יוחנן, הכי קאמר ליה ועתה השב אשת האיש מכל מקום. י"ב) ודקאמרית הגוי גם צדיק תהרוג הלא הוא אמר לי אחותי היא נביא הוא וממך למד, אכסניא שבא לעיר על עסקי אכילה ושתיה שואלין אותו, כלום שואלין אותו אשתך זו אחותך זו מכאן שבן נח נהרג שהיה לו ללמוד ולא למד: י"ג) **מתני'.** הסומא אינו גולה דברי ר' יהודה, רבי מאיר אומר גולה, השונא אינו גולה, ר' יוסי אומר השונא נהרג מפני שהא כמועד. ר' שמעון אומר יש שונא גולה, ויש שונא שאינו גולה, זה הכלל כל שהוא יכול לומר לדעת הרג אינו גולה ושלא לדעת הרג הרי זה גולה. י"ד) **גמ'.** ת"ר (במדבר ל"ה) בלא ראות פרט לסומא דברי ר' יודה ר' מאיר אומר בלא ראות לרבות את הסומא. ט"ו) מאי

איז ניט שולדיג צוליעב זיין טעות, זעהסטו דאך אז אומר מותר איז א אונס? ענטפער, „התם כדקא מהדרי ליה", דארט איז ווי ג־ט האט איהם געענטפערט „ועתה השב אשת האיש כי נביא הוא, אשת נביא היא דתיהדר", איז דאך די פראגע נאר א נביא'ס ווייב דארף מען אבגעבען, „אלא", נאר עס איז אזוי ווי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון ר' יונתן'ס וועגען, „הכי קאמר", אז ג־ט האט צו איהם אזוי געזאגט יעצט גיב צוריק די אשת האיש אלנעפאלס, אויספיר נעקסט. י"ב) „ודקאמרית", אי וואס דו זאגסט אז אברהם האט דיר אליין געזאגט דאס זי איז זיין שוועסטער, זאג איך דיר, „נביא הוא וממך למד", אז ער איז א נביא, און ער האט געזעהן דיינע געפעהרליכע געדאנקען האט ער זיך פון דיר אבגעלערענט דאס צו זאגען צו פארהיטען זיך פון געפאהר, און דער שכל איז אויך אזוי, „אכסניא שבא לעיר", א גאסט ווען ער קומט אין שטאט, „על עסקי אכילה שואלין כלום שואלין אשתך היא?" פרעגט מען איהם וועגען עסען און טרינקען אבער ניט וועגען ווייב און שוועסטער, דען דאס טאקע איז געווען אויפפאלענד צו אברהם, האט דאס בעדארפט אבימלך פארשטעהן, פון דאנען נעמט מען ארויס אז א בן נח ווערט גע'הרג'עט פאר א אומר מותר, ווען ער האט געקאנט פארשטעהן און ניט פארשטאנען. י"ג) משנה. „הסומא" א בלינדער ווערט ניט פארטריבען, אזוי האלט ר' יודא, ר' מאיר זאגט ער ווערט יא פארטריבען, א פיינד אויפ'ן לעבען ווערט ניט פארטריבען, ר' יוסי זאגט א פיינד ווערט גע'הרג'עט ווייל ער איז ווי א מועד, וואס מיינט ער ברויכט קיין ווארנונג און זיכער דאס ער האט איהם גע'הרג'עט באוואוסטזיניג. ר' שמעון זאגט פאראן א שונא וואס ווערט פארטריבען, און פאראן א שונא וואס ווערט ניט פארטריבען און ווערט ניט גע'הרג'עט, דאס איז דער כלל, יעדער מארד וואס מען קען זאגען, „לדעת הרג", אז עס איז באוואוסטזיניג, איז קיין גלות און אז מען קען זאגען, „שלא לדעת הרג", עס איז ניט באוואוסטזיניג קומט איהם גלות. דער באשייד קומט ווייטער. י"ד) גמרא. די רבנן האבען געלערענט עס שטעהט אין פסוק, „בלא ראות", וואס מיינט איינער וועט דעם אנדערען דער'הרג'ענען ניט זעהענדיג, קומט עס ארויסנעמען א בלינדען דען ער זעהט דאך קיינמאהל

טעמא דרבי יהודה דכתיב ואשר יבא את רעהו ביער אפילו סומא אתא בלא ראות מעטיה, ור״מ בלא ראות למעט בבלי דעת למעט הוי מעוט אחר מיעוט, ואין מיעוט אחר מיעוט אלא לרבות ור׳ יהודה? בבלי דעת, פרט למתכוין הוא דאתי. ט״ז) ר׳ יוסי אומר השונא נהרג וכולי: והא לא אתרי ביה? מתניתן רבי יוסי בר יהודה הוא דתניא רבי יוסי בר יהודה אומר חבר אינו צריך התראה לפי שלא נתנה התראה אלא להבחין בין שוגג למזיד: י״ז) ר׳ שמעון אומר יש שונא גולה וכו׳: תניא כיצד אמר ר׳ שמעון יש שונא גולה, ויש שונא שאינו גולה. נפסק גולה נשמט אינו גולה. י״ח) והתניא ר׳ שמעון אומר לעולם אינו גולה עד שישמט

ניט, רב מאיר זאָגט עס קומט גאָר מרבה זיין סומא, ווי פאָלגט. ט״ו) וואָס איז דער טעם פון ר׳ יודא? עס איז אין פסוק „ואשר יבא את רעהו ביער", אז איינער קומט מיט זיין חבר אין וואַלד, מיינט דאָך עס אפילו א סומא, קומט בלא ראות און איז ממעט, און רבי מאיר׳ס טעם איז, בלא ראות איז א מעוט און בבלי דעת איז אויך א מעוט, איז דאָך א מיעוט נאָך א מיעוט, און א כלל איז, אז איין מיעוט נאָכ׳ן אַנדערען ,איז גאָר מרבה, די סברה דערפון איז, למשל איך זאָג, ראובן איז ניט קיין חכם אָדער איך זאָג ראובן איז נישט ניט קיין חכם, און רבי יודא וואָס טהוט ער מיט׳ן פסוק בבלי דעת?? ענטפער, „פרט למתכוין הוא דאתי", עס קומט אַרויסנעמען איינעם וואָס טהוט באַוואוסט־זיניג, ווי אויבען דף ז׳ שוין פאָרגעקומען. ט״ז) אין באַצוג פון דער משנה וואָס ר׳ יוסי זאָגט „השונא נהרג וכוי" פרעגט די גמרא אויף איהם, „והא לא אתרי ביה?" מען האָט איהם דאָך ניט געוואָרענט? ענטפער, „מתניתן", די משנה וועט אויסקומען ווי ר׳ יוסי בר יודא, דען מיר האָבען געלערנט ר׳ יוסי בר יודא זאָגט אַז א חבר — וואָס מיינט דער וואָס קען לערנען — דאַרף קיין התראה, „לפי שלא ניתנה התראה אלא להבחין", דען דאָס איז נאָר איינ־געפירט צו אַרויסברייגגען דעם אונטערשיעד צווישען א שוגג און א מזיד, און אַ חבר איז נענוג אויפמערקזאם, און ער קען ניט זאָגען איך האָב ניט געוואוסט, דאָס מען טאָר ניט. י״ז) אין באַצוג צו דער משנה וואָס ר׳ שמעון זאָגט, „יש שונא גולה וכוי", האָבען מיר געלערענט אין א ברייתא, „כיצד", ווי אַזוי מיינט ר׳ שמעון יש שונא גולה, זאָגט ר׳ שמעון אַז אַרונטערלאָזענדיג די קעלע מיט א שטריק וועלכער איז איבערגעריסען געוואָרען און יענעם גע־הרג׳עט, ווערט אַ שונא יאָ פאַרטריבען, ווייל מען זעהט עס אַלס א צופאַל, אָבער ווען עס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט און אַרונטערגעפאַלען, איז קיין גלות, דען אַלס א שונא קען זיין, ער האָט עס אייגענס געטאָן. י״ח) אויף דעם פרעגט די גמרא, „והתניא?" מיר האָבען דאָך געלערענט אַז ר׳ שמעון זאָגט, „לעולם אינו גולה", דאָס קיינמאָל ווערט א שונא ניט פאַרטריבען, „עד שישמט מחצלו בידו", זאָנדערען די קעלנע זעלבסט גליטשט זיך אַרויס פון זיין האַנד, איז דאָך א קשיא פון נפסק אויף נפסק, דאָ ציינט אַז ר׳ שמעון האַלט גלות נאָר ביי נשמט און אויבען זאָגט ער אַז נאָר נפסק, און אויך

מחצלו מידו, קשיא נפסק אנפסק, קשיא נשמט אנשמט? י״ט) נפסק אנפסק לא קשיא, הא באוהב והא בשונא נשמט אנשמט לא קשיא הא רבי והא רבנן. כ) **מתני׳**. להיכן גולין לערי מקלט לשלש שבעבר הירדן ולשלש שבארץ כנען שנאמר (במדבר ל״ה) את שלש הערים תתנו מעבר לירדן ואת שלש הערים תתנו בארץ כנען וגו׳. כ״א) עד שלא נבחרו שלש שבארץ ישראל לא היו שלש שבעבר הירדן קולטות שנאמר, שש ערי מקלט תהיינה עד שיהיו ששתן קולטות כאחת, ומכוונת להן דרכים מזו לזו, שנאמר תכין לך הדרך ושלשת וגו׳. כ״ב) ומוסרין להן שני תלמידי חכמים שמא יהרגנו בדרך וידברו אליו, ר׳ מאיר אומר (אף) הוא

איז א קשיא פון נשמט אויף נשמט, דא זאגט ר׳ שמעון אז נשמט איז גולה, און אויבען האט ער געזאגט אז נשמט איז ניט גולה: (לויט רש״ס גירסא איז דער פשט) י״ט) ענטפערט די גמרא נשמט אויף נשמט איז ניט קיין קשיא דען די ברייתא וואס זאגט אז נאר ביי נשמט איז גלות, ניט ביי נפסק שמועסט ביי א פריינד, וואס איז ניט אין פערדאכט אייגענס צו ארונטערלאזען, און אויבען וואס ער זאגט אז נשמט איז קיין גלות, שמועסט ביי א שונא, ווי ער זאגט עס אליין ארויס, נפסק אויף נפסק איז אויך קיין קשיא דען וואס ר׳ שמעון זאגט אויבען אז נפסק קומט גלות מיינט עס אפילו א שונא און געוויס א פריינד, און ר׳ שמעון זאגט דאס לויט א שיטה פון די רבנן וואס זאגען ביי דער האק א עס מיינט די האק האט זיך ארונטערגעגליטשט פון הענדעל דאמאלסט קומט גלות, דאס זעלבע איז נפסק, וואס די ענד פון שטריק בלייבט אין זיין האנד, פונקט ווי דארט, דער האק האלטער איז געבליבען אין זיין האנד, און דא וואס זאגט אז ביי נפסק איז קיין גלות, האט מען געלערענט ר׳ שמעון, לויט רבי׳ס שיטה וואס זאגט אז די גאנצע האק מוז ארויספאלען פון זיין האנד, ווייל ער לערענט מן העץ מיינט פון געהאקטען בוים, וועט פאלען די האק ניט פון הענדעל וואס האלט די האק. כ) משנה. וואוהין ווערען זיי פארטריבען צו די ערי מקלט, צו דריי שטעדט אין עבר הירדן, און צו דריי שטעט אין לאנד כנען אזוי ווי דער פסוק זאגט, „את שלש הערים תתנו מעבר לירדן ואת שלש הערים תתנו בארץ כנען", און ווי עס פאלגט ווייטער. כ״א) „עד שלא נבחרו", בעפאר עס זיינען ניט אויסגעקליבען געווארען די דריי שטעדט פון ארץ ישראל, האבען די דריי שטעט פון עבר הירדן ניט אריינגענומען צוליעב דעם פסוק „שש ערי מקלט תהיינה", וואס מיינט זעקס אריינגעם־שטעדט זאלען זיין, דאס הייסט אין איין צייט זאלען אלע זעקס אריינעמען. „ומכוונות להן דרכים מזו לזו", און זייערע וועגען זאלען זיין געצילט גלייך פון איינער צו דער אנדערע שטאט, צוליעב דעם פסוק, „תכין לך הדרך ושלשת וגו׳", וואס מיינט זאלסט צוגרייטען דעם וועג און דריטלען די גרעניצען. כ״ב) „ומוסרין להן שני תלמידי חכמים", און מען גיט זיי איבער צוויי תלמידי חכמים אין באגלייטונג, „שמא", טאמער וועט איהם הרג׳ענען דער גואל הדם, „וידברו אליו", זיי זאלען אפרעדען איהם פון נקמה, ר׳ מאיר זאגט ער אליין דארף אויך רעדען פאר זיך, ווי דער פסוק

מדבר ע״י עצמו, שנאמר וזה דבר הרצח. כ״ג) ר׳ יוסי בר יהודה אומר בתחלה אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט ובו״ד שולחין ומביאין אותו משם, מי שנתחייב מיתה בב״ד הרגוהו ושלא נתחייב מיתה פטרוהו מי שנתחייב גלות מחזירין אותו למקומו שנאמר והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו וגו׳. כ״ד) **גמ׳.** תנו רבנן שלש ערים הבדיל משה בעבר הירדן וכנגדן הבדיל יהושע בארץ כנען ומכוונת היו כמין שתי שורות שבכרם, חברון ביהודה כנגד בצר במדבר, שכם בהר אפרים כנגד רמות בגלעד, קדש בהר נפתלי כנגד גולן בבשן. כ״ה) ושלשת, שיהיו משולשין, שיהא מדרום לחברון כמחברון לשכם ומחברון לשכם כמשכם לקדש ומשכם לקדש כמקדש לצפון. כ״ו) בעבר הירדן תלת בארץ ישראל תלת? אמר אביי בגלעד שכיחי רוצחים **(דף י׳ ע״א)** דכתיב (הושע ו) גלעד קרית פועלי און עקובה מדם, מאי עקובה מדם, אמר ר׳ אלעזר שהיו עוקבין להרוג נפשות. א) ומאי שנא מהאי גיסא ומהאי גיסא

זאגט, „וזה דבר הרוצח״, וואס מיינט, און דאס איז די רייד פון רוצח, צוואר דער דבר מיינט דער ענין, דאך דרש׳ענען די חכמים אויף דעם פשוט׳ען טייטש **פון דהר.** כ״ג) ר׳ יוסי בר יודא זאגט, „בתחלה אחד שוגג וכו׳ ״, סאי שוגג סיי מזיד פעדערען אלע צו די ערי מקלט, „ובית דין״, דאן שיקען דאס בית דין און מען ברייננגט זיי צוריק, „מי שנתחייב״, ווער צו מיתה פעראורטיילט איז מיתה. און ווער ניט מחויב קיין מיתה ווערט באפרייט. „מי שנתחייב גלות״, און ווער מחויב איז גלות פיהרט מען צוריק, אזוי ווי דער פסוק זאגט „והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו וגו׳ ״, וואס מיינט די עדה זאל איהם צוריקקעהרען צו זיין מקלט שטאט, צוריקערען ווייזט דאס ער איז שוין דארט געוועז. כ״ד) גמרא. די רבנן האבען געלערענט, „שלש ערים״, דריי שטעט האט משה אבגעטיילט אין עבר הירדן, „וכנגדן״, און געגען זיי האט אבגעטיילט יהושע אין לאנד כנען, „ומכוונות״,ביידע גרופען שטעט זיינען געווען געצילט געגענאיבער ווי צוויי שורות אין א גארטען, חברון פון פראווינץ יהודא געגען בצר אין דער מדבר, שכם אין הר אפרים געגען רמות אין גלעד, קדש אין הר נפתלי געגען גולן אין בשן. כ״ה) דער פסוק „ושלשת״, מיינט אז די שטעט זאלען זיין געדריטעלט, דאס הייסט עס זאל זיין פון דרום זייט צו חברון אזוי ווייט ווי פון חברון ביז שכם, און די ווייטקייט ווי פון שכם צו קדש און די זעלבע אזוי ווי פון קדש ביז צו צפון זייט. כ״ו) פרעגט די גמרא, „בעבר הירדן תלת? ״ אין עבר הירדן דריי שטעט און ארץ ישראל אויך דריי שטעט? עבר הירדן האט דאך נאר צוויי שבטים געגען צעהן שבטים אין כנען, ענטפער, אין גלעד איז מעהר שכיח רוצחים ווי דער פסוק זאגט, „גלעד קרית פועלי און עקובה מדם״, וואס מיינט די שטאט גלעד ווירקט פאלשקייט און געלאקערט פון בלוט, „מאי עקובה מדם״, און וואס איז די מיינונג פון עקובה מדם זאגט ר׳ אלעזר דאס זיי האבען געלאקערט צו הרג׳ענען נפשות. א) פרעגט די גמרא, „ומאי שנא מהאי גיסא״, ווארום פון דער זייט און דער זייט זאל זיין ווייטער, „ומאי שנא

דמרחקי, ומאי שנא מציעאי דמקרבי? אמר אביי בשכם נמי שכיחי רוצחים דכתיב וכחכי איש גדודים חבר כהנים דרך ירצחו שכמה וגו׳ מאי חבר כהנים אמר ר׳ אלעזר שהיו מתחברין להרוג נפשות ככהנים הללו שמתחברין לחלוק תרומות בבית הגרנות. ב) ותו ליכא והא כתיב ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר, אמר אביי הללו קולטות בין לדעת בין שלא לדעת, הללו לדעת קולטות שלא לדעת אינן קולטות. ג) וחברון עיר מקלט הוא? והא כתיב (שופטים א׳) ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה, אמר אביי פרוודהא דכתיב (יהושע כ״א) ואת שדה העיר ואת חצריה נתנו לכלב בן יפנה. ד) וקדש עיר מקלט הוא? והא כתיב (שם י״ט) וערי מבצר הצדים צר וחמת רקת וכנרת וגו׳ וקדש ואדרעי ועין הצור, ותניא ערים הללו אין עושין אותן לא טורין קטנים ולא כרכים

מציעאי״, און די מיטעלע שטעט נאָהענטער? דאָס הייסט פון צפון און דרום זייט איז דאָך ווייטער צו זייערע שטעט ווי צווישען צוויי שטעט וואָס צוטיילט זיך צווישען ביידע, קומט דאָך אויס אַז אין די מיטע, איז מיט אַ העלפט נעהענטער? האָט אביי געזאָגט שכם איז אויך שכיח רוצחים, ווי דער פסוק זאָגט, „וכחכי איש גדודים חבר כהנים דרך ירצחו שכמה וכו׳״, וואָס דער טייטש איז, אזוי ווי ער דער מאן פון די חברה באנדיטען טהוט האָפען אויפ׳ן וועג וואָס פיהרט קיין שכם צו מאָרדען, „ מאי חבר כהנים״. וואָס מיינט עס חבר כהנים? זאָגט ר׳ אלעזר זיי פלעגען זיך פאראייניגען צו הרג׳ענען נפשות, אזוי ווי די כהנים וואָס פאראייניגען זיך צו צוטהיילען צווישען זיך די תרומות אין די שייערען. ב) פרעגט די גמרא, „ותו ליכא?״ מעהר קיין גלות שטעט איז ניטאָ? „הא כתיב״, עס שטעהט דאָך „ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר״, וואָס מיינט אויף די שטעט זאָלט איהר געבען נאָך צוויי און פיערציג שטעט? האָט אביי געזאָגט „הללו״, די זעקס שטעט זיינען קולט, צו ער ווייס יאָ, צו ער וויים ניט, די צוויי און פיערציג שטעט אָבער נעמען נאָר אריין, אויב ער ווייס אז זיי נעמען אריין. ג) פרעגט די גמרא, און חברון איז א גלות שטאָט? עס שטעהט דאָך אין פסוק „ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה״, זיי האָבען געגעבען צו כלב די חברון אזוי ווי משה האָט גערעדט, האָט אביי געזאָגט אז דאָס מיינט די דערפער ארום חברון וואָס ווערען גערופען אויף איהר נאָמען, דען דער פסוק זאָגט עס ריין, אז די פעלדער און די חצרים ארום דער שטאָט חברון האָט מען אוועקגעגעבען צו כלב בן יפנה. ד) פרעגט די גמרא, און קדש איז א עיר מקלט? עס שטעהט דאָך אין פסוק אויסגערעכענט די באפעסטיגטע שטעט וואָס מיינט גרויסע, וערי מבצר, הצדים, צר, חמת, רקת, כנרת, קדש, אדרעי און עין חצור (מבצר מיינט באפעסטיגט) „ותניא ערים הללו״, און מיר האָבען געלערענט אז די ערי מקלט, „אין עושין״, מאכט מען ניט צו זיין קליינע שטעטלעך אָדער גאנץ גרויסע שטעט נאָר מיטעלע שטעט, קליינע ניט ווייל עס געפינט זיך אין זיי ווייניג פּראָוויאנט, און גרויסע ניט, צוליב זייער גרויסען פאַרקעהר קען נאָך גרינגער זיין פאַר דעם גואל הדם צו צוקומען פאַר נקמה,

גדולים אלא עירות בינוניות, אמר ר׳ יוסף תרתי קדש הואי אמר ר׳ אשי כגון סליקום ואקרא דסליקום. ה) גופא, ערים הללו אין עושין אותן לא טירין קטנים ולא כרכין גדולים אלא עירות בינוניות, ואין מושיבין אותן אלא במקום מים, ואם אין שם מים מביאין להם מים, ואין מושיבין אותן אלא במקום שווקים, ואין מושיבין אותן אלא במקום אוכלוסין, נתמעטו אוכלוסיהן מוסיפין עליהן נתמעטו דיוריהן מביאין להן כהנים לוים וישראלים. ו) ואין מוכרין בהן לא כלי זיין ולא כלי מצודה דברי רבי נחמי׳ וחכמים מתירין, ושוין שאין פורסין בתוכן מצודות ואין מפשילין לתוכן חבלים, כדי שלא תהא רגל גואל הדם מצויה שם. ז) אמר ר׳ יצחק מאי קרא (דברים ד׳) ונס אל אחת מן הערים האל וחי עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא, תנא תלמוד שגלה מגלין רבו עמו שנאמר וחי עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא, אמר ר׳ זעירא מכאן שלא ישנה אדם

און ער רעכענט דאַ קדש פאַר אַ גרויסע שטאָט, היינט ווי אַזוי קען קדש זיין אַ עיר מקלט ? ענטפערט רב יוסף, צוויי קדש איז געווען, און רב אשי זאָגט צו, אַזאַ אַרט ווי סליקום און אקרא דסליקום, אַזוי אויך איז געווען אַ קדש אַלס אַ גרויסע שטאָט און נעבען איהר נאָך אַ קדש אַלס אַ קלענערע שטאָט, גערופען אויף איהר נאָמען. ה) די ברייתא זעלבסט אין אַ גרעסערע פאָרם אַלס אַ גאַנצע ברענגט ער צו, די שטעט מאַכט מען ניט ,ניט קיין קליינע און ניט קיין נאָר גרויסע, נאָר מיטעלע, און מען מאַכט איהר ניט נאָר וואו עס איז פאַראַן וואַסער, און אויב ניט ברענגט מען פאַר זיי וואַסער ליינס, און מען באַזעצט זיי ניט נאָר אין אַ פּלאַץ וואו עס איז פאַראַן מערק זיי זאָלען קענען קויפען עסענוואַרג, און מען באַזעצט זיי ניט אין אַ פּלאַץ נאָר וואו עס איז אַרום אַ גרויסער ישוב מיט מענשען, אין פאַל די גואלי הדם באַפאַלען זיי זאָל זיין ווער צו פאַרטיידיגען, אויב די מענשען ווערען וויינגער באַזעצט מען מעהר, אויב די איינוואָהנער פון דער שטאָט ווערען וויינגער, ברענגט מען צו זיי כהנים לוים און ישראלים. ו) און מען פאַרקויפט אין זיי ניט קיין געווער אפילו אַזאַ געווער געגען חיות, אַזוי האַלט רבי נחמי׳ און די חכמים זיינען מתיר, זיי האַלטען גלייך אַז מען פאַרשפּרייט ניט אין זיי קיינע טרעפּ, און מען לאָזט ניט אַרונטער אין זיי קיינע שטריק און טרעפּען, עס זאָל ניט לאָקען די גואלי הדם אַהין וועגען נקמה. ז) „מאי קרא ?" רב יצחק האָט געזאָגט, פון וואַנען איז געדרונגען דאָס אַלעס, דער פּסוק זאָגט, „ונס אל אחת מן הערים האל וחי", וואָס מיינט דער מענש זאָל אַנטלויפען צו איינע פון די שטעט און בלייבען לעבען, וואַלט דאָך גיכער בעדאַרפט שטעהן וניצול, נאָר עס שטעהט וחי צו צייגען אַז מען זאָל איהם טהאָן זאַכען עס זאָל איהם ברייננגען לעבען. „תנא", מיר האָבען געלערענט אַ תלמיד אויב ער איז פאַרטריבען געוואָרען טרייבט מען אויך זיין רבין וויל עס שטעהט וחי, וואָס מיינט ווי שווין באַמערקט. אויף דעם האָט ר׳ זעירא געזאָגט, אַז עס איז געדרונגען אַז אַ מענש זאָל ניט לערנען מיט אַ תלמיד וואָס האָט ניט דער ווערט, וויל ער קאָן נאָך אַמאָהל

לתלמיד שאינו הגון. ח) אמר ר' יוחנן הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו, איני? והא אמר ר' יוחנן מנין לדברי תורה שהן קולטין שנאמר (שם) את בצר במדבר וגו' (וכתיב בתריה) וזאת התורה, לא קשיא הא בעידנא דעסיק בה, הא בעידנא דלא עסיק בה, ואי בעית אימא מאי קולטין ממלאך המות. ט) כי הא דרב חסדא הוה יתיב וגרים בבי רב, ולא הוה קא יכול שליחא (דמלאכא דמותא) למקרב לגביה דלא היה שתיק פימיה מגירסא, סליק ויתיב אארזא דבי רב פקע ארזא ושתיק, ויכיל ליה. י) אמר ר' תנחום בר חנילאי מפני מה זכה ראובן למנות בהצלה תחלה מפני שהוא פתח בהצלה תחלה שנאמר וישמע ראובן ויצילהו מידם. י"א) דרש רבי שמלאי מאי דכתיב (דברים ד') אז יבדיל משה שלש ערים עבר הירדן מזרחה (שמש), אמר לו הקב"ה למשה, הזרח שמש לרוצחים,

---

פארטריבען ווערען צוליב דעם תלמיד. ח) ר' יוחנן האט געזאגט א רבי וואס געהט אין גלות ווערט זיין ישיבה פארטריבען מיט איהם, פרעגט די גמרא, „איני?" עס איז דאך ניט אזוי? ר' יוחנן אליין האט דאך געזאגט פון וואנען איז געדרונגען אז דברי תורה זיינען קולט, דאס הייסט זיינען מציל פון גלות, עס איז אין פסוק, „את בצר במדבר", די גלות שטאט וואס הייסט בצר, און אביסעל ווייטער שטעהט וזאת התורה, דרש'ענט ר' יוחנן סמיכות, אזוי ווי א גלות שטאט איז מציל דעם רוצח בשוגג אזוי אויך דברי תורה, זעהסט דאך אזוי וואויל אז די תורה איז מציל פון גלות? ענטפער, עס איז ניט קיין קשיא, „בעידנא דעסיק בה", אין דער צייט וואס ער איז עוסק אין דער תורה איז עס איהם מציל, „ואי בעית אימא", און אז ווילסט, האב איך נאך א תירוץ, ווייסט וואס מען מיינט קולטין, אז עס באשירמט פון מלאך המות. ט) „כי הא", און ברייגגט אזא עראייגנים אז רב חסדא איז געזעסען און געלערענט אין רב'ס בית המדרש, האט דער מלאך המות ניט געקענט צוטרעטען צו איהם, דען ער האט ניט אויפגעהערט פון לערנען, „סליק ויתיב", איז דער מלאך ארויף אויף דעם בוים וועלכער איז געטרייסעלט געווארען, פון דעם אויפגערויש איז רב חסדא אנטשוויגען פון לערנען אזוי האט איהם דער מלאך בייגעקומען. י) ר' תנחום בר חנילאי האט געזאגט, „מפני מה זכה ראובן לימנות בהצלה תחלה?" פאר וואס האט ראובן זוכה געווען צו ווערען געצעהלט דער ערשטער אין רעטונג ביי די ערי מקלט, „מפני שהוא פתח", ווייל ער איז דער ערשטער געווען צו רעטען ווי דער פסוק זאגט, „וישמע ראובן ויצילהו מידם". י"א) רבי שמלאי האט גע'דרש'ענט, „מאי דכתיב", וואס שטעהט עפעס, „אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש", דער טייטש איז דאמאלסט האט משה אבגעטיילט דריי שטעט אין עבר הירדן אין מזרח זייט פון דער זון, איז דאך גענוג צו זאגען איז דער מזרח זייט, נאר די מיינונג איז אז גאט האט געזאגט צו משה „הזרח שמש", מאך שיינען די זון צו די רוצחים, טייל זאגען, אזוי האט ג־ט געזאגט צו משה, דו האסט געמאכט שיינען די זון צו די רוצחים, דאס הייסט אז משה האט געהאט די כוונה פון זיך זעלבסט און הקב"ה האט מסכים געווען

איכא דאמרי אמר ליה הזרחת שמש לרוצחים. י"ב) דרש רבי סימאי מאי דכתיב (קהלת ה') אוהב כסף לא ישבע כסף, ומי אוהב בהמון לא תבואה, אוהב כסף לא ישבע כסף זה משה רבנו שהיה יודע שאין שלש ערים שבעבר הירדן קולטות עד שלא נבחרו שלש בארץ כנען, ואמר מצוה שבאה לידי אקיימנה, ומי אוהב בהמון לא תבואה, למי נאה ללמד בהמון מי שכל תבואה שלו. י"ג) והיינו דאמר ר' אלעזר מאי דכתיב (תהילים ק"ו) מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהילתו, למי נאה (ללמד) (למלל) גבורות ה' מי שיכול להשמיע כל תהילתו. י"ד) ורבנן ואיתימא רבה בר מרי אמר מי אוהב בהמון לו תבואה, כל האוהב (למלמד) בהמון לו תבואה, יהבו ביה רבנן עינייהו ברבא בריה דרבה. ט"ו) (סימן אשי ללמוד רבינא ללמד) רב אשי אמר כל האוהב ללמוד בהמון לו תבואה, והיינו דאמר ר' יוסי בר' חנינא מאי דכתיב (ירמי' נ) חרב אל הבדים

צו איהם. י"ב) רבי סימאי האט גע'דרש'ענט וואס איז דער פשט פון פסוק „אוהב כסף לא ישבע כסף ומי אוהב בהמון לא תבואה", אוהב כסף לא ישבע כסף דאס איז משה רבנו ער האט ליעב די מצות און קען זיך ניט אנזעטיגען מיט זיי, „שהיה יודע", דען ער האט געוואוסט אז די דריי שטעט פון עבר הירדן זיינען ניט מציל, כל זמן עס זיינען ניט אויסגעקליבען די דריי שטעט פון לאנד כנען, פונדעסטוועגען האט ער געזאגט, די מצוה איז געקומען אין מיין האנד וועל איך איהר מקיים זיין, און וואס מיינט, „ומי אוהב בהמון לא תבואה", און ווער דארף ליעב האבען צו לערנען מיט'ן המון (פובליקום) ניט דער וואס האט די תבואה? די תורה בילדונג, מקרא, משנה און גמרא און אגדות. תבואה מיינט א פראדוקט, דאס איז עס א משל צו תורה בילדונג. י"ג) „והיינו", און דאס איז וואס ר' אלעזר האט געזאגט, וואס איז דער טייטש פון פסוק „מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו", צו וועמען איז שעהן צו דערצעהלען ג־ט'ס שטארקייטען, דער וואס קען מאכען הערען זיינע אלע לויב געזאנגען. י"ד) די רבנן און טייל זאגען רבה בר מרי האט געזאגט אזוי דעם טייטש, ווער עס האט ליעב צו לערנען תורה מיט'ן המון דער האט די תבואה, דאס מיינט גוטע קינדער תלמידי חכמים, „יהבו ביה רבנן עינייהו", האבען די רבנן געווארפען זייערע אויגען אויף רבא דער זוהן פון רבה, דא קומט אויס, דאס די חכמים האבען געהאט בקבלה אנשטאט לא תבואה, לו תבואה מיט א וי"ו, אדער א קרי מיט א כתיב, דאס הייסט ביידע. ט"ו) (דער סימן פון די נעקסטע צוויי זאגען, איז ביי רב אשי ללמוד, וואס מיינט צו לערנען צוזאמען מיט'ן המון ניט אליין, און ביי רבינא ללמד וואס מיינט צו לערנען יענעם). רב אשי לערענט אזוי דעם פשט פון פסוק, ווער עס האט ליעב צו לערנען צוזאמען מיט נאך א מענשען דער האט די תבואה, דאס מיינט ערפאלג, „והיינו", און דאס איז טאקע וואס ר' יוסי בר' חנינא האט געזאגט, וואס דער פסוק זאגט „חרב אל הבדים ונואלו", א שווערד אויף די העלזער פון די שונאים פון די תלמידי חכמים וואס זיצען איינזאם און לערנען תורה, ניט דאס אליין נאר זיי ווערען נארישער,

ונואלו, חרב על צוארי שונאיהם של תלמידי חכמים שיושבים ועוסקים בתורה בד בבד, ולא עוד אלא שמטפשין כתיב הכא ונואלו וכתיב התם אשר נואלנו, ולא עוד אלא שחוטאין שנאמר ואשר חטאנו, ואי בעית אימא מהכא (ישעי׳ י״ט) נואלו שרי צוען. ט״ז) רבינא אמר כל האוהב ללמד בהמון לו תבואה, והיינו דאמר רבי הרבה תורה למדתי מרבותי ומחברי יותר מהם ומתלמידי יותר מכולם. י״ז) אמר ר׳ יהושע בן לוי מאי דכתיב (תהילים קכ״ב) עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, מי גרם לרגלינו שיעמדו במלחמה שערי ירושלים שהיו עוסקים בתורה. י״ח) ואמר ר׳ יהושע בן לוי מאי דכתיב שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך, אמר דוד לפני הקדוש ב״ה רבש״ע שמעתי בני אדם שהיו אומרים, מתי ימות זקן זה, ויבא שלמה בנו ויבנה בית הבחירה ונעלה לרגל ושמחתי, אמר לו הקב״ה (שם פ״ד) כי טוב יום בחצריך מאלף, טוב לי יום אחד שאתה עוסק בתורה לפני מאלף עולות

דאָ שטעהט „וונואלו" און אין דער תורה שטעהט, „אשר נואלנו", וואָס מיינט, מיר האָבען זיך פערנארישט, „ולא עוד", און נאָך איז, עס איז אַ זינד דען נואלו מיינט אויך זינד ווייל צוזאַמען געהען אשר נואלנו ואשר חטאנו, און נאָך אַ באַווייז „נואלו שרי צוען", די הארען פון צוען האָבען געזינדיגט, (די חכמים זאָגען טאקע אַז אַ מענש זינדיגט ניט ביז ער קריגט אין זיך נארישקייט). ט״ז)רבינא האָט געטייטשט דעם פסוק, ווער עס האָט ליעב צו לערנען מיט׳ן המון, דער האָט די תבואה דאָס הייסט די קענטנים דען ער שטייגט אין לערנען מעהר פון די תלמידים, „והיינו", און דאָס איז וואָס רבי האָט געזאָגט, איך האָב אַ סך געלערנט פון מיינע רביים, און פון מיינע חברים מעהר און פון מיינע תלמידים מעהר פון אלע, דען ער מוז זיך מפלפל זיין מיט זיי. י״ז) ר׳ יושיע בן לוי האָט געזאָגט, „מאי דכתיב", וואָס איז דער פשט פון פסוק „עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים", ווער עס האָט פעראורזאכט דאָס אונזערע פיס זאָלען שטעהן אין מלחמה, (דאָס הייסט וויכוחים און האנדלונגען אין תורה), די טויערען פון ירושלים וואָס האָבען עוסק געווען אין דער תורה, די טויערען איז דער נאָמען פון פלאַץ וואו די באשיידער און מפרשי התורה קומען זיך צו־זאַמען פאר הלכה ווענען. י״ח) נאָך האָט ר׳ יושיע בן לוי געזאָגט וואָס איז דער פשט, „שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך", דוד האָט געזאָגט פאר׳ן באשעפער רבש״ע, „שמעתי", איך האָב געהערט ווי מענשען רעדען זיך, „מתי ימות זקן זה", ווען וועט שוין דער זקן שטארבען, אום זיין זוהן שלמה זאָל שוין איבערנעמען, און ער זאָל אויפבויען דעם בית המקדש, מיר זאָלען שוין קענען געהן עולה רגל זיין אין ירושלים, „ושמחתי", דער־הערענדיג דאָס האָב איך מיר געפערהט, האָט הקב״ה אים געזאָגט אלס ענטפער דעם פסוק „כי טוב יום בחצרך מאלף", עס איז מיר בעסער איין טאָג דיינעם וואָס דו ביסט עוסק תורה פאר מיר, פון טויזענד עולות, „שעתיד שלמה בנך", וואָס דיין זוהן איז אָנגעגרייט מקריב צו זיין פאר מיר אויפ׳ן מזבח. י״ט) אין

שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח: י״ט) ומכוונות להם דרכים וכו׳ תניא ר׳ אליעזר בן יעקב אומר (**דף י׳ ע״ב**) מקלט היה כתוב על פרשת דרכים כדי שיכיר הרוצח ויפנה לשם אמר רב כהנא מאי קרא תכין לך הדרך עשה (לך) הכנה לדרך. כ) רב חמא בר חנינא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהילים כ״ה) טוב וישר ה׳ על כן יורה חטאים בדרך, אם לחטאים יורה קל וחומר לצדיקים. כ״א) ר׳ שמעון בן לקיש פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (שמות כ״א) ואשר לא צדה והאלקים אנה לידו וגו׳ (ב״ח) זה שאמר הכתוב (ש״א כ״ד) כאשר יאמר משל הקדמוני מרשעים יצא רשע, במה הכתוב מדבר בשני בני אדם שהרגו את הנפש, אחד הרג בשוגג ואחד הרג במזיד, לזה אין עדים ולזה אין עדים, הקב״ה מזמינן לפונדק אחד, זה שהרג במזיד יושב תחת הסולם, וזה שהרג בשוגג יורד בסולם, ונפל עליו והרגו, זה שהרג במזיד נהרג, וזה שהרג בשוגג גולה. כ״ב) אמר רבה בר רב הונא אמר רב הונא, ואמרי לה אמר רב הונא אמר ר׳ אלעזר מן התורה ומן הנביאים

באצוג צו דער משנה וואס זאגט, „ומכוונות להם דרכים וכוי, תניא״, האבען מיר געלערענט ר׳ אליעזר בן יעקב זאגט, דער ווארט מקלט איז געווען באצייכענט אויף יעדען שיידעוועג, „כדי שיכיר הרוצח״, אום דער מערדער זאל דערקענען וואו זיך ארייגצודרייען, האט רב כהנא געזאגט, „מאי קרא ?״ וואו איז דער פסוק דארויף, (דברים י״ט) „תכין לך הדרך״, וואס מיינט גרייט צו דעם וועג מאך א צוגרייטונג, דער רוצח זאל וויסען וואו זיך צו קערען. כ) רב חמא בר חנינא אז ער האט געוואלט אנפאנגען צו דרש׳ענען אין פרשת רוצחים האט ער אנגעפאנגען פון דעם פסוק „טוב וישר על כן יורה חטאים בדרך״, וואס דער טייטש איז ג־ט איז גוט און רעכטפערטיג, דאדורך צייגט ער די זינדיגע אין וועג, „אם לחטאים״, אויב צו די זינדיגע ער צייגט אין וועג, איז דאך אגעוויס צו צדיקים. כ״א) ר׳ שמעון בן לקיש האט אנגעפאנגען דרש׳ענען אין דער פרשה פון דעם פסוק, „ואשר לא צדה והאלקים אנה לידו״, אז איינער האט ניט געצילט נאר ג־ט האט איהם אונטערגעשיקט, און דאס איז וואס עס ווערט געזאגט, פון רשעים געהט ארויס שלעכטס, „במה הכתוב מדבר״, אין וואס שמועסט דא דער פסוק ? „בשני בני אדם״, ביי צוויי מענשען וועלכע האבען א מענשען גע׳הרג׳עט איינער בשוגג און איינער במזיד, און נעגעןביידע איז ניט פאראן קיין עדות, וואס טהוט ג־ט ער איז זיי מזמין אין איין וואַרטסהויז, דער וואס האט גע׳הרג׳עט במזיד זיצט אונטער דעם לייטער, און דער וואס האט גע׳הרג׳עט בשוגג געהט ארונטער אויף דעם לייטער, פאלענדיג אויף דעם צווייטען, דער וואס האט גע׳הרג׳עט במזיד ווערט גע׳הרג׳עט און דער וועלכער בשוגג ווערט פארטריבען. כ״ב) רבה בר רב הונא האט געזאגט פון רב הונא׳ס וועגען, „ואמרי לה״, און טהייל זאגען רב הונא האט געזאגט פון ר׳ אלעזר׳ס וועגען פון תורה און נביאים און כתובים איז געדרונגען, דאס אין וועלכען וועג א מענש וויל געהן פיהרט מען איהם, דאס הייסט מען ניט

ומן הכתובים, בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו, מן התורה (במדבר כ״ב) דכתיב לא תלך עמהם וכתיב קום לך אתם, מן הנביאים דכתיב (ישעיה מ״ח) אני ה„ אלקיך מלמדך להועיל מדריכך בדרך (זו) תלך, מן הכתובים דכתיב (משלי ג׳) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן. כ״ג) אמר רב הונא רוצח שגלה לעיר מקלט, ומצאו גואל הדם והרגו פטור, קסבר (דברים י״ט) ולו אין משפט מות בגואל הדם הוא דכתיב. כ״ד) מיתיבי ולו אין משפט מות, ברוצח הכתוב מדבר, אתה אומר ברוצח או אינו אלא בגואל הדם כשהוא אומר והוא לא שונא לו מתמול שלשם הוי אומר ברוצח הכתוב מדבר? כ״ה) הוא דאמר כי האי תנא דתניא ולו אין משפט מות בגואל הדם הכתוב מדבר, אתה אומר בגואל הדם הכתוב מדבר, או אינו אלא ברוצח כשהוא אומר כי לא שונא הוא לו

איהם די געלעגענהייט צו געהן, פון דער תורה, ג־ט האט געזאגט צו בלעם זאלסט ניט געהן מיט זיי, ווייל אין הארץ האט ער דאך געוואלט געהן, האט איהם ג־ט דאן שוין געזאגט שטעה אויף און געה מיט זיי. פון נביאים, איך דיין ג־ט איז דיין לערנער צו ווירקען, טהו דיך פיהרען אין דעם וועג וואס דו ווילסט געהן. פון כתובים, אויב איינער וויל זיך באהעפטען מיט שפעטערס זאל ער שפעטען, און צו די באשיידענע מענשען גיט ער חן. לצים מיינט די וואס שפאטען פון דער תורה ווייל זיי פארשטעהן ניט איהר און די באשיידענע גלויבען אין דער תורה, ניט פארשטעהענדיג איהר, הענגען זיי אן, אין זייער קליינעם פארשטאנד. כ״ג) רב הונא האט געזאגט א רוצח וואס איז אנטלאפען אין גלות שטאט, און דער גואל הדם האט איהם געטראפען און גע׳הרג׳עט, איז ער פטור, „קסבר", ער האלט אז דער פסוק וואס זאגט, „ולו אין משפט מות", אז צו איהם קומט ניט קיין טויט אורטהייל, שמועסט ביים גואל הדם, דעם טויטענס קרוב וואס לייזט אויס זיין בלוט, און דער פשט פון פסוק „פן ירדוף גואל הדם אחרי הרוצח והשיגו והכהו נפש", טאמער וועט נאכיאגען דער גואל הדם נאכ׳ן רוצח און איהם דער׳הרג׳ענען, וועט איהם דער בית דין גארניט טהאן דען ולו אין משפט מות. כ״ד) „מיתיבי", איך וועל דיר א קשיא פרעגען, מיר האבען גע־לערענט, „ולו אין משפט מות", שמועסט ביים רוצח, „אתה אומר", דו זאגסט ביים רוצח, „או אינו", טאמער ניט, נאר ביים גואל הדם? „כשהוא אומר", ווייל ער זאגט אבער „והוא לא שונא לו מתמול שלשום", וואס מיינט ער איז איהם ניט קיין שונא פון טאג פאר פארגעסטערען, „הוי אומר", זעהסט דאך אז דא שמועסט וועגען רוצח אז עס קומט איהם ניט קיין מיתה אויב ער איז ניט זיין שונא פון דריי טעג בעפאר, זעהסט דאך גוט אז דא שמועסט ביי רוצח, וואס דען זאגט רב הונא אז דער גואל הדם איז פטור? כ״ה) ענטפערט די גמרא ער האלט ווי דער תנא, דען מיר האבען געלערענט, „ולו אין משפט מות", געהט אויפ׳ן גואל הדם, „אתה אומר", דו זאגסט דער גואל הדם, „או אינו", טאמער געהט עס אויפ׳ן רוצח? „כשהוא אומר", אז עס איז אבער אין פסוק „כי לא שונא הוא לו מתמול שלשום", הרי רוצח אמור", איז דאך שוין וועגען

מתמול שלשום, הרי רוצח אמור, הא מה אני מקיים ולו אין משפט מות בגואל הדם הכתוב מדבר. כ"ו) תנן מוסרין לו שני תלמידי חכמים שמא יהרגנו בדרך, וידברו אליו, מאי לאו דמתרו ביה, דאי קטיל בר קטלא הוא, לא, כדתניא וידברו אליו דברים הראוים לו, אומרים לו אל תתנהג בו מנהג שופכי דמים בשגגה בא מעשה לידו, ר' מאיר אומר הוא מדבר על ידי עצמו שנאמר וזה דבר הרוצח, אמרו לו הרבה שליחות עושה. כ"ז) אמר מר בשגגה בא מעשה לידו, פשיטא, דאי במזיד בר גלות הוא? אין, והא תניא ר' יוסי ברבי יהודה אומר בתחלה אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט ובית דין שולחין ומביאין אותם משם, מי שנתחייב מיתה הרגוהו שנאמר ושלחו זקני עירו ולקחו אותו משם ונתנו אותו ביד גואל הדם ומת, מי שלא נתחייב פטרוהו, שנאמר והצילו העדה את הרוצח מיד גואל הדם, מי שנתחייב גלות, מחזירין אותו למקומו שנאמר

רוצח געזאָגט, „הא מה אני מקיים", אויף וואָס וועל איך לייגען דעם פּסוק ולו אין משפט מות, „בגואל הדם", איז ווארשיינליך אויפ'ן גואל הדם. האלט רב הונא ווי דער תנא אז דער גואל הדם איז פּטור. כ"ו) „תנן" א קשיא מיר האָבען געלערענט אין משנה דאָס מען גיט איהם איבער צוויי תלמידי חכמים אין באַגלייטונג, טאָמער וועט איהם דער גואל הדם וועלען הרג'ענען אין וועג, זאָלען זיי רעדען צו איהם, „מאי לאו דאתרי ביה", מיינסט דען ניט דאָס זיי וואָרנען איהם, „דאי קטיל", אויב ער הרג'עט איהם זאָל ער וויסען דאָס איהם קומט מיתה? „לא", זאָגט די גמרא ניין, „כדתניא", עס איז ווי מיר האָבען געלערענט אז זיי האָבען גערעדט צו איהם ווערטער „הראוים לו", וואָס אנבעלאַנגט צו איהם, זאָלסט ניט פיהרען קיין בלוט־פארגיסונג, „בשגגה", עס איז אומגערען געקומען אין זיין האנד. ר' מאיר זאָגט דאָס דער מערדער רעדט פאר זיך אליין ווי דער פּסוק זאָגט, „וזה דבר הרוצח, אמרו לו", האָבען די חכמים געזאָגט צו איהם, א סך ווערט געטאָן דורך שליחות, בעסער ווי דער מענש אליין, דער טייטש ווערטערליך „הרבה" א סך זאכען, „שליחות עושה", טהוט שליחות, מיינענדיג דאמיט דאָס פילע זאכען מוז גיכער געטאָן ווערען דורך שליחות. כ"ז) דער האר האָט ערשט געזאָגט, דאָס די מוסר ווערטער זיינען געווען, דאָס אומגערען איז די מעשה געקומען אין זיין האנד, „פשיטא"? " עס איז דאָך א געווים? איז עס דען מעגליך דאָס במזיד זאָל זיין גלות? ענטפער, „אין", יאָ! עס איז מעגליך און דאָס איז טאַקע ערשט געלערענט. ר' יוסי ברבי יודא זאָגט אז תחילת איז סאַי שוגג סאַי מזיד לויפען צו ערי מקלט, דאן ברייננגען זיי דאָס בית דין צוריק, ווער מיתה איז מיתה ווי דער פּסוק זאָגט „ושלחו זקני עירו ולקחו אותו משם ונתנו אותו ביד גואל הדם ומת", דאָס מיינט די זקני בית דין שיקען און נעמען איהם פון דאָרט און גיבען איהם איבער צום גואל הדם, פאר טויטעם אורטייל, און ווער ניט שולדיג איז, געהט ארויס פריי ווי דער פּסוק זאָגט „והצילו העדה את הרוצח מיד גואל הדם", דאָס ב"ד זאָל מציל זיין דעם רוצח פון גואל הדם, און ווער עס איז חייב גלות, נעמט מען

והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו אשר נס שמה. כ"ח) רבי אומר מעצמן הן גולין כסבורין הן אחד שוגג ואחד מזיד קולטות והן אינן יודעין שבשוגג קולטות במזיד אינן קולטות. כ"ט) אמר רבי אלעזר עיר שרובה רוצחים אינה קולטת שנאמר (יושיע כ) ודבר באזני זקני העיר ההוא את דבריו, ולא שהשוו דבריהן לדבריו. ל) ואמר ר' אלעזר עיר שאין בה זקנים אינה קולטת דבעינן זקני העיר וליכא, איתמר עיר שאין בה זקנים רבי אמי ור' אסי חד אומר קולטת וחד אומר אינה קולטת, למאן דאמר אינה קולטת בעינן זקני העיר וליכא, למאן דאמר קולטת מצוה בעלמא. ל"א) ועיר שאין בה זקנים רבי אמי ור' אסי, חד אמר נעשה בה בן סורר ומורה וחד אמר אין נעשה בה בן סורר ומורה, למאן דאמר אין נעשה בה בן סורר ומורה, בעינן זקני עירו וליכא, למ"ד נעשה בה בן סורר ומורה מצוה בעלמא. ל"ב) ועיר שאין בה זקנים

איהם צוריק צו זיין פּלאַץ ווי דער פסוק זאָגט, „והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו אשר נס שמה", וואָס מיינט, דאָס בית דין זאָלען איהם צוריק קערען צום עיר מקלט וואו ער איז אנטלאָפען. כ"ח) רבי זאָגט דאָס פון זיך זעלבסט אנטלויפען זיי, „כסבורין", מיינענדיג דאָס סאי שוגג סאי מזיד זיינען די שטעט מציל, ניט וויסענדיג אַז בשוגג נעמען די שטעט אריין און מציל, און מזיד ניט. כ"ט) רבי אלעזר האָט געזאָגט די עיר מקלט וואָס איהר מערהייט זיינען רוצחים איז ניט קולט, ווייל דער פסוק זאָגט, „ודבר באזני זקני העיר ההיא את דבריו", וואָס מיינט ווען דער רוצח קומט צום טויער פאַר די זקנים פון דער שטאָט זיי זאָלען איהם אריינלאָזען, זאָל ער ריידען זיינע רייד אין די אויערען פון די זקנים, דאָס הייסט זיינע ווערטער דאַרפען געפעלען זיין צו די זקנים די מעהר־הייט שטאָט. „ולא שהושה", ניט די מעהרהייט זאָלען געפעלען און פאַרגליכען זיין צו זיינע רייד. ל) נאָך האָט ר' אלעזר געזאָגט א מקלט שטאָט וואָס האָט ניט קיין זקנים איז ניט קולט, „דבעינן", ווייל עס דאַרף זיין ווי אין פסוק געזאָגט „זקני העיר וליכא", און עס איז ניט דאָ. „איתמר", עס איז געלערענט געוואָ־רען דער געגענשטאַנד פון רבי אמי און רבי אסי, איינער זאָגט זי נעמט יאָ אריין, און איינער זאָגט זי נעמט ניט אריין, דער וואָס האלט זי נעמט ניט אריין, מיינט דעם זעלבען טעם ווי ערשט געזאָגט, און דער וואָס האלט אַז זי נעמט יאָ אריין, האלט ער, „מצוה בעלמא", אַז עס איז איינפאַך א מצוה ניט בינדענד. ל"א) א שטאָט וואָס אין איהר איז ניט פאַראַן קיין זקנים (זקנים מיינט תלמידי חכמים וואָס פיהרען די משפטים) קריגען רבי אמי און רבי אסי איינער האלט אַז עס קענען ניט פאַרקומען קיין סורר ומורה, און איינער האלט אַז יאָ, דער וואָס האלט אַז ניט, איז ווייל ביי סורר ומורה (אין דברים כ"א) שטעהט „זקני עירו", דאָס מען ברענגט איהם פאַר פאַר די זקנים, „וליכא", און דאָ איז דאָך ניטאָ, און דער וואָס האלט אַז עס ווערט יאָ א סורר ומורה, איז דאָס נאָר איינפאַך א מצוה צו זיין זקנים אין דער שטאָט. ל"ב) און א שטאָט וואָס אין איהר איז ניט פאַראַן קיין זקנים, איז אין דיפערענץ רבי אמי און ר' אסי, איינער האלט

רבי אמי ור׳ אסי חד אמר מביאה עגלה ערופה וחד אמר אינה מביאה עגלה ערופה למאן דאמר אינה מביאה עגלה ערופה בעינן זקני העיר וליכא למ״ד מביאה עגלה ערופה מצוה בעלמא. ל״ג) אמר רב חמא בר חנינא מפני מה נאמרה פרשת רוצחים (דף י״א ע״א) בלשון עזה דכתיב וידבר ה׳ אל יהושע לאמר דבר אל בני ישראל לאמור תנו לכם את ערי המקלט אשר דברתי אליכם וגו׳? מפני שהן של תורה. א) למימרא דכל דיבור לשון קשה? אין, כדכתיב (בראשית מ״ב) דבר האיש אדוני הארץ אתנו קשות, והתניא נדברו אין נדברו אלא לשון נחת וכן הוא אומר (תהילים מ״ז) ידבר עמים תחתינו דבר לחוד ידבר לחוד: ב)(סימנ״י רבנ״ן מהמנ״י וספר״י) פליגי בה רבי יהודה ורבנן חד אומר

אז די שטאט (אויב עס איז געפונען געוואָרען לעבען איהר א הרוג) ברענגט אן עגלה ערופה, און איינער האלט ניט, דער וואָס האלט אז ניט ווייל ביי עגלה ערופה שטעהט זקני העיר, און דער וואָס האלט אז יאָ איז זקני העיר נאָר איינ־פאך א מצוה ניט בינדענד. ל״ג) רב חמא בר חנינא האָט געזאָגט, „מפני מה נאמרה", ווארום איז די פרשה פון רוצחים אין ספר יהושע געזאָגט געוואָרען מיט א שטארקען לשון, „וידבר ה׳ אל יהושע לאמר", ג־ט ברוך הוא האָט גערעדט צו יהושע אַזוי זאָגענדיג, דער אונטערשיעד פון „דבר" און „אמר איז, דבר מיינט רעדען א גאנצען ענין מינדליך און לאמר מיינט נאָר די ווער־טער וואָס פאָלגט נאָך געשריבען, דאריבער טייטשען די חכמים דאָס וידבר מיינט תורה שבעל פה און לאמר מיינט תורה שבכתב, און אזא ארט לשון געפינט מען ניט נאָר ביי משה רבנו וואָס ער איז געווען דער נביא תורה, און דאָס רופט די גמרא לשון עזה א שטארק לשון, דאָס מיינט שטארק אין טיפקייט, דארום פרעגט דאָ די גמרא ווארום איז די פרשה דאָ דורך יהושע גערעדט גע־וואָרען מיט׳ן שטארקען לשון ווי ביי משה רבנו? ענטפערט די גמרא ווייל די פרשה איז א תורה פרשה, (און עס איז געמעהרט געוואָרען אין איהר א זאך, „ודבר באזני זקני העיר את דבריו", ווי שוין אויבען דערמאָנט, די אויסלערנונג פון דעם פסוק). א) פרעגט די גמרא, „למימרא", צו מוזען מיר איבעראל, וואו עס שטעהט דער לשון דיבור אזוי טייטשען אַז עס איז שווער, אָדער מחמת טיפקייט אָדער מחמת אַן אנדער אויסערגעוועהנליכקייט? ענטפערט די גמרא, „אין", יאָ, אַזוי געפינען מיר ביי די ברידער פון יוסף זיי האָבען געזאָגט „דבר האיש אדוני הארץ אתנו קשות", דער מאַן האר פון לאנד האָט גערעדט מיט אונז שווערע רייד, פרעגט די גמרא ווידער „התניא?" מיר האָבען דאָך גע־לערענט דאָס נדברו מיינט בנחת, רוהיגע ווערטער ניט אויסערגעוועהנליכעס, ווי דער פסוק זאָגט „ידבר עמים תחתינו", דאָס ג־ט וועט צוזאמענרעדען און מאכען פיהרען די פעלקער אונטער אונז? ענטפערט די גמרא, „דבור לחוד ידבר לחוד", דבר איז עטוואָס אנדערש און ידבר איז עטוואָס אנדערס. ב) „פליגי בה", עס קריגען אין דער זאך רבי יודא און די רבנן, איינער האלט אַז די פרשה פון רוצחים וואָס איז געזאָגט געוואָרען צו יהושע מיט א שטאַרק לשון אַזוי ווי צו משה, „מפני ששיהם", איז ווייל יהושע האָט זיי פאַרזאמט

מפני ששיהם וחד אמר מפני שהן של תורה. ג) (יהושע כ"ד) ויכתוב יהושע את הדברים האלה בספר תורת אלקים, פליגי בה ר' יהודא ור' נחמי' חד אמר שמנה פסוקים וחד אמר ערי מקלט. ד) בשלמא למאן דאמר ח' פסוקים, היינו דכתיב בספר תורת אלקים, אלא למ"ד ערי מקלט, מאי בספר תורת אלקים? הכי קאמר, ויכתוב יהושע בספרו את הדברים האלה הכתובים בספר תורת אלקים. ה) ספר שתפרו בפשתן פליגי בה ר' יהודא ור"מ חד אומר כשר וחד אומר פסול, למאן דאמר פסול דכתיב (שמות י"ג) למען תהי' תורת ה' בפיך ואיתקיש כל התורה כולה לתפילין, מה תפילין הלכה למשה מסיני לתפרן בגידין אף כל לתפרן בגידין. ו) ואידך? כי איתקיש למותר בפיך, להלכותיו לא איתקש,

---

אבצושיידען ביז ג־ט האט איהם געזאגט, „וחד אמר", און איינער האלט ווייל עס איז א תורה פרשה און עס איז אין איהר מוסיף געווארען א זאך, ווי אויבען באמערקט. ג) „ויכתוב יהושע את הדברים האלה בספר תורת אלקים", וואס מיינט יהושע האט אויפגעשריבען די רייד אין ג־ט'ס תורה, קריגען אין דעם ר' יודא און ר' נחמי', איינער האלט אז די רייד באציהען זיך אויף די ענדע תורי'ן וואס לאזט זיך אוים מיט וימת משה, אז משה איז געשטארבען, די אכט פסוקים דאס האט יהושע געשריבען און איינער האלט אז די ערי מקלט האט ער געשריבען. ד) פרעגט די גמרא, „בשלמא", נאך דעם וואס האלט אז די אכט פסוקים האט יהושע אריינגעשריבען אין דער תורה, „היינו דכתיב", איז רעכט וואס עס שטעהט „בספר תורת אלקים", אין ג־ט'ס תורה, „אלא", אבער נאך דעם וואס האלט אז די ערי מקלט וואס ער האט איינגעשריבען אין זיין אייגען ספר, „מאי בספר תורת אלקים", איז דאך די פראגע וואס שטעהט עפעס תורת אלקים? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר", אזוי איז די מיינונג, יהושע האט אריינגעשריבען אין זיין אייגען ספר, די זעלבע רייד וואס שטעהען געשריבען אין תורת אלקים, און דאס איז די פרשה פון ערי מקלט. ה) א ספר תורה וואס איז צוזאמענגענייט מיט פשתן (פלאקס) קריגען אין דעם ר' יודא און ר' מאיר, איינער זאגט עס איז כשר און איינער זאגט עס איז פסול, דער וואס האלט עס איז פסול איז צוליב דעם פסוק, „למען תהיי תורת ה' בפיך", דאס מיינט אז ג־ט'ס תורה זאל זיין אין דיין מויל, עס וואלט דאך בעדארפט שטעהן „למען תהיי תורת ה' על פיך", דרש'ענען די חכמים אז דאס צייגט אז תורת ה' ג־ט'ס מצות זאלען זיין פון זאכען וואס זיינען ערלויבט אין דיין מויל, דאס הייסט אז תפילין מוזען זיין געמאכט פון א בהמה טהורה, „ואיתקיש כל התורה לתפילין", איז דאך נעגליכען די גאנצע תורה צו תפילין, זאגען מיר, פונקט ווי תפילין איז הלכה למשה מסיני צו נייהען מיט גידין (אדערען) אזוי אויך א ספר תורה. ו) פרעגט די גמרא, „ואידך", און דער אנדער תנא וואס האלט אז גענעהט מיט פשתן איז כשר, וואס טהוט ער מיט'ן היקש, וואס גלייכט די תורה צו תפילין? ענטפערט די גמרא, „כי איתקיש", עס איז נאר נעגליכען געווארען, געגען דעם עס זאל זיין פון זאכען וואס זיינען מותר צו עסען, אבער צו אלע זיינע דינים

אמר רב חזינן להו לתפילין דבי חביבי דתפירי בכיתנא ולית הלכתא כוותיה: ז) **מתני'.** אחד משוח בשמן המשחה, ואחד המרובה בבגדים, ואחד שעבר ממשיחתו, מחזירין את הרוצח, ר' יהודה אומר אף משוח מלחמה מחזיר את הרוצח, לפיכך אימותיהן של כהנים מספקות להן מחיה וכסות כדי שלא יתפללו על בניהם שימותו: ח) **גמ'.** מנא הני מילי, אמר רב כהנא דאמר קרא (במדבר ל"ה) וישב בה עד מות הכהן הגדול, וכתיב כי בעיר מקלטו ישב עד מות הכהן הגדול, וכתיב ואחרי מות הכהן הגדול. ט) ור' יהודה? כתיב קרא אחרינא לשוב לשבת

ניט, דען דער דין ביי תפילין איז גאָר הלכה למשה מסיני, קען מען דאָס ניט לערנען אויף אַן אנדער זאך דורך א היקש. (פארגלייכונג). „אמר רב חזינן תפילין דבי חביבי", מיר האָבען געזעהן תפילין אין דעם בהמ"ד פון מיין פעטער האָט מען ערלויבט צו נעהען די יריעות פון דער תורה מיט פלאַקס, „ולית הלכתא כוותיה", אָבער די הלכה איז ניט אזוי ווי ער. ז) משנה. דער דין איז, דאָס דער רוצח איז אין גלות, ביז דער כהן גדול פון זיין צייט שטארבט, זאָגט די משנה דאָ סאַי דער כהן גדול איז געזאַלבט מיט'ן שמן המשחה, וואָס האָבען געדינט ביז די צייט פון יאשיה המלך, דען דאמאָלסט איז דער שמן המשחה באהאַלטען געוואָרען, האָט מען נאָר דערקענט דעם כהן גדול, אַן די מעהערע קליידער, און דאָס איז וואָס זאָגט זיך, און סאַי דער כהן גדול וואָס דינט מיט מעהרערע בגדים, און סאַי דער כהן גדול וואָס איז ארונטער פון זיין זאַלבונג, ווען ער האָט געדינט נאָר פאַר דערווייל, צו פארטרעטען דעם שטענדיגען כהן, צוליעב זיין פסול, די־אַ כהנים גדולים מאכען צוריקצוקעהרען דעם רוצח פון עיר מקלט. ר' יודא זאָגט אז אויך דער געזאַלבטער כהן צו מלחמה מאכט אויך מעגליך, מיט זיין אָבשטארבען, די באפרייאונג פון רוצח. „לפיכך", דאריבער פלעגען די מוטערס פון די כהנים ליפערען עסענוואַרג און קליידונג, דאמיט זיי זאָלען ניט מתפלל זיין אויף די אָבשטערבונג פון זייערע זיהן: ח) גמרא. „מנא הני מילי?" פון וואנען איז געדרונגען פאַר די אלע כהנים, פיליכט מאכט צוריקקערען נאָר א כהן גדול וואָס איז געזאַלבט מיט'ן שמן המשחה? האָט רב כהנא געזאָגט דער פסוק זאָגט, „וישב בה עד מות הכהן הגדול", נאָך א פסוק „כי בעיר מקלטו ישב עד מות הכהן הגדול", און נאָך א פסוק „ואחרי מות הכהן הגדול", וואָס דער טייטש פון די פסוקים איז, ער זאָל וואוינען אין איהר ביז'ן שטארבען פון כהן גדול, דען אין זיין שטאָט מקלט זאָל ער וואוינען ביז'ן שטערבען פון כהן גדול, און נאָכ'ן אָבשטערבען פון כהן גדול. ט) פרעגט די גמרא, און ר' יודא? פון וואנען דרינגט ער זיך, אויך פאַר משוח מלחמה? ענטפערט די גמרא, „כתיב קרא אחרינא", עס איז דאָ נאָך א פסוק, „לשוב לשבת בארץ עד מות הכהן", צו זיין דאָרט ביז דער כהן שטארבט, נעמט עס אריין אויך דעם משיח מלחמה. פרעגט די גמרא, „ואידך?" אויף דעם ערשטען תנא פון דער משנה, עס שטעהט דאָך נאָך א פסוק עד מות הכהן אָהן דעם וואָרט הגדול, וואָס מיינט דער באוואוסטער כהן וואָס איז דער משוח מלחמה.

בארץ, עד מות הכהן, ואידך? מדלא כתיב הגדול חד מהנך הוא: י) לפיכך אמותיהן של של כהנים וכו': טעמא דלא מצלו הא מצלו מייתי, והכתיב (משלי כ"ו) כצפור לנוד כדרור לעוף כן קללת חנם לא תבוא? א"ל (אמר ההוא) ההוא סבא מפירקיה דרבא שמיע לי, שהיה להן לבקש רחמים על דורן ולא בקשו. י"א) ואיכא דמתני כדי שיתפללו על בניהם שלא ימותו, טעמא דמצלו, הא לא מצלו, מייתי, מאי הוה ליה למעבד? הכא אמרינן טוביה חטא וזוגוד מנגיד, התם אמרי שכם נסיב ומבגאי גזיר. י"ב) אמר (ליה) ההוא סבא מפירקיה דרבא שמיע לי שהיה להן לבקש רחמים על דורן ולא בקשו, כי הא דההוא גברא דאכליה אריא ברחוק תלתא פרסא מיניה דר' יהושע בן לוי, ולא אישתעי אליה' בהדיה

אבוואהל ניט קיין כהן גדול? ענטפערט די גמרא, „מדלא כתיב הגדול חד מהנך הוא", טאקע צוליב דעם וואס עס שטעהט הכהן מיט א ה' אהן הגדול, באציהט עס זיך, אויף איינעם פון די פסוקים בעפאר, דער באוואוסטער כהן וואס דינט אלס כהן גדול, ניט קיין משיח מלחמה. י) אין באצוג צו דער משנה וואס זאגט, „לפיכך אימותיהן של כהנים", פרעגט די גמרא „טעמא דלא מצלי", די זאגסט דעם טעם, דאס די פארטריבענע זאלען ניט בעטען, ווייזט אוים, „הא מצלי מייתי", ווען זיי בעטען יא, וואלטען די כהנים געשטארבען, „והכתיב", עס איז דאך א פסוק „כצפור לנוד כדרור לעוף כן קללת חנם לא תבא", וואס מיינט, פונקט ווי א פויגעל וואס וואגעלט אוועק און א דרור וואס פליהט אוועק, אזוי איז אן אומזיסטע קללה דאס זי קומט ניט? האט דער סבא (אלטער) געענטפערט, „מפרקיה דרב שמיע לי", איך האב עס געהערט פון רבא'ס דרשה, „שהיה להן לבקש רחמים", אז די כהנים האבען געזאלט בעטען רחמים אויף זייער דור, דאס זאל ניט פאסירען, און זיי האבען ניט געבעטען. י"א) „ואיכא דמתני", און טייל לערנען אין דער משנה, „כדי שיתפללו על בניהם שלא ימותו", זיי זאלען בעטען אויף זייערע זיהן זיי זאלען ניט שטארבען, אויף דעם פרעגט די גמרא, „טעמא דמצלי הא דא מצלי מייתי", אבער זיי וואלטען ניט בעטען, וואל־טען זיי געשטארבען, איז דאך די פראגע, „מאי הוה ליה למעבד?" וואס האט ער געזאלט טהאן? „הכא", דא אין בבל געהט ארום א ווערטעל טוביא האט געזינדיגט און זוגוד קריגט געשלאגען, „התם", אין ארץ ישראל איז דאס ווער־טעל, שכם האט צוגערויבט די טאכטער און געלעבט מיט איהר, „ומבגאי גזיר", און די שטאט בוירען האבען זיך גע'מל'ט און געליטען יסורים, אזוי איז דא, די רוצחים האבען געזינדיגט און די כהנים שטארבען. י"ב) האט דער סבא געזאגט פון דער דרשה פון רבא, איז מיר פארענטפערט געווארען, „שהיה להן לבקש רחמים", די כהנים גדולים האבען געזאלט בעטען רחמים, אויף זייער דור, און זיי האבען ניט געבעטען, „כי הא", אזוי ווי די געשיכטע וואס האט פאסירט, דאס א לייב האט פארצוקט א מענשען, דריי מייל אין נאכבארשאפט פון יהושע בן לוי, האט אליהו הנביא ניט גערעדט צו איהם דריי טעג, דאס מיינט ווייל ר' יהושע בן לוי דער צדיק האט געדארפט בעטען רחמים, דאס זאל ניט געשעהן

תלתא יומי. י"ג) אמר רב יהודה אמר רב קללת חכם אפילו בחנם היא באה, מנלן מאחיתופל שבשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא בעא למישטפא לעלמא, אמר מהו לכתוב שם אחספא ומישדא בתהומא דליקי אדוכתיה, ליכא דאמר ליה מידי, אמר כל היודע דבר זה ואינו אומרו יחנק בגרונו נשא אחיתופל ק"ו בעצמו, אמר, ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה התורה, שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים, לכל העולם כולו לא כל שכן. י"ד) אמר ליה שרי, כתב שם אחספא, שדי אתהומא, נחת וקם אדוכתיה, ואפילו הכי כתיב (שמואל ב' י"ז) ואחיתופל ראה, כי לא נעשתה עצתו ויחבוש את החמור, ויקם וילך אל ביתו, אל עירו, ויצו אל ביתו ויחנק, וגו'. ט"ו) אמר ר' אבהו קללת חכם אפילו על תנאי היא באה מנלן מעלי, דקאמר ליה (עלי) לשמואל (שמואל א' ג') כה יעשה לך אלקים וכה יוסיף אם תכחד ממני דבר, ואע"ג דכתיב, ויגד

אין זיין שכנות. י"ג) רב יודא האט געזאגט פון רב'ם וועגען, א קללה פון א צדיק, איז אפילו אומזיסט, געשעהט עס, פון וואנען איז עס געדרונגען, פון אחיתופל, דען אין דער צייט ווען דוד המלך האט געגראבען די שיתין (יסוד) פון בית המקדש, האט דער תהום אנגעפאנגען פארפלייצען, און עס איז געווען א געפאר צו פארפלייצען די וועלט, האט דוד געפרעגט, „מה לכתוב שם", צו מעג מען אופישרייבען א שם אויף א שארבען, און אריינווארפען אין תהום, ער זאל בלייבען שטעהן אויף זיין פלאץ, דער שם וואלט דאך אבגעמעקט געווארען, „ליכא דאמר", איז ניט געוועזן ווער עס זאל איהם זאגען, „אמר כל היודע", האט דוד המלך געזאגט אויסרופענדיג, ווער עס וויים דאס, און זאגט ניט, זאל דער־ווארגען ווערען אין האלדז, „נשא אחיתופל ק"ו", האט אחיתופל גענומען זאגען פאר זיך א קל וחומר, מאדאך בלויז צו מאכען שלום צווישען מאן און פרוי האט שוין די תורה געזאגט, אז מיין נאמען וואס איז געשריבען מיט הייליגקייט, זאל אבגעמעקט ווערען אין וואסער, איז דאך א געוויס אז מען מעג עס טהאן, פאר די גאנצע וועלט. י"ד) „אמר ליה שרי", האט אחיתופל געזאגט צו איהם אז מען מעג, „כתב שם אחספא שדי אתהומא", האט דוד געשריבען א שם אויף א שארבען און געווארפען אויפ'ן תהום, „נחת וקם אדוכתא", ער האט זיך בא־רוהיגט און געבליבען שטעהן, „ואפילו הכי", און פונדעסטוועגען שטעהט אין פסוק אז אחיתופל האט געזעהן, ווי זיין עצה איז ניט געטהאן געווארען, האט ער גלייך איינגעשפאנט זיין אייזעל, און צו הויז געגאנגען, אנגעזאגט א צוואה און זיך דערווארגען. ט"ו) ר' אבהו האט געזאגט, „קללת חכם", א קללה פון א חכם אפילו ווען זי איז בלויז מיט א באדינג, קומט זי אויך, „מנלן", פון וואנען דרינגט מען עס? פון עלי הכהן, דען עלי האט געזאגט צו שמואל'ן, אזוי זאל ג־ט טהאן צו דיר אויב דו וועסט לייקענען פון מיר א זאך, דאס מיינט פונקט ווי איך האב שלעכטע זיהן אזוי זאל ג־ט דיר טהאן, אויב דו וועסט פון מיר עטוואס פארלייקענען, „ואע"ג", און כאטש דער פסוק זאגט ווייטער דאס שמואל האט איהם אלעס ערצעהלט, און ניט פארלייקענט, פונדעסטוועגען שטעהט ווייטער

לו שמואל את כל הדברים ולא כחד ממנו, ואפ"ה כתיב ולא הלכו בניו בדרכיו וגו'. (דף י"א ע"ב) ט"ז) אמר רב יהודה אמר רב נידוי על תנאי, צריך הפרה מנלן מיהודה דכתיב אם לא הביאותיו אליך. י"ז) ואמר ר' שמואל בר נחמני א"ר יונתן מאי דכתיב (דברים נ"ג) יחי ראובן ואל ימות וגו' וזאת ליהודה, כל אותן מ' שנה שהיו ישראל במדבר, עצמותיו של יהודה היו מגולגלין בארון, עד שעמד משה בקש עליו רחמים, אמר לפניו רבש"ע מי גרם לראובן שיודה, יהודה, וזאת ליהודה שמע ה' קול יהודה, עאל איבריה לשפא, לא הוה קא מעיילי ליה למתיבתא דרקיע, ואל עמו תביאנו. לא הוה קא ידע למישקל ומיטרח בשמעתא בהדי רבנן, ידיו רב לו, לא הוה ידע לפרוקי קושיא, ועזר מצריו תהי'. י"ח) איבעיא להו במיתת כולן הוא חוזר או דלמא במיתת אחד מהן, תא שמע נגמר

דאָס די זיהן פון שמואל'ן זיינען ניט געגאנגען אין זיינע וועגען, וואָרשיינליך האָט די קללה פון עלי איהם געשאַדט. ט"ז) רב יודא האָט געזאָגט פון רב'ס וועגען, אז נידוי (דאָס מיינט אז א חכם איזאָלירט איינעם) ווען אפילו מיט א באַדינג, דאַרף מען די נידוי געזעצליך שטערען, דאָס מיינט ארונטערנעמען, פון וואַנען דרינגט מען עס, פון יהודה, דער פסוק זאָגט דאָס יהודה האָט געזאָגט, איך וועל זיין זינדיג צו דיר, דאָס הייסט איזאָלירט פון דיר, אויב איך וועל ניט צוריק־ ברייננגען בנימין צו דיר. י"ז) און ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט פון ר' יונתן וועגען, וואָס מיינט מען מיט די ווערטער „יחי ראובן ואל ימות, וזאת ליהודה", וואָס טייטשט זיך, ראובן זאָל לעבען און ניט שטאַרבען, און דאָס איז צו יהודה, „כל אותן", דען די גאנצע פיערציג יאָהר אין דער מדבר זיינען די ביינער פון יהודה געווען צושאָטען ניט צוזאַמענגענומען אינווייניג אין ארון, ביז משה איז אויפגעשטאַנען און געבעטען אויף איהם רחמים זאָגענדיג רבש"ע ווער האָט גורם געווען צו ראובן, ער זאָל מודה זיינע זיינע זינד צו יוסף'ן? יהודה, און דאָס מיינט וזאת ליהודה, און דאָס איז צו יהודה, דאַריבער הער צו צום קול פון יהודה, און תיכף זיינען אלע זיינע איברים זיך צוזאַמענגענומען, אָבער נאָך אלץ זיינען זיי ניט ארייננענומען געוואָרען אין מתיבתא פון הימעל ביז משה האָט געזאָגט זאָלסט איהם ברייננגען צו זיין פאָלק, האָט ער נאָך אלץ ניט געוואוסט צו האַנדלען און שמועסען אין לערנען מיט די רבנן ביז משה האָט געזאָגט, „ידיו רב לו", זיין מאכט זאָל זיין פיעל צו איהם, האָט ער נאָך אלץ ניט געוואוסט צו פאַרענטפערן די קשיות אין לערנען מיט די רבנן ביז משה האָט געזאָגט, „ועזר מצריו תהיי", וואָס מיינט ג־ט זאָל זיין צו הילף פון זיין ענג־ שאַפט, זעהסט דאָך דאָס משה האָט געמוזט מפיר זיין זיין נידוי. י"ח) „איבעיא להו", די תלמידים פון ישיבה האָבען א שאלה געפרעגט, דאָס וואָס די משנה זאָגט, דאָס דער כהן וואָס פאַרטרעט דעם שטענדיגען כהן גדול, מאכט אויך צוריקקעהרען דעם רוצח פון גלות, ווי מיינט מען עס? צו מיט'ן אָבשטאַרבען פוןביידע, צו נאָר פון איינעם? זאָגט די גמרא, „תא שמע", קום און פאַר־ שטעה, מיר האָבען געלערענט, אויב זיין אורטייל איז פאַרטיג געוואָרען אָהן א

דינו בלא כהן גדול אינו יוצא משם לעולם ואם איתא ליהדר ביה בהנך, בדליכא: י״ט) **מתני׳**. משנגמר דינו מת כהן גדול, הרי זה אינו גולה, אם עד שלא נגמר דינו מת כהן גדול ומנו אחר תחתיו, ולאחר מכן נגמר דינו חוזר במיתתו של שני, נגמר דינו בלא כ״ג וההורג כ״ג וכהן גדול שהרג אינו יוצא משם לעולם. כ) ואינו יוצא לא לעדות מצוה, ולא לעדות ממון, ולא לעדות נפשות, אפילו ישראל צריכין לו, ואפילו שר צבא ישראל כיואב בן צרויה אינו יוצא משם לעולם, שנאמר (במדבר ל״ה) אשר נס שמה, שם תהא דירתו שם תהא מיתתו שם תהא קבורתו. כ״א) כשם שהעיר קולטת כך תחומה קולטת. רוצח שיצא חוץ לתחום ומצאו גואל הדם ר׳ יוסי הגלילי אומר מצוה ביד גואל הדם, ורשות ביד כל אדם, ר״ע אומר רשות ביד גואל הדם, וכל אדם חייבין עליו: כ״ב) **גמ׳**. מאי

כהן גדול, געהט ער קיינמאָהל ניט ארויס פון דאָרט, יעצט, אויב עס איז ריכטיג, דאָס ער געהט ארויס מיט איינעם, קען ער דאָך ארויסגעהן מיט׳ן אָבשטארבען פון איינעם פון זיי, וויינינגסטענס איז דאָך דאָ דער שטענדיגער כהן וואָס אין איהם איז געפונען געוואָרען דער פסול? ענטפערט די גמרא, „בדליכא״, אז עס שמועסט, וואו עס איז ניט דאָ קיין כהן גדול, דהיינו די פאסירונג איז פאָר־געקומען בעפאָר זעצונג פון א נייעם כהן גדול: י״ט) משנה. „משנגמר דינו״, אויב ווי נאָר עס איז פארטיג געוואָרען זיין אורטייל, איז דער כהן גדול געשטאָר־בען, אזוי ווערט ער אינגאנצען ניט פארטריבען, „אם עד שלא נגמר דינו״, און אויב נאָך בעפאָר עס איז פארטיג זיין אורטייל, איז דער כהן גדול געשטאָר־בען, און מען האָט געזעצט אַן אנדערען, און נאָכדעם ערשט, איז פארטיג געוואָ־רען זיין דין, איז דער דין, געהט ער צוריק, מחמת דעם אָבשטארבען פון צווייטען, אויב עס איז פארטיג געוואָרען זיין דין, אָהן א כהן גדול, אָדער ער הרג׳עט א כהן גדול אָדער א כהן האָט איהם גע׳הרג׳עט, געהט ער ניט ארויס פון דאָרט פאָר שטענדיג. כ) און דער זעלבער געהט ניט ארויס, ניט צו קיין עדות מצוה, און ניט צו קיין געלד עדות, און ניט צו קיין עדות פאַר דיני נפשות, און אפילו ניט ווען אידען דארפען איהם, ווי אויך אפילו ניט דער הויפט קאָמאנדיר זאָגאר ווי יואב בן צרויה, געהט ער ניט ארויס פאָר אימער, דען דער פסוק זאָגט „אשר נס שמה״, וואָס ער איז אנטלאָפען דאָרטען, טייטשט ער, דאָרט זאָל זיין זיין וואָהנאָרט, דאָרט זאָל זיין זיין אבשטארבונג, דאָרט זאָל זיין זיין קבורה, דען שמה מיט א ה״א מיינט, שם יהי׳, דאָס דאָרט זאָל ער זיין מיט אלע ענינים וואָס פאסירען מיט איהם. כ״א) פונקט ווי די שטאָט נעמט אריין און באשיצט דעם רוצח אזוי אויך איהר גרעניץ, אויב דער רוצח איז ארויס אויסער איהר גרעניץ, און דער גואל הדם האָט איהם באגעגענט, זאָגט ר׳ יוסי הגילי אַז דער גואל הדם האָט א מצוה ווען ער הרג׳עט איהם, און ער־לויבט איז צו יעדען מענש, ר׳ עקיבא זאָגט אז ערלויבט איז צום גואל הדם און אויב א פרעמדער הרג׳עט איהם איז ער חייב. כ״ב) אין באצוג צו דער משנה׳ וואָס זאָגט, אַז אויב נאָך פאראורטיילונג איז דער כהן גדול געשטאָרבען

טעמא? אמר אביי ק"ו ומה מי שגלה כבר, יצא, עכשיו מי שלא גלה, אינו דין שלא יגלה, ודלמא האי דגלה איכפר ליה, האי דלא גלה לא? מידי גלות קא מכפרה, מיתת כהן הוא דמכפרה: כ"ג) אם עד שלא נגמר דינו וכו'. מנא הני מילי אמר רב כהנא דאמר קרא וישב בה עד מות הכהן הגדול אשר משח אותו בשמן הקודש, וכי הוא מושחו, אלא זה שנמשח בימיו, מאי הוה ליה למעבד? היה לו לבקש רחמים שיגמור דינו לזכות ולא ביקש. כ"ד) אמר אביי נקטינן נגמר דינו ומת מוליכין את עצמותיו לשם, דכתיב לשוב לשבת בארץ עד מות הכהן, ואיזהו ישיבה שהיא בארץ הוי אומר זו קבורה. תנא מת קודם שמת כהן גדול מוליכין עצמותיו על קברי אבותיו, דכתיב ישוב הרוצח אל ארץ אחוזתו איזוהי ישיבה שהיא בארץ אחוזתו הוי אומר זו קבורה. כ"ה) נגמר דינו ונעשה כהן בן

ווערט דער רוצח איינגאנצען ניט פארטריבען, פרעגט די גמרא, „מאי טעמא?" וואס איז די אורזאך? האט אביי געזאגט עס איז א קל וחומר, מאדאך דער וואס איז שוין פארטריבען פון לאנג, געהט ארויס, איז דאך א געוויס דאס דער וואס איז נאך ניט פארטריבען, זאל איינגאנצען ניט פארטריבען ווערען, פרעגט די גמרא, „ודילמא האי דגלה איכפר ליה", טאמער איז, דער וואס ווערט פאר־טריבען, ווערט איהם פארגעבען און דער וואס ווערט ניט פארטריבען האט ניט קיין כפרה? ענטפערט די גמרא, „מידי גלות קא מכפרה?" איז דען דער גלות מכפר? די מיתה פון כהן גדול איז מכפר: כ"ג) אין באצוג צו דער משנה וואס זאגט „אם עד שלא נגמר דינו וכו'", פרעגט די גמרא פון וואנען זיינען די רייד געדרונגען? האט רב כהנא געזאגט, דער פסוק זאגט אז דער רוצח זאל זיין דארט ביז די אבשטארבונג פון דעם כהן גדול וואס ער האט איהם געזאלבט מיט'ן הייליגען שמן, איז דאך די פראגע האט איהם דען דער רוצח געזאלבט? נאר וואס דען, מען מיינט, דער כהן גדול וואס איז געזאלבט געווארען אין זיין צייט, פרעגט ווידער די גמרא, „מאי הוה ליה למעבד?" וואס האט דער כהן גדול געקענט טהאן, דער פארברעכען איז דאך ניט בעגאנגען געווארען אין זיין צייט? ענטפערט די גמרא, „היה לו לבקש רחמים", ער האט געזאלט בעטען רחמים, דער אורטייל זאל האבען געענדיגט געווארען צו גוטען, און ער האט ניט געבעטען. כ"ד) אביי האט געזאגט, „נקטינן", מיר נעמען אן, אז אויב זיין אורטייל איז פארענדיגט און ער איז געשטארבען, פיהרט מען זיינע ביינער אהין, צוליעב דעם פסוק „לשוב לשבת בארץ עד מות הכהן", וואלט דאך בעדארפט שטעהן „לשוב לשבת בעיר", צו וואהנען אין שטאט מקלט, ווארשיינ־ליך קומט עס מרמז זיין אויף זיין לעצטען וואהנארט, וואס איז בארץ אין דער ערד. מיר האבען געלערענט אויב דער רוצח איז געשטארבען פאר דעם כהן גדול, פיהרט מען זיינע ביינער צו זיינע עלטערענס גראבען, צוליעב דעם פסוק, דער רוצח זאל צוריקקעהרען צו זיין ערבלאנד, און וועלכע הייסט זיין ערבלאנד? דאס איז אוודאי זיין עלטערענס גראבען. כ"ה) אויב ענדיגענדיג זיין אורטייל, „ונעשה כהן בן גרושה", איז דערווייל דער כהן געווארען א בן גרושה אדער א

גרושה או בן חלוצה פליגי בה רבי אמי ור' יצחק נפחא חד אמר מתה כהונה וחד אמר בטלה כהונה, לימא בפלוגתא דר"א ור' יהושע קאמיפלגי, דתנן היה עומד ומקריב על גב המזבח ונודע שהוא בן גרושה או בן חלוצה ר"א אומר כל קרבנות שהקריב פסולין ור' יהושע מכשיר. כ"ו) מאן דאמר מתה כר' יהושע ומאן דאמר בטלה כר' אליעזר (דף י"ב ע"א) אליבא דר"א כולי עלמא לא פליגי, כי פליגי אליבא דרבי יהושע, מאן דאמר מתה כר' יהושע ומ"ד בטלה עד כאן לא קאמר ר' יהושע התם

בן חלוצה, קריגען אין דעם רבי אמי און ר' יצחק נפחא, „חד אמר", איינער האלט די כהונה איז ווי געשטאָרבען דאַריבער ווערט דער רוצח ניט פאַרטריבען און איינער האלט די כהונה איז בטל געוואָרען, און עס איז גלייך ווי עס וואָלט קיין כהן גדול ניט געווען דאַריבער ווערט ער פאַרטריבען אויף אימער. פרעגט די גמרא, „לימא בפלוגתא", צו מוזען מיר זאָגען, דאָס זיי קריגען אין דער מחלוקת פון ר"א און ר' יושיע, „דתנן היה עומד ומקריב", דען מיר האָבען געלערענט אַז איינער איז געשטאַנען און מקריב געווען אויפ'ן מזבח, „ונודע", און מען האָט אויסגעפונען דאָס ער איז א בן גרושה אָדער א בן חלוצה, זאָגט ר' אליעזר דאָס אַלע קרבנות וואָס ער האָט מקריב געווען, זיינען פסול, און ר' יושיע איז מכשיר. כ"ו) יעצט, צו מוזען מיר זאָגען, „מאן דאמר מתה", דאָס דער וואָס האלט מתה, אַז עס איז ווי דער כהן גדול וואָלט יעצט געשטאָרבען, וואָס דער דין איז אַז דער רוצח ווערט ניט פאַרטריבען, איז ווי ר' יושיע האלט, ער דרש'ענט דעם פסוק „ברך ה' חילו ופועל ידיו תרצה", וואָס דער טייטש איז, ג־ט בענטש דעם כהן'ס פאַרמעגען און זיין ארבייט באַוויליג, דער אונטער־שיעד פון וואָרט חילו און פועל ידיו איז, חילו מיינט זיין פאַרמעגען וואָס ער האָט אַלס כהן ביי די קרבנות, לויט זיין גורל דאָס הייסט ניט קיין פאַרדינטע דען באמת איז ער ניט קיין כהן, לויט ווי מען האָט ערשט אויסגעפונען, און פועל ידיו מיינט זיין פאַרדינטע ווי זיין ארבייט, דאָס הייסט ווירקליך א כהן וואָס באַלאַנגט צו איהם די עבודה פון קרבנות, דרש'ענט ר' יושיע אַז משה האָט געמיינט צו בענשען דעם כהן, אַז ג־ט זאָל בענשען זיין צופעליגען פאַרמעגען ביז יעצט, דאָס הייסט די קרבנות וואָס ער האָט שוין געבראַכט, זאָלען זיין כשר, און ער זאָגט א סימן צו דער דרשה, חילו אפילו חללין,ביידע עהנליכע ווערטער, דען תורה שבעל פה האָט מען בעפאָר ניט געטאָרט שרייבען, האָבען די חכמים זיך געמאכט סימנים צו די דרשות ביי עהנליכע ווערטער, ווי דאָ, חילו חללין, און חללין מיינט דאָך די פסול'ע כהנים ווי א בן גרושה אָדער א בן חלוצה. און דער וואָס האלט אַז די כהונה איז בטל געוואָרען, דאָס הייסט, ער איז קיינ־מאָהל קיין כהן ניט געווען, און דאַריבער ווערט דער רוצח פאַרטריבען אויף אימער, דער האלט ווי ר' אליעזר וואָס דרש'ענט ניט דעם פסוק. „עד כאן לא קאמר", יעצט זאָגט די גמרא, מעגליך איז אנדערש. אז נאָך ר' אליעזר'ן, קריגען זיי ניט ווייל לויט ר' אליעזר'ן איז ער זיכער קיינמאָהל קיין כהן ניט געווען און זיין עבודה איז געווען פסול נאָך פריהער, נאָר זיי קריגען נאָך ר'

דכתיב (דברים ל"ג) ברך ה' חילו ופועל ידיו תרצה אפילו חללין שבו אבל הכא אפילו ר' יהושע מודה: א) נגמר דינו וכו': אמר רב יהודה אמר רב שתי טעיות טעה יואב באותה שעה דכתיב (מ"א ב') וינס יואב אל אהל ה' ויחזק בקרנות המזבח, טעה, שאינו קולט אלא גגו, והוא תפס בקרנותיו, טעה, שאינו קולט אלא מזבח בית עולמים, והוא תפס מזבח של שילה, אביי אמר בהא נמי מיטעא טעה, טעה, שאינו קולט אלא כהן ועבודה בידו, והוא זר היה. ב) אמר ריש לקיש שלש טעיות עתיד שרו של אדום לטעות דכתיב (ישעי' ס"ג) מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה, טעה, שאינו קולטת אלא בצר והוא גולה לבצרה,

---

יושיע'ס געדאנק, דער וואס האלט מתה, ווי דער כהן וואלט יעצט געשטארבען, אבער פריהער איז ער געוועזען א געזעצליכער כהן, איז ווי ר' יושיע, און דער וואס האלט בטלה, אז עס איז אינגאנצען בטל נאך פון פריהער, זאגט אזוי, עס קען זיין אז ר' יושיע איז אייינשטימיג מיט מיר, דען מיין געדאנק איז, „עד כאן לא קאמר", אז ווען זאגט ר' יושיע אז פריהער איז זיין עבודה געוועזען כשר, נאר דארט, ווייל ער האט א פסוק, אבער דא איז ניט פאראן קיין פסוק, איז ר' יושיע מודה, בלייבט עס, דאס זיין כהונה איז נאך געוועזען פסול פון פריהער, קומט אויס, דאס דער רוצח איז פאראורטיילט געווארען, אין דער צייט אהן א כהן, וואס דער דין איז, דאס ער געהט אין גלות אויף שטענדיג. א) רב יודא האט געזאגט פון רב'ס וועגען דאס צוויי אירטומס האט יואב געמאכט אנטלויפענדיג צום מזבח, ווי דער פסוק זאגט יואב איז אנטלאפען צו ג-ט'ס געצעלט און ער האט זיך דארט אנגעכאפט אין די הארנס פון מזבח, איין אירטום איז, „שאינו קולט אלא גגו", דאס דער מזבח באשיצט ניט, סיידען עס איז אויפ'ן דאך און יואב האט זיך אנגעהאלטען אן די ווינקלען. נאך איין אירטום „שאינו קולט אלא בית עולמים", עס באשיצט ניט נאר דער מזבח פון בית המקדש, און יואב האט דאס געטאן אין שילה, אביי זאגט נאך איין זאך האט ער זיך טועה געוועזען, „שאינו קולט אלא כהן", עס באשיצט ניט נאר א כהן אין צייט פון עבודה, און יואב איז דאך געוועזען א זר. ב) ריש לקיש האט געזאגט דריי אירטומס, איז אנגעברייט דעם שר פון אדום צו מאכען, (אדום מיינט די רוימישע אימפעריע און די מעכטע וואס זיינען ענטשטאנען פון איהר און בצרה מיינט זייער רעליגיע שטאט מיט איהר הויפט, וואס האלט אלע נוצרים צוזאמען ווי א פעסטונג, כאטש פארשידענע מלוכות, דער פסוק זאגט „מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה", דער נביא באוואונדערט ווען ער זעהט ג-ט מיט'ן מדת הדין קומט פון אדום און בצרה, מיט געפארבטע קליידער, דאס מיינט פארשמירט מיט בלוט נעמענדיג נקמה פון אדום, פאר צרות ישראל וואס זיי טהוען; וואס ער רופט עס בצרה, איז ער דא מרמז, דאס ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען, און מען וועט נעמען די אומות העולם צו פעראנטווארטליכ־קייט, וועלען זיי טענה'ן, דאס זיי האבען ניט געוואוסט די וויכטיגקייט פון אידען, און אז עס איז אזא פארברעכען זיי צו שלאגען, דאן וועלען זיי טענה'ן דאס

טועה שאינו קולטת אלא שוגג והוא מזיד היה, טועה שאינו קולטת אלא אדם, והוא מלאך הוא. ג) אמר ר׳ אבהו ערי מקלט לא נתנו לקבורה דכתיב ומגרשיהם יהיו לבהמתם ולרכושם ולכל חייתם, לחיים נתנו ולא לקבורה. ד) מיתיבי, שמה, שם תהא דירתו שם תהא מיתתו שם תהא קבורתו? רוצח שאני דגלי ביה רחמנא: ה) כשם שהעיר קולטת וכו׳ ורמינהו וישב בה בה ולא בתחומה? אמר אביי לא קשיא כאן לקלוט

דער שר וואָס איז דער יצר הרע האָט זיי אזוי אָנגערעדט, די פעלקער וועלען דאמאָלסט זיין פאראייניגט אונטער דער פאָהן און הויפּט פון זייער רעליגיע וואָס הייסט בצרה, און זייער שר מיינענדיג צו רעטען וועט זיך אריינלאָזען אין פּלפול דאָס אומר מותר איז א אנוס, און די אומות העולם האָבען געמיינט דאָס מען מעג שלאָגען אידען דאריבער זאָלען זיי באטראכט ווערען ווי א שוגג, וואָס די תורה האָט געגעבען רשות זיך צו רעטען אין דער שטאָט בצר, און דער אמת איז, דאָס נאָר בצר קען רעטען, ווייל נאָר צו אידען האָט די תורה געגעבען דאָס, אָבער ניט קיין בן נח וואָס זייער שטאָט הייסט בצרה. דאן איז דער צווייטער טעות מיינענדיג דאָס זיי האָבען דעם דין פון א שוגג, דער אמת איז דאָס א בן נח ביי אומר מותר איז א מזיד אפילו נאָך אביי, אויבען רף ט׳ ע״א ע״ב, דאן איז דער דריטער טעות, וואָס אפילו ביי אידען העלפּט ניט די טענה דאָס דער יצר הרע האָט איהם אָנגערעדט נאָר מען משפט זיי אין איינעם, איז נאָר אויף דער וועלט קען זיך א מענש רעטען ניט ביים יום הדין הגדול קען זיך דער מלאך ניט רעטען. ג) ר׳ אבהו האָט געזאָגט די ערי מקלט זיינען ניט געגעבען געוואָרען צו מאכען אין זיי בית הקברות, דען דער פסוק זאָגט דאָס זייערע פעלצער זאָלען זיין פאר זייערע בהמות און אינוועגטאר און פאר זייערע אלעס וואָס לעבט, לערען איך דאָס נאָר פאר לעבען אָבער ניט פאר טויטע צו זייער באַגראָבען. ד) זאָגט די גמרא איך וועל דיך א קשיא פרעגען? מיר האָבען געלערענט דער פסוק זאָגט, „שמה״, דער אונטערשיעד פון שם צו שמה, איז דאָס שמה מיינט שם יהיה, דאָס הייסט מיט אלע ענינים זאָל ער זיין דאָרט, זיין דירה, זיין מיתה און זיין קבורה אליץ דאָרט, וואָס דען זאָגסטו אז נאָר לעבען אָבער ניט קיין קבורה? ענטפערט די גמרא, „רוצח שאני״, א רוצח איז עטוואָס אנדערש, „דגלי ביה רחמנא״, די תורה האָט עם עקסטרא ארויסגעזאָגט. ה) אין באצוג צו דער משנה וואָס זאָגט אז די שטאָט ביז צו איהרע גרעניצען רעטען דעם רוצח, „ורמינהו״, זאָגט די גמרא וועל איך דיר א קשיא פרעגען? דער פסוק זאָגט, „וישב בה״, דער רוצח זאָל זיצען אין איהר, לערען איך, „בה ולא בתחומה״, דאָס נאָר אין איהר אליין אָבער ניט ביז צו איהרע גרעניצען, וואָס דען זאָגסטו, ביז צו איהרע גרעניצען? האָט אביי געענטפערט, „כאן לדור״ דאָס איינס מיינט צו וואָהנען, „כאן לקלוט״, און איינס צו רעטען, דען רעטען קען מען זיך ביז צו די גרעניצען. פרעגט ווידער די גמרא, „לדור תיפוק ליה״, אויב וואָהנען, קענסט דיר דאָך דרינגען דאָס מען טאָר ניט נאָר אין שטאָט? דען מיר האָבען געלערענט דאָס מען טאָר ניט מאכען פון א פעלד א מגרש און

כאן לדור, לדור תיפוק ליה דאין עושין שדה מגרש ולא מגרש שדה, לא מגרש עיר ולא עיר מגרש? אמר רב ששת לא נצרכה אלא למחילות: ו) רוצח שיצא חוץ לתחום וכו' ת"ר ורצח גואל הדם את הרוצח מצוה ביד גואל הדם, אין גואל הדם רשות ביד כל אדם, דברי ר' יוסי הגלילי ר' עקיבא אומר רשות ביד גואל הדם וכל אדם חייבין עליו, מאי טעמא דר' יוסי הגלילי מי כתיב אם רצח? ור' עקיבא מי כתיב ירצח? ז) אמר מר זוטרא בר טובי' אמר רב, רוצח שיצא חוץ לתחום ומצאו גואל הדם והרגו נהרג עליו, כמאן? לא כר' יוסי הגלילי ולא כר"ע? הוא דאמר כהאי תנא דתניא ר' אליעזר אומר עד עמדו לפני העדה למשפט מאי ת"ל לפי שנאמר ורצח גואל הדם את הרוצח, יכול מיד ת"ל עד

פון א מגרש א פעלד, פון א מגרש א שטאָט פון א שטאָט א מגרש, און די מגרשים זיינען דאָך ארום דער שטאָט אלס אומבעארבייטע פּלעצער? האָט רב ששת געזאָגט, „לא נצרכה אלא", ער דאַרף ניט לאָזען הערען נאָר פאַר אונטערערדיש דאָס אפילו דאָרט וואו זיי מאכען ניט קאַליע די מגרשים, טאָרען זיי אויך ניט וואָהנען. ו) אין באצוג צו דער משנה, „רוצח שיצא חוץ לתחום וכו'", ברענגט די גמרא די ברייתא אלס א באשייד, „תנו רבנן", די רבנן האָבען געלע־רענט דער פסוק זאָגט, אויב דער רוצח געהט ארויס פון עיר מקלט און דער גואל הדם טרעפט איהם און דער גואל הדם הרג'עט איהם, איז קיין שטראָפע. זאָגט ר' יוסי הגלילי אַז די ווערטער „ורצח גואל הדם", מיינט דאָס דער קרוב וועט הרג'ענען דעם רוצח על פי מצוה, דען צוליעב דעם ווערט ער גערופען דער אויסלייזער פונ'ם בלוט, און ווען עס וואָלט געמיינט א רשות, וואָלט געשטאַנען „ואם רצח גואל הדם", דאָס הייסט אויב דער גואל הדם וועט איהם הרג'ענען, א פרעמדער איז א רשות, דאָס הייסט דער פרעמדער קען זיך אויך מאכען פאַר'ן גואל הדם דען עס שטעהט נאָך אמאָהל אין פסוק גואל הדם צו לאָזען הערען, דאָס ווער עס נעמט זיך אָן, ווערט ער דער גואל הדם. ר' עקיבא זאָגט, דאָס אפילו ביים גואל הדם איז עס אויך א רשות ניט קיין מצוה, דען ווען עס וואָלט געווען א מצוה, וואָל געשטאַנען וירצח וואָס איז א געבאָט, דען עס איז אָנגע־נומען דאָס די תורה פאַרשטעלט ניט איהרע רייד, וואו עס קען זיין א טעות, א פרעמדער אָבער איז חייב פאַר איהם. ז) מר זוטרא האָט געזאָגט פון רב'ס וועגען, א רוצח וואָס איז אַרויס אויסער די גרעניצען פון עיר מקלט, און דער גואל חדם טרעפענדיג איהם האָט איהם גע'הרג'עט, ווערט ער גע'הרג'עט פאַר איהם, „כמאן?" ווי ווער וועט דאָס אויסקומען? ניט ווי ר' יוסי הגלילי און ניט ווי ר' עקיבא? ענטפערט די גמרא עס וועט אויסקומען ווי דער תנא, מיר האָבען געלערענט ר' אליעזר זאָגט, עס שטעהט „עד עמדו לפני העדה למשפט", דאָס דער גואל הדם טאָר ניט הרג'ענען ביז דער רוצח שטעהט פאַר א משפט, וואָס מיינט דאָס? איז ווייל עס שטעהט דאָס דער גואל הדם מעג איהם הרג'־ענען וואָלט איך מיינען באלד לאָזט ער מיר הערען אין פסוק ביז זיין שטעהן צו משפט. אָט די שיטה פון ר' אליעזר'ן מיינט דאָס רב, דאָס פאַר'ן משפט

עמדו לפני העדה למשפט. ח) ור' יוסי ור"ע האי עד עמדו לפני העדה למשפט מה דרשי ביה? ההוא מבעי ליה לכדתניא ר' עקיבא אומר מניין לסנהדרין שראו אחד שהרג את הנפש שאין ממיתין אותו עד שיעמוד בב"ד אחר תלמוד לומר עד עמדו לפני העדה למשפט עד שעמד בבית דין אחר. ט) ת"ר אם יצא יצא הרוצח אין לי אלא במזיד בשוגג מנין תלמוד לומר אם יצא יצא מכל מקום, והתניא וההורגו במזיד נהרג בשוגג גולה? לא קשיא הא כמאן דאמר אמרינן דברה תורה כלשון בני אדם, הא כמאן דאמר לא אמרינן דברה תורה כלשון בני אדם. י) אמר אביי מסתברא כמאן דאמר דברה תורה כלשון בני אדם שלא יהא סופו חמור

טאָר ער איהם ניט הרג'ענען. ח) פרעגט די גמרא אויף ר' יוסי און ר' עקיבא, וואָס דרש'ענען זיי פון דעם פסוק „עד עמדו לפני העדה למשפט"? ענטפערט די גמרא זיי דארפען דעם פסוק אויף וואָס מיר האָבען געלערענט, ר' עקיבא זאָגט פון וואנען איז געדרונגען, דאָס אויב סנהדרין אליין האָבען געזעהן ווי איינער האָט גע'הרג'עט א נפש, דאָס זיי טאָרען איהם ניט הרג'ענען ביז ער ווערט גע'משפט פון אן אנדער בית דין, עס שטעהט אין פסוק עד עמדו לפני העדה למשפט, דאָס מיינט ביז ער שטעהט פאר אן אנדער בית דין צו א משפט. ט) די רבנן האָבען געלערענט, „אם יצא יצא הרוצח", אויב דער רוצח וועט ארויסגעהן און דער גואל הדם באגעגענענדיג איהם ,וועט איהם הרגע'נען, קומט איהם קיין שטראפע, „אין לי אלא במזיד", וויים איך ניט נאָר דעם פאַל אויב ער געהט ארויס במזיד, „בשוגג מנין", פון וואנען קען איך דרינגען אויף א שוגג? „תלמוד לומר", זאָגט דער פסוק א טאָפעלטען לשון „יצא יצא" צו ציי־גען אויף אַלענפאלס, דאָס זאָגאר שוגג איז קיין שטראפע, פרעגט די גמרא והתניא" מיר האָבען דאָך געלערענט אויב א גואל הדם הרג'עט דעם שוגג במזיד קומט איהם מיתה און בשוגג קומט איהם גלות? און דו לערענסט ארויס פון יצא יצא אַז עס קומט איהם קיין שטראָפע? ענטפערט די גמרא עס איז קיין קשיא ניט, „הא כמאן דאמר", די צווייטע ברייתא לערענט ניט ארויס פון דאָבעל לשון יצא יצא ווייל זי האלט, די תורה האָט איהר שטייגער צו רעדען מיט א דאָבעל לשון, ווי מענשען רעדען, און די ערשטע ברייתא האלט ווייל עס איז דאָ א צווייפעל אויף א שוגג זאָג איך אַז די תורה פארשטעלט ניט איהרע רייד, און געווים מיינט דער דאָבעל לשון אויך אריינצונעמען א שוגג, און דאריבער ספעציעל דאָ זאָג איך ניט, דאָס די תורה רעדט דאָבעל ווערטער ווי מענשען, (אלע וואָס האלטען די שיטה לא דברה תורה כלשון בני אדם איז צוליב א סברה). י) אביי האָט געזאָגט, „מסתברא", די סברא גיט מיט, ווי דער וואָס האלט „דברה תורה"; דאָס די תורה רעדט מיט א שטייגער ווי מענשען מיט דאָבעלטע ווערטער, „שלא יהא סופו חמור מתחלתו", ווייל זיין סוף דארף ניט הארבער זיין ווי זיין אָנפאנג, פונקט ווי זיין אָנפאנג איז געווען די שטראפע פאר מזיד מיתה און פאר שוגג גלות, אזוי אויך זיין ענד, אז מען הרג'עט איהם פאר זיין ארויסגעהן

מתחלתו, מה תחלתו במזיד נהרג בשוגג גולה אף סופו במזיד נהרג בשוגג גולה. י״א) תני חדא אב שהרג בנו נעשה לו גואל הדם, ותניא אידך אין בנו נעשה לו גואל הדם, לימא הא ר׳ יוסי הגלילי והא ר״ע? י״ב) ותסברא? בין למאן דאמר מצוה, בין למאן דאמר רשות, מי שרי? והאמר רבה בר רב הונא, וכן תנא דבי רבי ישמעאל לכל אין הבן נעשה שליח לא להכותו ולקללתו חוץ ממסית שהרי אמרה תורה (דברים י״ג) לא תחמול ולא תכסה עליו? אלא לא קשיא הא בבנו והא בבן בנו: י״ג) מתני׳. אילן שהוא עומד בתוך התחום ונופו נוטה חוץ לתחום או עומד חוץ לתחום ונופו נוטה בתוך התחום, הכל הולך אחר הנוף. י״ד) גמ׳. ורמינהו אילן שהא עומד (בתוך הפנים, ונוטה לחוץ או עומד

אומגערען, דארף זיין פאר מזיד מיתה און פאר שוגג גלות, ניט הפקר און הארבער זאל זיין דעם רוצח׳ס לאגע ווען ער געהט ארויס אומגערען פון זיין עיר מקלט. אט צוליב די סברה זאג איך גיכער דברה תורה, און איך לערען גארניט ארויס פון די דאבעל ווערטער „יצא יצא״. י״א) „תני חדא״, איין ברייתא לערענט, אויב א פאטער הרג׳עט זיין זוהן, ווערט דער צווייטער זוהן צו איהם א גואל הדם, „ותניא אידך״, און א צווייטע ברייתא לערענט, דאס דער צווייטער זוהן ווערט ניט צו איהם א גואל הדם. אויף דעם פרעגט די גמרא, „לימא״, צו קענען מיר זאגען דאס די ברייתא וואס האלט אז דער צווייטער זוהן ווערט דער גואל הדם, קומט אוים ווי ר׳ יוסי הגלילי, וואס זאגט אויבען אז א אייגענעם איז א מצוה, און די צווייטע ברייתא, אז ניט, קומט ווי ר׳ עקיבא וואס האלט, אז עס איז ארשות? י״ב) „ותסברא?״ ווי פארשטעהסט דו איז עס? עס איז דאך קיין אונטערשיעד, סאי נאך דעם מאן דאמר וואס האלט מצוה און סאי נאך דעם וואס זאגט רשות, „מי שרי?״ מעג דען דער זוהן טהאן אזא זאך? רבה בר רב הונא האט דאך געזאגט, און אזוי איז אויך געלערענט געווארען ביי רבי ישמעאל, „לכל אין הבן נעשה שליח״, אז צו קיין שום זאך קען א זוהן ניט ווערען א שליח צו שלאגען אדער אן אנדער שענדליכקייט צוטיילען צו זיין פאטער, אויסער ווען ער איז א מסית א צורעדער צו עבודה זרה, ווייל ביי דעם זאגט די תורה ריין, זאלסט דיך ניט דערבארעמען אויף איהם און צודעקען זיינע פארברעכענס? „אלא לא קשיא״, נאר זאגט די גמרא, עס איז ניט קיין קשיא, „הא בבנו הא בבן בנו״, די ברייתא וואס זאגט אז זיין זוהן ווערט צו איהם א גואל הדם, מיינט עס דעם גע׳הרג׳עטען׳ס זוהן און די אנדערע ברייתא וואס זאגט אז ניט, מיינט עס דער צווייטער זוהן. י״ג) משנה. א בוים וואס שטעהט אין דער גרעניץ פון דער שטאט, און זיינע צווייגען גרייכען אויסער די גרעניץ, אדער ער שטעהט אויסער דער גרעניץ און זיינע צווייגען גרייכען אריין אין דער גרעניץ, זאגען מיר אז אלעס געהט נאך די צווייגען, און עס ווענדעט זיך ווי דער רוצח שטעהט. י״ד) גמרא. „ורמינהו״, איך וועל דיר א קשיא פרעגען מיר האבען געלערענט, (ביי מעשר שני), א בוים וואס שטעהט אינוויינג פון דער וואנד ארום ירושלים און זיינע צווייגען גרייכען ארויס פון דער וואנד,

בחוץ ונוטה לפנים, מכנגד החומה ולפנים כלפנים מכנגד החומה ולחוץ כלחוץ? ט"ו) מעשר אערי מקלט קא רמית? מעשר בחומה תלה רחמנא, ערי מקלט בדירה תלה רחמנא בנופו מיתדר ליה, בעיקרו לא מיתדר ליה. ט"ז) ורמי מעשר אמעשר דתניא בירושלים הלך אחר הנוף בערי מקלט הלך אחר הנוף? אמר רב כהנא לא קשיא, הא רבי יהודה והא רבנן דתניא (דף י"ב ע"ב) ר' יהודה אומר במערה הלך אחר פתחה באילן הולך אחר נופו. י"ז) אימור דשמעת ליה לרבי יהודה גבי מעשר, לחומרא, ועיקרו בחוץ ונופו בפנים, כי היכי דבנופו לא מצי פריק בעיקרו נמי לא מצי פריק, עיקרו מבפנים ונופו מבחוץ כי

אָדער דער בוים שטעהט אויסוויינינ און זיינע צווייגען גרייכען אריין, איז דער דין, די צווייגען געגען דער וואנד צו אינוויינינ איז ווי אינוויינינ, און פון געגען דער וואנד צו אויסוויינינ איז ווי אויסוויינינ, זעהסטו דאָך אזוי גוט אז מען ווארפט ניט דעם שטאם נאָך די צווייגען, אָדער די צווייגען נאָכ'ן שטאם? ט"ו) ענטפערט די גמרא אין א פראגע וועג, „מעשר אערי מקלט קא רמית?" דו פרעגסט פון מעשר אויף ערי מקלט? „מעשר בחומה תלה רחמנא", ביי מעשר ווענדעט זיך אין דער וואנד, „ערי מקלט בדירה תלי", ביי ערי מקלט איז אָנהענגינג אין וואוינען, איז געוועהנליך „בנופו מיתדר", איז אויף צווייגען איז וואוינבאר און א שטאם איז ניט וואוינבאר. ט"ז) „ורמי מעשר אמעשר?" איך וועל דיר פרעגען פון מעשר אויף מעשר? מיר האָבען געלערנט אז אין ירושלים איז א בוים אָבהענגינג נאָך די צווייגען געגען מעשר שני, ביי ערי מקלט געהט אויך נאָך די צווייגען. זעהסטו דאָך אז געגען מעשר ווערט אויך געוואָרפען דער שטאם נאָך די צווייגען? זאָגט רב כהנא עס איז ניט קיין קשיא, „הא רבי יודא" די ברייתא ווי אויך די היגע משנה קומט אוים ווי ר' יודא, און די משנה וואָס רעכענט לויט דער וואנט פון ירושלים קומט ווי די רבנן. און דער ענטפער פון פריהער פאַלט אוועק, און דאָ איז די ברייתא פון ר' יודא וואָס איז געלערענט געוואָרען, ר' יודא זאָגט ביי א הייל געהט דער דין נאָך די עפענונג און ביי א בוים נאָך זיינע צווייגען. י"ז) פרעגט די גמרא, דו זעצט איין ביידע, מעשר מיט ערי מקלט, אז מען ריכטעט זיך נאָך די צווייגען, ווי ר' יודא? איך קען דאָך זאָגען, „אימר דשמעית ליה", ווען האָט דאָס ר' יודא געלאָזט הערען, ביי מעשר, „לחומרא", ווייל ער געהט צו שטרענגקייט, צום ביישפיל „עקרו בחוץ", ווען דער שטאם איז אויסוויינינ און די צווייגען אינוויינינ, געהט ער שטרענגער און זאָגט, „כי היכי", פונקט ווי ביי די צווייגען קען ער די פרוכט ניט אויסלייזען דען די אינוויינינסטע פרוכט אלם מעשר שני מוז מען אויפעסען אין ירושלים, אזוי אויך ביים שטאם כאָטש ער איז אויס־וויינינ. און אזוי אויך פאַרקערט, „עקרו מבפנים", ווען דער שטאם איז אינ־וויינינ און די צווייגען אויסוויינינ געהט ר' יודא אויך לחומרא און זאָגט, כי היכי דבנופו", פונקט ווי ביי די צווייגען קען ער ניט עסען די פרוכט ביז ער לייזט אוים, (דען אויסוויינינ מוז מען אויסטוישען די מעשר אויף געלד),

היכי דבנופו לא מצי אכיל בלא פדייה בעקרו נמי לא מצי אכיל בלא פדייה. י״ח) אלא גבי ערי מקלט בשלמא עיקרו בחוץ ונופו בפנים. כי היכי דבנופו לא מצי קטיל ליה בעיקרו נמי לא מצי קטיל ליה אלא עיקרו בפנים ונופו בחוץ כי היכי דבנופו מצי קטיל ליה בעיקרו נמי מצי קטיל ליה הא גואי קאי? י״ט) אמר רבא בעיקרו דכולי עלמא לא פליגי, דלא מצי קטיל, קאי בנופו ויכול להרגו בחיצים ובצרורות דכולי עלמא לא פליגי דמצי קטיל ליה כי פליגי במיהוי

אזוי אויך ביי דעם שטאם געהט ער שטרענגער, צו זאָגען דאָס מען טאָר ניט עסען די פרוכט אָהן אויסלייזונג, קומט דאָך אויס אז איןביידע פעלע קען ר׳ יודא געהן להומרא ביי מעשר. י״ח) „אלא״, אָבער ביי ערי מקלט קען איך דאָך ניט זאָגען אין ביידע וועגען נאָך ר׳ יודא לחומרא, „בשלמא״, ווען דער שטאָם איז אויסוויינינג און די צווייגען אינוויינינג, קען איך זאָגען לחומרא, „כי היכי״, אז פונקט ווי ביי די צווייגען טאָר איהם דער גואל הדם ניט הרג׳ענען (ווייל זיי זיינען דאָך אינוויינינג) אזוי אויך אויפ׳ן שטאָם טאָר ער איהם ניט הרג׳ענען, „אלא״, ווען אָבער פאַרקערט דער שטאָם איז אינוויינינג און די צווייגען אויסוויינינג, און איך זאָל זאָגען „כי היכי״, פונקט ווי ביי צווייגען מעג ער איהם הרג׳ענען, אזוי אויך אויפ׳ן שטאָם, איז דאָך די קשיא, „הא גואי קאי״, דער שטאָם איז דאָך אינוויינינג? וואָרום זאָל ער איהם מעגען הרג׳ענען, און אויב יאָ, קומט דאָך עס אויס צו זאָגען לקולא דאָס הייסט צו גרינקייט? און ווי האָט מען דאָס געהערט פון ר׳ יודא? י״ט) רבא ענטפערט, עס בלייבט טאקע ווי געענטפערט אז איינס ווי ר׳ יודא און איינס ווי די רבנן, דען נאָך די רבנן וואַרף איך ניט די צווייגען נאָכ׳ן שטאָם און ניט דעם שטאָם נאָך די צווייגען ניט ביי מעשר און ניט ביי ערי מקלט נאָר עס געהט לויט דער חומה פון ירושלים, און ר׳ יודא קריגט און זאָגט אז איך וואַרף דעם שטאָם נאָך די צווייגען סאַי ביי מעשר סאַי ביי ערי מקלט, אי וואָס דו פרעגסט טאָמער געהט ר׳ יודא נאָר לחומרא, קומט דאָך אויס ביי ערי מקלט, וואו דער שטאָם איז אינוויינינג און די צווייגען אויסוויינינג, און אויב איך וועל וואַרפען דעם שטאָם נאָך די צווייגען, וועט עס דאָך זיין לקולא דאָס ער דער גואל הדם מעג איהם הרג׳ענען אפילו אינוויינינג אויפ׳ן שטאָם? אויף דעם זאָגט דאָס רבא „בעקרו דכולי עלמא לא פליגי״, אז ווען דער מערדער שטעהט אויפ׳ן שטאָם קריגט קיינער ניט, „דלא מצי קטיל לי״, אז ער טאָר איהם ניט הרג׳ענען, „קאי בנופו״, און אויב ער שטעהט אויף די צווייגען, און ער קאָן איהם הרג׳ענען מיט פיילען אָדער שטיקער ערד, קריגט קיינער ניט דאָס ער מעג איהם הרג׳ענען, נאָר ווען קריגען זיי, „במיהוי עקרו דרגא לנופו״, אויב דער שטאָם איז ווי א לייטער צו די צווייגען, האלט ר׳ יודא אז דער גואל הדם מעג אינוויינינג ארויף דורכ׳ן שטאָם צו די צווייגען און איהם הרג׳ענען פונקט ווי ער זאָגט ביי די מערה אז אלעס נעהט נאָך די טיער, און די רבנן האלטען ניט דעם שטאָם ווי א לייטער, אזא קולא האלט ר׳ יודא אויך דען עס איז דאָ א סברה צו איהר. רב אשי זאָגט דאָס

עיקרו דרגא לנופו, מר סבר הוי עיקרו דרגא לנופו, ומר סבר לא הו עיקרו דרגא לנופו. רב אשי אומר מאי אחר הנוף אף אחר הנוף. כ) **מתני'.** הרג באותה עיר גולה משכונה לשכונה, ובן לוי גולה מעיר לעיר: כ"א) **גמ'.** תנו רבנן (שמות כ"א) ושמתי לך מקום וגו' ושמתי לך בחייך מקום ממקומך אשר ינום שמה מלמד שהיו ישראל מוגלין במדבר, להיכן מגלין למחנה לויה מכאן אמרו בן לוי שהרג גולה מפלך לפלך ואם גלה לפלכו פלכו קולטו, אמר רב אחא בריה דרב איקא מאי קרא (במדבר ל"ה) כי בעיר מקלטו ישב עיר שקלטתו כבר: כ"ב) **מתני'.** כיוצא בו רוצח שגלה לעיר מקלטו, ורצו אנשי העיר לכבדו, ואמר להם רוצח אני, אמרו לו אף על פי כן יקבל מהם שנאמר (דברים י"ט) וזה

וואָס זאָגט זיך אין דער משנה און אין דער ברייתא אחר הנוף מיינט עס גם אחר הנוף, ווי אויך נאָך די צווייגען, דאָס הייסט נאָך בײדע נאָך, וואו דער שטאָם איז לחומרא געה איך נאָכ'ן שטאָם, און וואו די צווייגען זיינען לחומרא געה איך אויך נאָך די צווייגען, אזוי איז ר' יודא'ס שיטה: כ) משנה. אויב דער רוצח וואָס איז אין עיר מקלט, האָט אין דער שטאָט ווידער גע'הרג'עט אימיצען אומגערען, ווערט ער פאַרטריבען פון דער גאַס אין אַן אנדערע גאַס וויל פון דער שטאָט טאָר ער דאָך ניט אַרויס, און אַ לוי ניט קיין געוועזענער רוצח האָט גע'הרג'עט אימיצען אומגערען ווערט ער פאַרטריבען אין אַן אנדערע שטאָט: כ"א) גמרא. די רבנן האָבען געלערענט, דער פסוק זאָגט, „ושמתי לך מקום", איך וועל מאַכען פאַר דיר אַ פּלאַץ, איז דאָך די פראַגע, איז עס דען משה'ס פּלאַץ? נאָר ג-ט איז איהם דאָ מרמז אַז די ערי מקלט וועלען זיין די לוים'ס שטעט און אַז ער אַליין וועט נאָך אבשיידען ביי זיין לעבען ערי מקלט, און אַז דערווייל וועלען די רוצחים אין דער מדבר פאַרטריבען ווערען אין מחנה לויה, דאָס איז וואָס ער זאָגט אין דער ברייתא דאָ. „מלמד שהיו ישראל מגלין במדבר" אַז עס קומט אָנלערנען אַז די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין דער מדבר, און וואו זיינען זיי געוואָרען אין גלות? אין מחנה לויה, „מכאן אמרו", פון דאנען דרינגט מען, דאָס אַ בן לוי ווערט פאַרטריבען פון שטאָט צו שטאָט, „ואם גלה לפלכו", און אויב ער ווערט פאַרטריבען אין זיין שטאָט נעמט זי איהם צו; האָט רב אחא דער זוהן פון רב איקא געזאָגט פון וועלכען פסוק איז דאָס גערדרונגען? „כי בעיר מקלטו ישב", דאָס ער זאָל זיצען אין זיין מקלט שטאָט, דאָס מיינט זיין אייגענע שטאָט, נעמט איהם אויך צו, און עס מיינט אויך אויף אַ רוצח ישראל דאָס זיין שטאָט נעמט איהם צו פון איין שכונה צו דער אַנדערע שכונה: כ"ב) משנה. נאָך אַזא גלייכונג זאָגט די משנה אַ רוצח וואָס איז פאַרטריבען אין זיין מקלט שטאָט וואו מען קען איהם שוין דאָרט, און דאדורך ווילען איהם די מענשען פון שטאָט געבען כבוד, זאָל ער זיי זאָגען איך בין אַ רוצח, אויב זיי האָבען איהם געענטפערט פונדעסטוועגען, דאַן מעג ער ביי זיי צונעמען, ווי דער פסוק זאָגט „וזה דבר הרוצח", איז דאָך גענוג עס זאָל שטעהן וזה דברו דאָס איז זיינע רייד, וואָס דאַרף ער נאָך אמאָהל

דבר הרוצח. (דף י״ג ע״א) א) מעלים היו שכר ללוים דברי ר׳ יהודה רבי מאיר אומר לא היו מעלים להם שכר, וחוזר לשררה שהיה בה דברי רבי מאיר ר׳ יהודה אומר לא היה חוזר לשררה שהיה בה: ב) גמ׳. אמ רב כהנא מחלוקת בשש דמר סבר לכם לקליטה ומר סבר לכם לכל צרכיכם, אבל במ׳ ושתים דברי הכל היו מעלים להם שכר, אמר ליה רבא הא ודאי לכם לכל צרכיכם משמע? ג) אלא אמר רבא מחלוקת בארבעים ושתים דמר סבר ועליהם תתנו כי הנך לקליטה, ומר סבר ועליהם תתנו כי הנך מה הנך לכל צרכיהם אף הני נמי לכל צרכיהם, אבל בשש דברי הכל לא היו מעלים להם שכר: ד) חוזר לשררה שהיה בה וכו׳: ת״ר (ויקרא כ״ה) ושב אל משפחתו ואל אחוזת אבותיו ישוב, למשפחתו הוא שב ואינו שב למה שהחזיקו אבותיו דברי ר׳ יהודה ר׳ מאיר אומר

באטאַנגען הרוצח, נאָר דאָס מיינט, די רייד ,זאָלען זיין פון רוצח, אַלס אויפ־מערקזאמקייט וואָס ער איז. א) די רוצחים האָבען געמוזט געבען שכר צו די לוים פאַר זייער אויפהאַלט אזוי האלט ר׳ יודא און ר׳ מאיר זאָגט אז זיי האָבען ניט געצאָהלט, דער רוצח ווען ער געהט אהיים געהט ער צוריק צו זיין שררה־שאפט וואָס ער האָט אָנגעהאלטען פריהער, אזוי האלט ר׳ מאיר, ר׳ יודא זאָגט אז ער געהט ניט צוריק צו זיין שררה׳שאפט: ב) גמרא. רב כהנא האָט געזאָגט די מחלוקת צו מען גיט שכר צו די לוים צו ניט, „מחלוקת בשש״, איז נאָר ביי די זעקס שטעהט, ווייל עס שטעהט אין פסוק „והיו לכם הערים למקלט״, די שטעט זאָלען זיין פאַר אייך אריינצונעמען, האלט איינער דאָס „לכם״ מיינט פאַר אייך אריינצונעמען, און איינער האלט פאַר אייך מיינט פאַר אַלע אייער געברויך, אָבער ביי די איבעריגע צוויי און פיערציג שטעט האלטעןביידע דאָס זיי האָבען יאָ געגעבען שכר, האָט רבא געזאָגט צו זיי, דאָס איז דאָך זיכער דאָס לכם מיינט פאַר אַלע אייער געברויך? און ווי קען זיין די סברה פון דעם וואָס האלט אז מען גיט שכר דאפיר. ג) „אלא״ האָט רבא געזאָגט אַז די מחלוקת איז ביי די צוויי און פיערציג שטעט, איינער האלט, אזוי ווי דער פסוק זאָגט, „ועליהם תתנו״, אַז אויף די זעקס שטעט זאָלט איהר געבען נאָך צוויי און פיערציג שטעט, טייטש איך זיי זאָלען זיין ווי די אריינצונעמען, און איינער האלט אַז מען מיינט אַזוי ווי די ממש, פונקט ווי די זיינען צו אַלע אייער געברויך אַזוי אויך די צוויי און פיערציג שטעט, אָבער ביי די זעקס שטעט, האלט די גאנצע וועלט דאָס זיי האָבען ניט געגעבען קיין שכר: ד) אין באצוג צו דער משנה, „חוזר לשררה שהיה בה וכוי ״ ברענגט ער דאָ די ברייתא, די רבנן האָבען געלערענט „ושב אל משפחתו ואל אחוזת אבותיו ישוב״, ביים אידישען קנעכט זאָגט דער פסוק דאָס נאכ׳ן אויסדינען זאָל ער זיך צוריקערען צו זיין פאַמיליע, און צו זיין עלטערענס ערב זאָל ער צוריקערען, זאָגט ר׳ יודא צו זיין משפחה קערט ער צוריק, אָבער ניט צו זיין שררה׳שאפט. ר׳ מאיר האלט אַז אפילו צו זיין שררה׳שאפט וואָס זיינע עלטערען האָבען אָנגעהאַלטען, און ציינט אָן אויף דעם ענדע פסוק „אל אחוזת אבותיו״, וואָס מיינט צו אַלעם וואָס

אף הוא שב למה שהחזיקו אבותיו, אל אחוזת אבותיו כאבותיו. ה) וכן בגולה, כשהוא אומר ישוב לרבות את הרוצח, מאי וכן בגולה כדתניא ישוב הרוצח אל ארץ אחוזתו, לארץ אחוזתו הא שב ואינו שב למה שהחזיקו אבותיו דברי ר' יודה, ר' מאיר אומר אף הוא שב למה שהחזיקו אבותיו, גמר שיבה שיבה מהתם:

(הדרן עלך אלו הן הגולין)

ו) **ואלו** הן הלוקין הבא על אחותו, ועל אחות אביו, ועל אחות אמו, ועל אחות אשתו, ועל אשת אחיו, ועל אשת אחי אביו, ועל הנדה. אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לנתין ולממזר, אלמנה וגרושה חייבין עליה משום שני שמות, גרושה וחלוצה אינו חייב אלא משום אחת בלבד: ז) הטמא שאכל את הקדש, והבא אל המקדש טמא, ואוכל חלב ודם ונותר ופיגול וטמא,

---

זיינע עלטערען האבען אנגעהאלטען זאל ער אנהאלטען ווי זיינע עלטערען. ה) „וכן בגולה", און אזוי איז אויך זייער מחלוקת ביי גלות, „כשהוא אומר", דען דער פסוק ביי עבד עברי איז דאפעלט, ושב און ישוב קומט עם מרבה זיין דעם רוצח, פרעגט די גמרא וואס מיינט „וכן בגולה?" ענטפערט די גמרא, ווי עס איז געלערענט אין א ברייתא דאס ישוב הרוצח אל ארץ אחוזתו האלט ר' יודא דאס דער רוצח זאל צוריקגעהן צו זיין ערב אבער ניט צו אלעם וואס זיינע עלטערען האבען באהערשט, און ר' מאיר זאגט אז צו אלעם קערט ער זיך אום, דער איבעריגער פסוק איז ביים עבד עברי, און איך לערען ארוים רוצח פון עבד עברי מיט א גזרה שוה וואס מיינט מיט איין גלייך ווארט ביי ביידע, ביי עבד עברי שטעהט „ישוב" און ביים רוצח שטעהט „ישוב", קומט עס צייגען אז די ביידע אלס איין ענין זיינען ביידע גלייך, און איך לערען ארוים איינס פון אנדערען דורך דעם לערען פסוק ביי עבד עברי.

(הדרן עלך אלו הן הגולין)

ו) **און** די זיינען וואס קומט דאפיר מלקות, דער וואס קומט אויף זיין שוועסטער, אויף זיין פאטער'ס שוועסטער אויף זיין מוטער'ס שוועסטער, זיין פרוי'ס שוועסטער, זיין ברודער'ס פרוי, זיין פאטער'ס ברודער פרוי, און אויף א נדה, אבוואהל פאר די אלע איז כרת די שטראפע קומט דאך מלקות, אלמנה צו א כהן גדול, א גרושה און חלוצה צו אן איינפאכען כהן, א ממזרת און א נתינה וואס מיינט פון פאלק גבעון וואס זיינען געבליבען אין ארץ ישראל און עס איז א לאו זיך מיט זיי ניט משדך צו זיין, אדער א אידישע טאכטער צו א נתין און א ממזר, פאר די אלע קומט מלקות, אין איין פערזאן אן אלמנה און א גרושה איז מען חייב פאר איהר צוויי מלקות צוליב צוויי נעמען, א גרושה און א חלוצה איז מען ניט חייב פאר איהר נאר איינס, ווייל ביי חליצה איז ניט דא קיין לאו. ז) אויך קומט מלקות אז א טמא האט געגעסען קודש, אדער ער איז אריינגעקומען אלס טמא אין בית המקדש, איינער עסט חלב, און דם, און נותר וואס איז איבער־געבליבען נאך די צייט פון קרבן, פיגול, א געדאנק צו טאן דעם קרבן ניט אין זיין

והשוחט ומעלה בחוץ והאוכל חמץ בפסח, והאוכל והעושה מלאכה ביום הכיפורים והמפטם את השמן, והמפטם את הקטורת, והסך בשמן המשחה, והאוכל נבלות וטרפות שקצים ורמשים. ח) אכל טבל ומעשר ראשון שלא נטלה תרומתו ומעשר שני והקדש שלא נפדו, כמה יאכל מן הטבל ויהא חייב ר״ש אומר כל שהוא וחכמים אומרים כזית. אמר להם ר״ש אי אתם מודים לי באוכל נמלה כל שהוא (שהוא) חייב אמרו לו מפני שהוא כברייתה אמר להם אף חטה אחת כברייתה: ט) **גמ׳.** חייבי כריתות קא תני חייבי מיתות בית דין לא קתני מתניתן מני? ר׳ עקיבא הוא דתניא אחד חייבי כריתות ואחד חייבי מיתות ב״ד (**דף י״ג ע״ב**) ישנו בכלל מלקות ארבעים דברי ר׳ ישמעאל, רבי עקיבא אומר חייבי כריתות ישנו בכלל מלקות ארבעים שאם עשו תשובה ב״ד של מעלה מוחלין להן, חייבי מיתות ב״ד אינן בכלל מלקות ארבעים שאם עשו תשובה אין ב״ד של מטה מוחלין להן, ר׳ יצחק אומר חייבי כריתות בכלל היו ולמה יצאת

צייט אָדער פלאץ און דער וואָס שעכט אָדער ברייננט ארויף חוץ דעם מזבח, און דער וואָס עסט חמץ אין פסח, און דער וואָס עסט אָדער טהוט א מלאכה אין יום כפור, און דער וואָס איז מפטם דעם שמן אָדער קטורת, און דער וואָס שמירט זיך מיט דעם שמן המשחה, און דער וואָס עסט נבלות וטריפות שקצים ורמשים וואָס מיינט פארשידענע ארט ווערים, ביי די אַלע זאכען איז אויסער כרת ביי א טהייל אויך דערביי אַלאו וואָס קומט מלקות, די בעשיידס קומט ווייטער אין דער גמרא. ח) אויך קומט מלקות אז ער האָט געגעסען טבל, דאָס מיינט פון תבואה וואָס איז ניט אָבגעשיידט קיין תרומה, דער לאו דערפון ווערט געציינט אין סנהדרין דף פ״ג, אויך איז דארונטער מעשר ראשון וואָס איז נאָך ניט ארונטערגענומען געוואָרען די תרומה, אז ער האָט געגעסען מעשר שני און הקדש וואָס זיינען נאָך ניט אויסגעלייזט. „כמה יאכל״, וויפיל דארף ער עסען פון טבל חייב צו זיין זאָגט ר׳ שמעון וויפיל ס׳איז, און די חכמים זאָגען א כזית, האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו די חכמים, זייט איהר דען ניט מודה צו מיר, אז איינער עסט א נמלה, דעם קלענסטען אינזעקט, אז ער איז חייב? האָבען איהם די חכמים געענטפערט ווייל עס איז אַ גאנצער באשעפעניש, האָט ער זיי געענט־פערט אַ קערענדעל איז דאָך אויך אַ גאנצעס ווי עס באשאפען איז: ט) גמרא. די גמרא פרעגט דאָ, ער לערענט אין דער משנה בלויז חייבי כריתות פאר מלקות, און ניט קיין חייבי מיתות בית דין, ווי ווער וועט אויסקומען די משנה? ענט־פערט די גמרא ווי ר׳ עקיבא, דען מיר האָבען געלערענט אין א ברייתא, סאַי חייבי כריתות סאַי חייבי מיתות בית דין זיינען אין כלל מלקות אַזוי האלט ר׳ ישמעאל, ר׳ עקיבא זאָגט דאָס נאָר חייבי כריתות איז אין כלל מלקות, דען אויב זיי טהוען תשובה איז זיי דאָס בית דין פון אויבען, מוחל, ניט אַזוי ביי חייבי מיתות בית דין, זיי איז דאָס בית דין פון אונטען ניט מוחל. ר׳ יצחק זאָגט חייבי כריתות ביי עריות איז דאָך אלגעמיין, ווארום איז ארוים כרת ביי אחותו? ווארשיינליך צו געבען איהם דעם דין פון כרת דוקא, ניט קיין

כרת באחותו לדונו בכרת ולא במלקות. י) מאי טעמא דר' ישמעאל דכתיב (דברים כ"ח) אם לא תשמור לעשות את כל דברי התורה הזאת, וכתיב והפלא ה' את מכותך הפלאה זו איני יודע מה היא כשהוא אומר (שם כ"ח) והפילו השופט והכהו לפניו הוי אומר הפלאה זו מלקות היא וכתיב אם לא תשמור לעשות את כל וגו'. י"א) אי הכי חייבי עשה נמי? אם לא תשמור כתיב, וכדר' אבין אמר רבי אילעי דאמר ר' אבין אמר ר' אילעי כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה, אי הכי לאו שאין בו מעשה נמי? לעשות כתיב, לאו שניתק לעשה נמי? דומיא

מלקות, וועט די משנה אויסקומען ווי ר' עקיבא, דעןביידע האלטען גלייך, דאס נאר חייבי כריתות זיינען בכלל מלקות. י) די גמרא פרעגט וואס איז דער טעם פון ר' ישמעאל? דער פסוק זאגט, „אם לא תשמור לעשות את כל דברי התורה הזאת, והפלא ה' את מכותך", אין דער תוכחה ווערט אויסגערעכענט פארשידענע קללות סאי דורך'ן הימעל סאי דורך שונאי ישראל, אויף דעם זאגט ער, אויב דו וועסט ניט היטען צו טהאן אלע רייד פון דער תורה, דאן וועט ג־ט מאכען וואונדערליך דיינע מכות, זאגט רבי ישמעאל „הפלאה זו איני יודע מהי", איך פארשטעה ניט וואס עס מיינט וואונדערליך די מכות? שטעהט אבער ביי מלקות „והפילו השופט והכהו", דער ריכטער זאל איהם מאכען פאלען און שלאגען אים,, וואס עס וואלט גיכער בעדארפט שטעהן ומיסרהו אנשטאט והכהו, דען דא מיינט ער דאך צו זאגען ער זאל איהם שטראפען, און געווים מיינט ער צו לאזען הערען אז די מכה פון מלקות איז אויך מרומז אין דער תוכחה, וואס איז אנגעברייט אויב אידען וועלען זינדיגען און דאס מיינט דער פסוק והפלא ה' אז ג־ט וועט מאכען וואונדערען די גאנצע וועלט איבער דער מכה אזוי ווי בעונותינו הרבים מיר זעהען היינט צוטאג, און דאס איז אויף ארויסצולערנען פונקט ווי דארט ווערען זיי געשלאגען פאר אלע עברות אזוי אויך דורכ'ן בית דין קומט מלקות סאי פאר עבירות פון כרת סאי פון מיתת בית דין. י"א) פרעגט די גמרא, „אי הכי חייבי עשה נמי?" אויב אזוי זאל קומען מלקות אויך פאר עשה'ס? וואס מען פארפעהלט צו טאן. ענטפערט די גמרא, „אם לא תשמור", שטעהט נעשריבען, און עס איז ווי ר' אבין האט געזאגט פון ר' אילעי'ס וועגען, אז איבעראל וואו עס שטעהט השמר, אדער פן, אדער אל, איז עס ניט, נאר א לא תעשה, פרעגט די גמרא ווידער „אי הכי", אויב אזוי, זאל איהם אויך קומען מלקות פאר א לאו וואס איז אהן א מעשה? ענטפערט די גמרא עס שטעהט דאך לעשות וואס מיינט טהאן, פרעגט די גמרא ווידער, זאל איהם אויך קומען מלקות פאר א לאו וואס ווערט אוועקגערוקט פון אן עשה, ווי צום ביישפיעל, אז איינער לאזט איבער פון קרבן פסח, וואס די תורה זאגט איהר זאלט ניט איבערלאזען פון קרבן פסח ביז אין דער פריה, און זי ניט אן אויסוועג, אויב מען האט יא איבערגעלאזט זאלט איהר עס פארברענען און מען איז פטור. ענטפערט די גמרא, „דומיא דלאו דחסימה", יעדער לאו וואס זאל קומען פאר איהם מלקות מוז זיין גלייך צום לאו חסימה, דען נעבען

דלאו דחסימה, השתא דאתית להכי כולהו נמי דומיא דלאו דחסימה י"ב) ור' עקיבא מאי טעמא? כדי רשעתו משום רשעה אחת, אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות, ור' ישמעאל? הני מילי מיתה וממון או מלקות וממון אבל מיתה ומלקות, מיתה אריכתא היא. י"ג) ולר' עקיבא אי הכי חייבי כריתות נמי, מאי אמרת שאם עשו תשובה, השתא מיהת לא עבדי אמר ר' אבהו בפירוש ריבתה תורה, חייבי כריתות למלקות דגמר לעיני מלעיניך (ויקרא כ'). י"ד) מתקיף לה ר' אבא בר ממל אי הכי חייבי מיתות בית דין נמי נגמרם (במדבר ט"ו) מעיני מלעיניך? דנין לעיני מלעיניך, ואין דנין מעיני מלעיניך,

---

די פרשה פון מלקות שטעהט דער לאו, „לא תחסום שור בדישו", וואס מיינט זאלסט ניט פארשליסען דעם אקס מויל וועהרענד דו ארבעטסט מיט איהם אין פעלד, „השתא דאתית", יעצט אז ביסט שוין געקומען אויף דעם תירוץ, איז ער גילטיג פאר די אלע לאוין וואס די גמרא פרעגט, זיי דארפען אלע גלייך זיין צו חסימה עס זאל זיין א לאו, און עס זאל זיין דארין א מעשה, און עס זאל ניט זיין אוועקגערוקט דורך אן עשה. י"ב) פרעגט די גמרא וואס איז ר' עקיבא'ס טעם, וואס ער זאגט אז ביי מיתת בית דין קומט ניט קיין מלקות? ענטפערט די גמרא ביי מלקות שטעהט „כדי רשעתו", דאס מען זאל איהם שלאגען פאר זיין שלעכטע זאך וואס ער האט געטאן טייטש איך, דאס נאר פאר איין שלעכטעס ניט פאר צוויי, און נאטירליך פאר דאס שווערערע, און אויב עס קומט איהם מיתה איז ער פטור פון מלקות, אבער ביי כרת קומט איהם יא מלקות, דען ג-ט קען איהם מוחל זיין פאר כרת, בלייבט נאר די שטראף פון מלקות, פרעגט די גמרא, און רבי ישמעאל וואס ענטפערט אויף דעם? ענטפערט די גמרא ר' ישמעאל זאגט, „הני מילי מיתה וממון", ווען זיינען די רייד גוט, ביי מיתה און ממון אדער מלקות און ממון, ווייל זיי זיינען צוויי באזונדערע שטראפען, אבער מיתה און מלקות איז איינס, „מיתה אריכתא", עס איז א לאנגער טויט. י"ג) פרעגט די גמרא, „ולרי עקיבא אי הכי חייבי כריתות נמי?" נאך ר' עקיבא אויב עס איז אזוי, אז צוויי שטראפעס קען ער ניט קריגען, זאל ביי כרת אויך אזוי זיין, ער זאל ניט קריגען קיין מלקות? „מאי אמרית", אי וואס דו זאגסט אז אויף כרת אויב ער טהוט תשובה קען איהם ג-ט מוחל זיין, אבער דערווייל האט ער דאך נאך קיין תשובה ניט געטאן? האט ר' עקיבא געענטפערט די תורה האט רייין ארויסגעזאגט דורך א גזרה שוה, מען לערענט ארוים פון צוויי גלייכע ווערטער לעיני פון לעיניך, ביי כרת שטעהט „ונכרתו לעיני בני עמם", און ביי מלקות שטעהט „ונקלה אחיך לעיניך", לערען איך ארוים כרת פון מלקות, דאס חייבי כרת זאלען קריגען מלקות אויך. י"ד) האט ר' אבא בר ממל א קשיא געפערגט, „אי הכי חייבי מיתות נמי נגמרם", אויב עס איז אזוי, אז ער לערענט ארוים פון לעיניך, לאמיר ארויסלערנען אויך פאר מיתות בית דין מעיני פון לעיניך, ביי עבודה זרה שטעהט „אם מעיני העדה נעשתה לשגגה", און ביי מלקות שטעהט „לעיניך", עס זאל אויך קומען מלקות פאר חייבי מיתת

ומאי נפקא מיניה? והא תנא דבי ר' ישמעאל (ויקרא י"ד) ושב הכהן ובא הכהן זו היא שיבה וזו היא ביאה. ט"ו) ועוד לגמור מעיני מלעיני דהא גמור לעיני מלעיניך? קבלה מיניה רבי שמואל בר רב יצחק כדי רשעתו משום רשעה אחת אתה מחייבו ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות, ברשעה המסורה לבית דין הכתוב מדבר. ט"ז) רבא אמר אתרו ביה לקטלא כולי עלמא לא פליגי דאין לוקה ומת, כי פליגי דאתרי ביה למלקות, ר' ישמעאל סבר לאו שניתן לאזהרת מיתת בית דין לוקין עליו, ור' עקיבא סבר לאו שניתן לאזהרת מיתת בית דין אין לוקין עליו. י"ז) ור"ע אי הכי חייבי כריתות נמי לאו שניתן לאזהרת כרת הוא, אמר ליה רב מרדכי לרב אשי הכי אומר אבימי מהגרינא משמיה דרבא חייבי כריתות לא צריכי התראה, שהרי פסח ומילה ענש אף על פי שלא הזהיר. י"ח) ודלמא אזהרה לקרבן דהא פסח ומילה דלית בהו אזהרה לא מייתי

בית דין? ענטפערט די גמרא, „דנין לעיני מלעיניך", מען לערענט נאָר אַרויס לעיני פון לעיניך אָבער ניט מעיני פון לעיניך, דאָס הייסט זיי האָבען געהערט פון זייערע רבי'ס אַ גזרה שוה פון לעיני לעיניך ניט מעיני לעיניך. פרעגט די גמרא וואָס איז דען דער אונטערשיעד? דבי ר' ישמעאל האָט דאָך געלערענט אַז אַ גזרה שוה פון „ושב ובא" איז אויך גוט ווייל שיבה איז דאָס זעלבע וואָס ביאה, אויב זיי האָבען געהערט פון זייערע רביים אַ גזרה שוה פון בא אָדער שב איז שוין קיין חילוק ניט מיינט עס שוין אויך אַ גזרה שוה פון ושב ובא. ט"ו) און נאָך פרעגט די גמרא לאָמיר אַרויסלערנען „מעיני" פון מיתת בית דין פון לעיני ביי כרת, דען כרת לערענסט דו דאָך אַרויס אויף מלקות פון לעיני לעיניך? ענטפערט די גמרא רבי שמואל בר יצחק האָט מקבל געווען פון ר' אבהו אַז די מיינונג פון „כדי רשעתו" דאָס נאָר פאַר איין רשעה קענסט דו איהם מחייב זיין, אָבער ניט פאַר צוויי רשעות. מיינט עס אַ רשעה וואָס איז איבערענטפערט צום בית דין, אָבער כרת איז ניט אין בית דין'ס הענד, דארום קען חל זיין די שטראָף פון מלקות. ט"ז) רבא זאָגט צו פאַרענטפערען, האָט מען איהם מתרה געווען ווענען מיתה, האָלט די גאַנצע וועלט אַז ער קען ניט קריגען מלקות און שטארבען, זיי קריגען נאָר אויב מען האָט איהם געוואָרענט ווענען מלקות אליין, ר' ישמעאל האלט „לאו שניתן לאזהרת מיתת ב"ד", אַזוי ווי דאָס איז דאָך אַ לאו וואָס איז געגעבען געוואָרען צו וואָרנען פאַר מיתת בית דין און ער איז געוואָרענט געוואָרען בלויז פאַר מלקות, קומט איהם מלקות, און ר' עקיבא האלט אַז די וואַרנונג (וואָס מען רופט התראה), איז ניט גילטיג פאַר מלקות און דאַריבער איז קיין מלקות. י"ז) פרעגט די גמרא און ר' עקיבא, לויט ער האלט אַז דער לאו איז אַן אזהרת מיתת בית דין, ניט אויף קיין מלקות, דאָס זעלבע איז דאָך אויך מיט כרת? האָט רב מרדכי געזאָגט צו רב אשי, אַזוי האָט געזאָגט אבימי פון הגרונא פון רב'ס וועגען, אַז חייבי כריתות דאַרפען ניט קיין התראה, דען מיר זעהען דאָך דאָס פאַר פסח און מילה איז ניט דאָ קיין לאו דאָס מיינט אַן אזהרה, און דאָך איז דאָ דער עונש כרת. י"ח) פרעגט די

קרבן? התם לאו היינו טעמא? אלא משום דאיתקש כל התורה כולה לעבודת אלילים, מה ע"א שב ואל תעשה אף כל שב ואל תעשה לאפוקי הני דקום ועשה. י"ט) רבינא אמר לעולם (דף י"ד ע"א) כדאמרינן מעיקרא שאם עשו תשובה בית דין של מעלה מוחלין להן, מאי אמרית הא לא עבוד תשובה, לא פסיקא מילתא לכרת. א) רבי יצחק אומר חייבי כריתות בכלל היו ולמה יצאתה כרת באחותו לדונו בכרת ולא במלקות, ורבנן כרת באחותו למה לי? לחלק וכדר' יוחנן דאמר ר' יוחנן שאם עשאן כולם בהעלם אחד חייב על כל אחת ואחת, ורבי יצחק לחלק מנא ליה? נפקא ליה (ויקרא י"ח) מואל אשה בנדת טומאתה לחייב על כל אשה ואשה. ב) ורבנן נמי תיפוק ליה מהא? אין הכי נמי, ואלא כרת

גמרא ווידער, „ודלמא אזהרה לקרבן", פיליכט איז די אזהרה, צו חיב זיין א קרבן ווען ער טהוט עס בשוגג? דען מיר זעהען דאָך פסח און מילה וואָס זיי האָבען ניט קיין לאו, ברייננען זיי טאקע ניט קיין קרבן אויף בשוגג. ענטפערט די גמרא, „התם לאו היינו טעמא", איז דען דאָרט ניט דער טעם? „משום דאיתקיש", דאָס געגען א קרבן איז די גאנצע תורה געגליבען צו עבודה זרה, פונקט ווי עבודה זרה איז וואָס די תורה פערלאנגט, ניט צו טהאָן, און אויב ער טהוט יאָ, איז בשוגג חייב א קרבן חטאת, אַזוי אויך אַלעס געגען קרבן דאַרף זיין דער פעלאנג פון דער תורה ניט צו טהאָן, „לאפוקי הני דקום ועשה", אויסגענומען זיינען פסח און מילה דאָס זייער געבאָט איז צו טהאָן, אָבער עס איז ניט געווענדעט אין דער אזהרה? י"ט) רבינא זאָגט, לעולם בלייבט עס ווי געזאָגט פריהער, דאָס דער אונטערשיעד פון מיתה און כרת איז, דאָס אויף כרת ווען זיי וואָלטען תשובה געטאָן וואָלט זיי דער בית דין של מעלה מוחל געווען, „מאי אמרית?" אַי וואָס דו האָסט געפרעגט? זיי האָבען דאָך נאָך קיין תשובה ניט געטאָן? „לא פסיקא מלתא", די זאך באשטימט זיך אָבער ניט צו כרת, ער קען אימער תשובה טהאָן, דאַריבער איז כרת ניט קיין באשטימטע זאך, ניט אַזוי איז מיתת בית דין וועלכעס איז באשטימט און מלקות איז אויך באשטימט, דאַריבער הייסען זיי צוויי רשעיות, און די תורה זאָגט דאָך אז נאָר פאַר איין רשעה קענסט דו איהם מחייב זיין. א) רבי יצחק זאָגט אויבען, חייבי כריתות איז דאָך געווען איינעם אין ביי עריות, און וואַרום אַלס אויסנאָם זאָגט ער אַרויס כרת ביי זיין שוועסטער, און געווים צו צייגען דאָס איך זאָל איהם דן זיין נאָר פאַר כרת ניט פאַר מלקות. פרעגט די גמרא און די רבנן, דאָס הייסט ר' עקיבא און רבי ישמעאל אויף וואָס דאַרפען זיי האָבען כרת ביי זיין שוועסטער? ענטפערט די גמרא, „לחלק", עס קומט צו טיילען, אַזוי ווי רבי יוחנן זאָגט אַז אין פאַל איינער האָט אַלע די זאַכען געטאָן אין איין אומבאוואוסטזיין, איז ער חייב אויף יעדע באזונדער, פרעגט די גמרא ווידער און ר' יצחק פון וואנען לערענט אַרויס אויף צו טיילען ער זאָל חייב זיין אויף **יעדע באזונדער? דער ענטפער**, „נפקא ליה", ער לערענט זיך אַרויס פון „ואל אשה בנדת טומאתה", און צו אַ אשה אין איהרע אומריינע טעג, דאָס הייסט

דאחותו למה לי לחייבו על אחותו ועל אחות אביו ועל אחת אמו, פשיטא? הרי גופין מחולקין? הרי שמות מחולקין? אלא לחייבו על אחותו שהיא אחות אביו שהיא אחות אמו, והיכי משכחת לה ברשיעה בר רשיעה. ג) ור' יצחק הא מנא ליה? נפקא ליה מקל וחומר, דתניא אמר ר' עקיבא שאלתי את רבן גמליאל ור' יהושע באיטליז של עימאום, שהלכו ליקח בהמה למשתה בנו של ר"ג, הבא על אחותו שהיא אחות אביו שהיא אחות אמו מהו (אינו) חייב על כולן אלא אחת, או חייב על כל אחת ואחת? ד) אמרו לו, זו לא שמענו, אבל שמענו הבא על חמש נדות בהעלם אחד

צו יעדע אשה באזונדער. ב) פרעגט די גמרא און די רבנן אויך, "תיפוק ליה מהא", זאלען זיי ארויסלערנען פון דעם פסוק ואל אשה, וואס מיינט יעדע אשה? "ואלא כרת דאחותו למה לי", וואס דארפען זיי פארווענדען דעם איבעריגען פסוק פון כרת וואס שטעהט ביי אחותו? ענטפערט די גמרא, "אין הכי נמי", יא, איך לערען טאקע פון פסוק ואל אשה אויף צו צוטיילען, אי וואס דארף איך די אויסנעמליך כרת ביי אחותו? "לחייבו", עס קומט צו מחייב זיין איהם אויף זיין שוועסטער און זיין פאטער'ס שוועסטער און זיין מוטער'ס שוועסטער, אויב ער אויף זיי געקומען איז, אין איין אומבאוואוסטזיין, איז ער פונדעסטוועגען חייב אויף יעדע באזונדער, און תיכף פרעגט די גמרא איבער, "פשיטא הרי גופין מחולקין?" עס איז דאך א געווים עס איז דאך פארשידענע קערפערס, עס איז דאך פארשידענע נעמען? איז עס דאך באזונדערע עריות? ענטפערט די גמרא, "אלא לחייבו", איך מיין די אלע דריי אין איין קערפער, זיין שוועסטער וועלכע איז זיין פאטער'ס שוועסטער און די זעלבע איז זיין מוטער'ס שוועסטער, "והיכי משכחת", און ווייסטו ווי דאס איז מעגליך ביי א רשיעא וואס קומט ארויס פון א רשיעא (א שלעכטען) דהיינו ער קומט אויף זיין מוטער און געווינט פון איהר צוויי טעכטער און נאכהער קומט ער ווידער אויף איינע פון די טעכטער וואס זיינען זיינע שוועסטערען, און געווינט פון איהר א זוהן, דער זוהן איז געקומען אויף זיין מוטער'ס שוועסטער וועלכע איז צוגלייך זיין שוועסטער און זיין פאטער'ס שוועסטער, דא דארף ער לאזען הערען דאס ער איז חייב פאר אלע דריי כאטש עס איז איין קערפער. ג) פרעגט די גמרא, און ר' יצחק פון וואנען לערענט ער זיך דאס ארוים? ער זאל חייב זיין פאר די אלע דריי אין איין קערפער, דריי שטראפען? ענטפערט די גמרא, "נפקא ליה", ער לערענט זיך ארויס פון א קל וחומר, דען מיר האבען געלערענט ר' עקיבא האט געזאגט איך האב געפרעגט א שאלה צו רבן גמליאל און ר' יהושע אין איטליז פון עימאום ווערהענד זיי זיינען געגאנגען קויפען א בהמה פאר א מאהל־צייט צו דער חתונה פון רבן גמליאל'ס זוהן, "הבא", אז איינער קומט אויף זיין שוועסטער וועלכע איז צוגלייך זיין פאטער'ס שוועסטער און מוטער'ס שוועסטער, "מהו?" ווי איז דער דין? איז ער ניט חייב אויף אלע נאר איינס, אדער ער איז חייב אויף יעדע באזונדער לויט די נעמען? ד) האבען זיי איהם גע־ענטפערט, דאס האבען מיר ניט געהערט, אבער געהערט האבען מיר יא, אז

שחייב על כל אחת ואחת, ונראין דברים מקל וחומר, ומה נדה שהיא שם אחד חייב על כל אחת ואחת כאן ששלשה שמות לא כל שכן, ואידך? קל וחומר פריכא הוא, מה לנדה שכן גופין מוחולקיין. ה) ולאידך נמי? הא ודאי קל וחומר פריכא הוא, אלא נפקא ליה מאחותו דסיפא, ואידך אחותו דסיפא למה לי? לחייבו על אחותו בת אביו ובת אמו לומר שאין עונשין מן הדין, ואידך? איבעית אימא גמר עונש מאזהרה ואיבעית אימא נפקא ליה (דף י"ד ע"ב) מאחותו דרישא. ו) ואידך?

איינער קומט אויף פינף נדות און איין אומבאוואוסטזיין, דאָס ער איז חייב אויף יעדע באזונדער, און עס קוקט אויס צו זיין א קל וחומר, מאדאָך א נדה וואָס איז נאָר איין נאָמען, איז ער חייב אויף יעדע באזונדער, דאָ ביי די שוועסטער וואָס איז דריי באזונדערע נעמען איז דאָך אַ געוויס, דאָס ער איז חייב פאַר יעדע באזונדער. פרעגט די גמרא, „ואידך?" און ר' ישמעאל און ר' עקיבא זיי קענען דאָך אויך אויסלערנען פון דעם קל וחומר? ענטפערט די גמרא דער קל וחומר איז אָבגעפרעגט, „מה לנדה", ווייסט דו וואָרום ביי די נדות איז ער חייב פאַר יעדע באזונדער, ווייל זיי זיינען באזונדערע קערפערס? ה) „ולאידך נמי?" נאָך ר' יצחק'ן איז דאָך אויך שווער, דער קל וחומר איז דאָך אָבגעפרעגט? ענטפערט די גמרא דער קל וחומר איז טאַקע אָבגעפרעגט, „אלא נפקה ליה", ער לערענט עס זיך ארויס פון אחותו פון ענדע פסוק, „ערות אחותו גלה", די שאַנדע פון זיין שוועסטער האָט ער ענטדעקט, דאָס מיינט אריינ־צונעמען יעדע נאָמען שוועסטער אפילו אין איין גוף, צו חייב זיין אויף יעדע באזונדער. פרעגט די גמרא וויטער, „ואידך?" און ר' ישמעאל מיט ר' עקיבא וואָס טהוען זיי מיט אחותו פון ענדע פסוק? ענטפער, עס קומט איהם מחייב צו זיין אויף זיין פאָטער'ס טאָכטער און צוגלייך זיין מוטער'ס טאָכטער, אי אויף וואָס דארף איך עס? עס איז דאָך א קל וחומר? מאדאָך א האלבע שוועסטער איז ער חייב אויף איהר, איז דאָך אַ געוויס אז ער איז חייב אויף א שוועסטער פון איין פאָטער און מוטער? נאָר וואָס דען, „לומר שאין עונשין מן הדין", עס קומט מיר לאָזען הערען אז מען גיט ניט קיין שטראָף פון א קל וחומר אויסלערנונג. פרעגט די גמרא „ואידך?" און דו ר' יצחק? איך דארף דאָך האָבען דעם פסוק אחותו פון דער סיפא? ענטפערט די גמרא, „איבעית אימא גמר עונש מאזהרה", אויב דו ווילסט וועל איך דיר ענטפערען אז איך לערען ארויס, די שטראפע פון כרת פון דער אזהרה (לאו), פונקט ווי ביי דער אזהרה איז ניט קיין אונטערשיעד צווישען א האלבע שוועסטער און א גאנצע שוועסטער אזוי אויך ביי דעם עונש, „ואיבעית אימא", און אז דו ווילסט וועל איך דיר ענטפערען דאָס ער לערענט ארויס פון אחותו פון דעם אָנפאנג פסוק, „ואיש אשר יקח את אחותו בת אביו או בת אמו", וואָס דער וואָרט אחותו איז איבעריג, דען עס איז גענוג ווען עס שטעהט, „ואיש אשר יקח את בת אביו או בת אמו", אז איינער נעמט זיין פאָטער'ס טאָכטער אָדער זיין מוטער'ס טאָכטער. (דער פסוק פון אזהרה איז ויקרא י"ח). ו) פרעגט די

ההוא מיבעי ליה לחלק כרת למפטם ולסך, ואידך? סבר כר׳ אלעזר אמר ר׳ הושעיא דאמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ הושעיא, כל מקום שאתה מוצא שני לאוין וכרת אחד חלוקין הן לקרבן, ואי בעית אימא לא סבר לה כר׳ אלעזר ונפקא ליה מואיש אשר ישכב את אשה דוה. ז) ואידך ההוא מיבעי ליה לכדר׳ יוחנן דאמר ר׳ יוחנן משום ר׳ שמעון בן יוחי, מניין שאין האשה טמאה עד שיצא מדוה דרך ערותה שנאמר ואיש אשר ישכב

גמרא, „ואידך?" און ר׳ ישמעאל מיט ר׳ עקיבא וואָס טהוען זיי מיט׳ן איבעריגען פסוק אחותו פון אָנפאנג? ענטפערט די גמרא זיי דארפען איהם פאַר צו טיילען דעם כרת פאַר נאָכמאכען און שמירען זיך מיט׳ן שמן המשחה, ווייל עס איז צוויי לאוין און איין כרת, קומט דער פסוק אחותו פון דער רישא וואָס איז אויך איין כרת פאַר די אלע עריות, און איז מחלק צווישען מפטם און סך, כרת פאַר יעדע באזונדער. פרעגט די גמרא ווייטער, „ואידך?" און ר׳ יצחק, וואו נעמט ער א פסוק אויף לחלק צווישען מפטם און סך, ענטפערט די גמרא ער האלט ווי ר׳ אלעזר וואָס זאָגט פון ר׳ הושעיא׳ס וועגען, אַז איבעראל וואו דו געפינסט צוויי לאוין און איין כרת, זיינען זיי שוין צוטיילט געגען א קרבן, אָבער נאָר ביי צוויי לאוין און איין כרת דען עס איז א סברה אַז דער כרת באַציהט זיך אויףביידען, ניט אַזוי איז ווען ער רעכענט מעהרערע געגענ־שטענדע און ביי איינעם איז אַרויסגעזאָגט דער עונש כרת, מוז איך האָבען אַן איבעריגען פסוק אויף לחלק, רש״י מיט תוספות אָבער לערנען פאָלגענדעס: קומט דאָך אויס, דאָס אויך ביי עריות דארף מען ניט אויף צו טיילען, און דער פסוק ואל אשה פון אויבען איז שוין אויך איבעריג, און עס איז געוואָרען איבעריג, דער כרת ביי אחותו צו לאָזען הערען דאָס נאָר כרת קומט איהם און ניט קיין מלקות, און אחותו פון ענדע פסוק קומט אויף מחייב צו זיין איהם פאַר אלע, פאַר זיין שוועסטער וואָס איז צוגלייך זיין פאָטער׳ס שוועסטער און מוטער׳ס שוועסטער, און אחותו פון אָנפאנג פסוק, קומט אויף מחייב צו זיין איהם פאַר א שוועסטער פון איין פאָטער און מוטער, אָבוואָהל עס איז אַ קל וחומר, צו לאָזען הערען דאָס מען שטראָפט ניט פאַר א קל וחומר אויסלער־נונג. „ואיבעית אימא", און אויב דו ווילסט וועל איך דיר ענטפערען, ער האלט ניט ווי ר׳ אלעזר און ער לערענט זיך אויף לחלק ביי עריות, פון פסוק „ואיש אשר ישכב את אשה דוה וגו׳" וואָס שטעהט ביי דעם פסוק אַן איבעריגע כרת, צו לאָזען הערען דאָס פאַר דעם זעלבסט איז ער חייב כרת און פון דאנען ארויסצולערנען אויפ׳ן גאנצען כלל, „לחלק", און אַזוי ווי מען דארף ניט דעם פסוק פאַר דעם, דען איך לערען דאָך שוין דאָס אַרויס פון „ואל אשה בנדת טומאתה", אויף לחלק פאַר יעדער פרוי, לייג איך עס אָב אויף אנדערע צוויי לאוין און איין כרת, אַזא אַרט ווי מפטם און סך ביי שמן המשחה. ז) פרעגט די גמרא „ואידך?" און ר׳ עקיבא מיט ר׳ ישמעאל וואָס טהוען זיי מיט דעם פסוק „ואיש אשר ישכב וכו׳?" ענטפערט די גמרא „ההוא מבעי ליה", זיי דארפען פאַר די זעלבע דרשה וואָס ר׳ יוחנן זאָגט, „מניין", פון וואנען

את אשה דוה וגילה את ערותה וגו' מלמד שאין האשה טמאה עד שיצא מדוה דרך ערותה: ח) וטמא שאכל את הקדש: בשלמא הבא למקדש טמא, כתיב עונש וכתיב אזהרה, עונש דכתיב (במדבר י"ט) את משכן ה' טמא ונכרתה, אזהרה ולא יטמאו את מחניהם, אלא טמא שאכל את הקדש, בשלמא עונש כתיב (ויקרא ז') והנפש אשר תאכל בשר מזבח השלמים אשר לה' וטומאתו עליו ונכרתה. ט) אלא אזהרה מניין, ריש לקיש אומר (שם י"ב) בכל קדש לא תגע ר' יוחנן אומר, תני ברדלא אתיא טומאתו טומאתו כתיב הכא וטומאתו עליו ונכרתה וכתיב התם טמא יהי' עוד טומאתו בו, מה להלן עונש ואזהרה אף כאן עונש ואזהרה: י) בשלמא ריש לקיש לא אמר כר' יוחנן, גזרה שוה לא גמור, אלא ר' יוחנן מאי טעמא לא אמר כר"ל? אמר לך ההוא אזהרה לתרומה, וריש

איז געדרונגען אז אן אשה איז ניט טמא ביז די מדוה (בלוטען) געהט דורך איהר געוועהנליכען וועג? אויסגענומען ווען זיי מאכען זיך א וועג דורך די זייט, דער פסוק זאָגט, „ואיש אשר ישכב את אשה דוה וגילה ערותה", אז א מאן וועט ליגען מיט א פרוי אין צייט פון וועהטאָג און וועט אויפדעקען איהר שאנדע, „מלמד", פון דעם איז געדרונגען אז די פרוי איז ניט טמא ביז די מדוה געהט דורך ערותה. ח) אין באצוג צו דער משנה וואָס זאָגט „וטמא שאכל את הקדש", פרעגט די גמרא, בשלמא ביי קומען טמא'הייט אין בית המקדש איז געשריבען א עונש און אן אזהרה, דער עונש איז, „את משכן ה' טמא ונכרתה", ער האָט טמא געמאכט ג-ט'ס משכן און זאָל פארשניטען ווערען. די אזהרה „ולא יטמאו את מחניהם", זיי זאָלען ניט טמא מאכען זייער מחנה, „אלא", אָבער אז א טמא עסט קודש איז ריכטיג דער עונש, „והנפש אשר תאכל בשר מבשר זבח השלמים אשר לה' וטומאתו עליו ונכרתה", וואָס מיינט דער נפש וואָס וועט עסען פון שלמים אין דער טומאה, זאָל ער פארשניטען ווערען. ט) אָבער די אזהרה, וואָס מיינט דער פארבאָט, „מניין", פון וואנען איז געדרונגען? ריש לקיש זאָגט פון פסוק, „בכל קודש לא תגע", מיר וועלען דאָס ווייטער באַשיידען. ר' יוחנן זאָגט, ברדלא האָט געלערענט איך לערען אַרויס א גזרה שוה טומאתו טומאתו, דאָ שטעהט „וטומאתו עליו ונכרתה" און דאָרט וואו ער געהט אַלס טמא אין בית המקדש שטעהט „טמא יהי' עוד טומאתו", פונקט ווי דאָרט געהט צוזאמען א עונש מיט אן אזהרה אזוי אויך דאָ איז א עונש און אן אזהרה. י) פרעגט די גמרא בשלמא אז ריש לקיש זאָגט ניט ווי ר' יוחנן, די גזרה שוה, קען זיין ער האָט די גזרה שוה ניט געלערענט, דאָס הייסט ער האָט ניט מקבל געוועזן די גזרה שוה פון זיינע רביים, „אלא", אָבער ר' יוחנן וואָרום זאָגט ער ניט ווי ריש לקיש, „אמר לך", נאָר ער וועט דיר ענטפערען אז דעם פסוק „בכל קודש לא תגע", ניט אָנרירען קיין שום קדש דאַרף מען האָבען אויף אַ פאַרבאָט פאַר תרומה. פרעגט די גמרא, און ריש לקיש פונוואנען נעמט ער אן אזהרה פאַר תרומה? ענטפערט די גמרא „נפקא ליה", ער לערענט זיך אַרויס פון פסוק, „איש איש מזרע אהרן והוא צרוע או זב", וואָס מיינט יעדער

לקיש אזהרה לתרומה מנא ליה? נפקא ליה (ויקר״א כ״ב) מאיש איש מזרע אהרן והוא צרוע או זב אי זהו דבר שהוא שוה בזרעו של אהרן הוי אומר זו תרומה, ואידך? ההוא לאכילה הא לנגיעה. י״א) ריש לקיש האי בכל קדש לא תגע להכי הוא דאתי, ההוא מיבעי ליה לטמא שנגע בקדש? דאיתמר טמא שנגע בקדש ריש לקיש אומר לוקה, ר׳ יוחנן אומר אינו לוקה, ריש לקיש אומר לוקה בכל קדש לא תגע, ר׳ יוחנן אומר אין לוקה ההוא אזהרה לתרומה הוא דאתא, טמא שנגע בקדש מדאפקיה רחמנא בלשון נגיעה, אזהרה (לאוכל) מדאיתקיש קדש למקדש. י״ב)ואכתי להכי הוא דאתי? ההוא מיבעי ליה לטמא שאכל בשר קדש, לפני זריקת דמים? דאיתמר טמא שאכל בשר קדש לפני זריקת דמים, ריש לקיש אומר לוקה ר׳ יוחנן אומר אינו לוקה, ריש לקיש אומר לוקה בכל קדש לא תגע לא שנא לפני זריקה, ולא שנא לאחר זריקה, ר׳ יוחנן

פון אהר'ן שטאם זייענדיג א צרוע אדער א זב זאל ניט עסען קיין קדשים, ער כאפט אן זרע אהרן צו צייגען אז דאס מיינט תרומה געגען וועלכע אלע אהרן'ס קינדער זיינען גלייך, פרעגט די גמרא „ואידך", און ר׳ יוחנן וואס טהוט מיט דעם פסוק? ענטפערט די גמרא איין פסוק איז אויף עסען און איין פסוק איז אויף באריהרונג. י״א) פרעגט די גמרא ריש לקיש לערענט זיך ארוים פון „בכל קדש לא תגע", אויף אן אזהרה צו א טמא וואס עסט קדש, איך דארף דאך האבען דעם פסוק אויף א טמא וואס באריהרט קדש? דען מיר האבען גע־לערענט, א טמא וואס האט באריהרט קדש, ריש לקיש זאגט עס קומט איהם מלקות ר׳ יוחנן זאגט אז ניט, ריש לקיש וואס זאגט מלקות, איז פון פסוק בכל קדש לא תגע, און ר׳ יוחנן וואס זאגט אז ניט, ווייל ער דארף דעם פסוק אויף א פארבאט פאר תרומה. ענטפערט די גמרא ריש לקיש מיינט צו זאגען אז דאס וואס איהם קומט מלקות פאר באריהרונג, איז ווייל די תורה נוצט דעם לשון נגיעה אבער מיינען מיינט די תורה אכילה, פון וואנען וויים איך דאס? ווייל עס איז געגליכען קדש צו מקדש, דען דער פסוק איז: „בכל קדש לא תגע ואל המקדש לא תבא", זאלסט ניט באריהרען קיין שום קדש און ניט אריינקומען אין בית המקדש און פאר דעם איז כרת, און אויף באריהרונג איז קיין כרת ניט דא, נאר מוז אודאי זיין אויף עסען. י״ב) פרעגט די גמרא עס איז דאך נאך אלץ שווער אויף ריש לקיש? איך דארף דאך האבען דעם פסוק, אויף א טמא וואס האט געגעסען קדש פאר דעם בלוטשפרענגען? דען מיר האבען געלערענט, א טמא וואס האט געגעסען קדש פאר זריקת דמים, ריש לקיש זאגט דאס איהם קומט מלקות, ר׳ יוחנן זאגט אז ניט, ריש לקיש וואס זאגט אז יא, לערענט זיך עס ארוים פון „בכל קדש לא תגע", עס מאכט קיין אונטערשיעד צו נאך די זריקה צו פאר זריקה. ר׳ יוחנן וואס זאגט אז ניט, געהט נאך זיין טעם נאך, ער לערענט דאך ארוים די אזהרה פון טומאתו טומאתו, ווי שוין אויבען דערקלערט. און דער ווארט טומאתו איז דאך געשריבען, נאך די זריקה, דען דער פסוק זאגט, „כל טהור יאכל בשר, והנפש אשר תאכל בשר וגו„ וטומאתו

אומר אינו לוקה, רבי יוחנן לטעמיה דאמר קרא טומאתו טומאתו, וכי כתיב טומאתו לאחר זריקה הוא דכתיב, ההוא מבכל קדש נפקא. י"ג) תניא כוותיה דריש לקיש בכל קדש לא תגע אזהרה לאוכל, אתה אומר אזהרה לאוכל, או אינו אלא אזהרה לנוגע, ת"ל בכל קדש לא תגע ואל המקדש וגו' מקיש קדש למקדש מה מקדש דבר שיש בו נטילת נשמה, אף כל דבר שיש בו נטילת נשמה, ואי בנגיעה, מי איכא נטילת נשמה, אלא באכילה. י"ד) אמר רבה בר בר חנא אמר ר' יוחנן כל לא תעשה שקדמו עשה לוקין עליו (דף ט"ו ע"א) אמרו לו, אמרת? אמר להו, לא, אמר רבה האלהים, אמרה, וכתיבא, ותנינא, כתיבא (במדבר

עליו", דרש'ענען די חכמים אז אויב עס איז כל טהור יאכל בשר, אז יעדער ריינער מענש קען עסען דאס פלייש, דאס הייסט אז עס איז שוין נאך די זריקה, דאן אז ער עסט אין דער טומאה, איז ער חייב, ענטפערט די גמרא „ההוא מבכל קדש נפקא", דאס מיינט ריש לקיש לערענט זיך דאס ארויס פון איבעריגען ווארט „בכל", עס האט געקענט שטעהן בקדש לא תגע, און בכל מיינט יעדעס קדש אפילו פאר די זריקה. י"ג) „תניא כוותיה", מיר האבען געלערנט אזא גלייכונג ווי ריש לקיש, „בכל קדש לא תגע", דאס איז א לאו אויף עסען, די זאגסט עס איז א לאו אויף עסען? „אי אינו", טאמער איז עס א לאו אויף באריהרונג, „תלמוד לומר", שטעהט אין פסוק „בכל קדש לא תגע ואל המקדש לא תבא", גלייך איך צו, קדש צו מקדש, פונקט ווי אז ער געהט אלס טמא אין בית המקדש איז ער חייב כרת דאס הייסט נטילת נשמה, אזוי אויך ביי קדש מוז זיין די שטראף די נשמה צונעמען, און אויב דו ועסט זאגען אז דער פסוק שמועסט פון בלויז באריהרונג, איז דאך דא די פראגע, „ואי בנגיעה מי איכא נטילת נשמה?" איז דען פאראן אזא שטראף פאר בלויז ארירונג? נאר מוז אודאי זיין אז דער פסוק מיינט אכילה. די דרשה איז באזירט, ווייל דער שטייגער פון פסוק איז, וואס עס איז מעהר אויפטהו, איז צו שרייבען צום לעצט, און פאר בלויז ארירונג צו חייב זיין, וואלט בעדארפט שטעהן „אל המקדש לא תבא ובכל קדש לא תגע", דאס מיינט זאלסט ניט קומען אין בית המקדש אלס טמא, און אפילו ניט בלויז אנרירען קיין שום קדש, נאר מוז אוודאי זיין אז פאר ארירונג איז קיין מיתה ניט דא, נאר זיכער מיינט אכילה, און וואס ער באנוצט דעם לשון נגיעה איז נאר איינוועגס, ווי שוין אויבען באמערקט, דאריבער זאגט ער קדש בעפאר מקדש. י"ד) רבה האט געזאגט פון ר' יוחנן'ס וועגען, יעדער לאו וואס בעפאר קומט אן עשה, קומט מלקות, אבוואהל ווען די עשה אויב זי קומט נאך דעם לאו, ווי שוין אויבען דערמאנט, ביים פסח, זאגט דער פסוק „לא תותירו ממנו עד בקר, והנותר עד בקר באש תשרופו", קומט דאך ניט קיין מלקות, ווייל איך זאג דער לאו איז אוועקגערוקט געווארען, און מיט'ן פארברענען דאס איבערגעלאזטע, איז אלעס פעררראכטען, ניט אזוי איז אבער, ווען די עשה איז בעפאר דעם לאו, און מען קען מקיים זיין די עשה בעפאר די עבירה פון לאו, הייסט דאס ניט אז דער לאו איז אוועקגערוקט, דארי-

ה') וישלחו מן המחנה (וגו') ולא יטמאו את מחניהם, תנינא הבא למקדש טמא, אלא מאי טעמא קא הדר ביה משום דקשיא ליה אונס. א) דתניא אונס שגירש, אם ישראל הוא, מחזיר ואינו לוקה, אם כהן הוא לוקה ואינו מחזיר, אם ישראל הוא מחזיר ואינו לוקה, אמאי? לא תעשה שקדמו עשה הוא ולילקי? אמר עולא, לא יאמר, לו תהיה לאשה באונס, וליגמר ממוציא שם רע, ומה מוציא שם רע שלא עשה מעשה, אמר רחמנא (דברים כ"ב) ולו תהי' לאשה, אונס לא כל שכן? (למה נאמר) אם אין ענין לפניו, תניהו ענין לאחריו, שאם גירש יחזיר. ב) ואכתי אונס

בער קומט מלקות, „אמרו לו", ווי די אַנדערע האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי איהם אליין געפרעגט, „אמרת?" האָסט דו דאָס געזאָגט? האָט ער זיי גע־ענטפערט, ניין, ווייל ער האָט צוריקגעצויגען דערפון, האָט רבה אויף דעם געזאָגט האלקים דאָס מיינט איך שווער, אַז ער האָט עס יאָ געזאָגט, און עס איז געשריבען אין פסוק, און עס איז גע‌לערענט, געשריבען איז עס אין פסוק, „וישלחו מן המחנה, ולא יטמאו את מחניהם", זיי זאָלען אוועקשיקען אלע טמאים פון דער מחנה דאָס איז די עשה, און זיי זאָלען ניט טמא מאכען די מחנה, איז דער לאו, געלערענט איז אויבען אין דער משנה, „הבא למקדש טמא, אלא מה טעמא?" אי וואָס איז דער טעם, וואָס ער האָט צוריקגעצויגען? דאָס איז צוליעב, ווייל עס איז איהם שווער געווען פון „אונס". א) דען מיר האָבען געלערענט ביי דעם דין ווען איינער האָט פארגוואלטיגט א מיידעל, איז דאָך דאָ, א עשה „ולו תהיה לאשה", דאָס ער מוז איהר נעמען פאַר א פרוי. און א לאו „לא יוכל לשלחה", דאָס ער קען איהר קיינמאָהל ניט אוועק־שיקען, האָבען מיר געלערענט, אויב דער פערגוואלטער האָט איהר נאכהער געג'גט, „אם ישראל", איז ער א ישראל, נעמט ער איהר צוריק, און עס קומט איהם ניט קיין מלקות, אויב ער איז א כהן, קומט איהם מלקות און ער קאָן איהר ניט צוריקנעמען, איז דאָ א פראגע אויב ער איז א ישראל, נעמט ער איהר צוריק, און עס קומט איהם ניט קיין מלקות, „אמאי?" ווארום? „לא תעשה שקדמו עשה הוא?" עס איז דאָך אזא לא תעשה וואָס האָט פריהער אַן עשה, זאָל איהם קומען מלקות? האָט עולא געזאָגט אלס ענטפער, „לא יאמר", האָט ער ניט געזאָלט זאָגען ביי אונס „לו תהי' לאשה", „וליגמר", און איך זאָל עס ארויסלערנען פון מוציא שם רע, אַז איינער ברענגט ארויס א שלעכטען נאָמען אויף א אידישע טאָכטער, וואָס איז דער זעלבער דין ווי ביי אונס, וואָלט איך געזאָגט א קל וחומר, מאדאָך א מוציא שם רע, וואָס האָט קיין מעשה ניט געטאָן נאָר בלויז גערעדט,האָט די תורה שוין געזאָגט ולו תהיה לאשה, א אונס וואָס האָט איהר פארגוואלטיגט, איז דאָך א געוויס, אַז ער קאָן איהר ניט אוועקשיקען? וואָסדען? שטעהט ולו תהי' לאשה? „אם אין ענין" אויב איך קען עס ניט לאָזען אלס עשה אויף בעפאָר דעם לאו, „תניהו ענין", אַזוי לאָז עס אויף נאָך דעם לאו, אַז אויב ער האָט יאָ געג'גט, זאָל ער איהר מוזען צוריקנעמען. ב) „ואכתי", איז דאָך נאָך אלץ שווער, „אונס ממוציא שם

ממוציא שם רע לא גמר? דאיכא למיפרך מה למוציא שם רע שכן לוקה ומשלם? ג) אלא לא יאמר לו תהי' לאשה במוציא שם רע, וליגמר מאונס? ומה אונס שאינו לוקה ומשלם אמר רחמנא לו תהי' לאשה, מוציא שם רע לא כל שכן, ולמה נאמר? אם אינו ענין למוציא שם רע, תניהו ענין לאונס אם אינו ענין לפניו, תניהו ענין לאחריו, ומוציא שם רע מאונס נמי לא גמר, דאיכא למיפרך מה לאונס שכן עשה מעשה? אלא לא יאמר, לו תהיה לאשה במוציא שם רע שהרי אשתו הוא, למה נאמר אם אינו ענין למוציא שם רע תניהו ענין לאונס ואם אינו ענין לפניו תניהו ענין לאחריו? ד) ואימא? ואם אינו ענין לפניו דמוציא שם רע. תניהו ענין לאחריו דידיה דלא לקי? אין הכי נמי, ואתי אונס וגמר מיניה, במאי גמר מיניה? אי בקל וחומר אי במה מצינו, איכא

רע לא גמר", איך קען נאך אלץ ניט ארויסלערנען אונס פון מוציא שם רע, ווייל איך קען דאך אפפרעגען, ווייסט דו ווארום ביי מוציא שם רע מוז ער איהר צוריקנעמען ווייל עס האט אויך די חומרא, וואס מיט מלקות קומט מיט באַ־צאהלונג? אבער ניט אזוי איז ביי אונס. ג) אלא זאגט די גמרא, ווען איך זאל זאגען פארקערט, אז ער זאל ניט זאגען, ולו תהי' לאשה ביי מוציא שם רע, און איך זאל עס ארויסלערנען פון אונס מיט א קל וחומר. מאדאך אונס וואס איז ניט דא מלקות מיט באצאהלונג צוזאמען האט די תורה געזאגט ולו תהי' לאשה, און דאך ביי מוציא שם רע א געווים אז ער מוז איהר האלטען? און ווארום שטעהט ולו תהי' לאשה, און אזוי באלד דער ענין איז ניט נויטיג פאר מוציא שם רע, גיב דעם ענין פאר אונס און ניט בעפאר דעם לאו נאר נאך דעם לאו? קען איך אבער דאס אויך אפפרעגען, ווייל מוציא שם רע פון אונס קען איך אויך ניט ארויסלערנען, דורך דער פראגע, ווייסט דו ווארום ביי אונס מוז ער איהר צוריקנעמען? ווייל ער האט געטאן א מעשה? קומט דאך אויס דאס ביי ביידע געגענשטענדע קען מען אפפרעגען, „אלא", איז נאר אזוי צו זאגען, „לא יאמר", זאל ער ניט זאגען ולו תהי' לאשה ביי מוציא שם רע? זי איז דאך שוין זיין פרוי, און ווארום זאגט ער עס יא? אויב עס האט ניט קיין ענין ביי מוציא שם רע, גיב דעם ענין פאר אונס, און ניט בעפאר דעם לאו, נאר נאך דעם לאו, דאמיט עס זאל זיין א לאו „הניתק לעשה", דער לאו זאל אוועקגערוקט ווערען דורך די עשה, עס זאל איהם ניט קומען קיין מלקות אויב ער נעמט איהר צוריק. ד) דורך דעם „אם אין ענין" ביי מוציא שם רע ווילסט דו איבערוקען דעם פסוק ולו תהי' לאשה אויף אונס, איז האך שווער, „ואימא?" לאמיר זאגען, אם אינו ענין ביי מוציא שם רע אליין, אזוי ווי איך דארף ניט האבען דעם ולו תהי' לאשה פאר בעפאר דעם לאו, זאל מען עס אבליינען פאר נאך דעם לאו אויף אוועקצורוקען דעם לאו „לא יוכל לשלח" אז עס זאל איהם ניט קומען קיין מלקות? זאגט די גמרא, „אין הכי נמי", טאקע יא, און איך זאל דאס ארויסלערנען אונס פון מוציא שם רע. פרעגט די גמרא „במאי", מיט וואס זאל איך עס ארויסלערנען? צו מיט א קל וחומר צו מיט א מה מצינו?

למיפרך (כדפרכינן) מה למוציא שם רע שכן לא עשה מעשה? אלא אמר רבא כל ימיו בעמוד והחזיר, וכן כי אתא רבין, אמר ר' יוחנן כל ימיו בעמוד והחזיר. ה) אמר ליה רב פפא לרבא, והא לא דמי לאויה ללאו דחסימה? אמר ליה משום דכתב ביה רחמנא עשה יתירה מיגרע גרע? אי הכי לאו שניתק לעשה נמי לימא משום דכתב ביה רחמנא עשה יתירה מיגרע גרע? אמר ליה ההוא לנתוקי לאו הוא דאתי. ו) הניחא למאן דאמר ביטלו ולא ביטלו, אלא למאן דאמר קיימו ולא קיימו מאי איכא למימר? (דף ט"ז ע"ב) מידי הוא טעמא אלא לר' יוחנן, האמר ליה ר' יוחנן לתנא, תני ביטלו חייב ולא ביטלו פטור, דתני תנא קמיה דר' יוחנן כל מצות לא תעשה שיש בה קום עשה, קיים

קומט דאָך אָבער צוריק די ערשטע פראַגעס, „איכא למיפרך", איך קאָן דאָך אָבפרעגען די ביידע פונקטען ביי מוציא שם רע איז ניט דאָ קיין מעשה און ביי אונס איז ניט דאָ מלקות מיט תשלומין צוזאַמען? אלא האָט רבא געזאָגט, דורך דעם איז ניט דאָ קיין מלקות ביי אונס אין פאַל ער גט איהר אָב, ווייל עס שטעהט אין פסוק „כל ימיו", וואָס מיינט ער מוז איהר אלע מאָהל צוריק־נעמען, עס וואָלט געווען געגוג עס זאָל שטעהן „לא יוכל לשלחה", אָהן כל ימיו דאָס איז באַוויז אז מיט דעם צוריקנעמען פאַריכט ער די עבירה פון לאו, דאריבער קומט איהם ניט קיין מלקות, און אַזוי אויך ווי רבין איז אָנגעקומען האָט ער געזאָגט פון ר' יוחנן'ס וועגען דאָס זעלבע. (מה מצינו מיינט צוויי גלייכע געגענשטאַנדע לערענט מען ארויס איינס פון צווייטען). ה) רב פפא האָט געזאָגט צו רבא פרעגענדיג, „והא לא דמי לאויה ללאו דחסימא?" עס איז דאָך ניט גלייך זיין לאו (דער לאו פון אונס) צום לאו פון חסימה, ווי שוין אויבען דערקלערט שטעהט דער לאו פון חסימה נעבען מלקות ארויסצולערנען, דאָס אום עס זאָל קומען מלקות, מוז דער לאו גלייך זיין צום לאו פון חסימה, און דאָ איז דאָך דאָ אַן עשה צום לאו? „אמר ליה משום דכתב ביה עשה יתירה מיגרע גרע?" האָט ער איהם געענטפערט פרעגענדיג, און דאדורך אַז עס איז דאָ נאָך אַן עשה, איז שוין דער לאו מינדערוויכטיג? „אי הכי", אויב אַזוי קענסט דו דאָך זאָגען אויף א לאו הניתק, אַז די עשה מאכט מינדערוויכטיג דעם לאו? האָט ער איהם געזאָגט, אַז ביי לאו הניתק מאכט די עשה צום אוועקרוקען דעם לאו און די עשה שטעהט טאַקע נאָך דעם לאו. ו) וועגען לאו הניתק לעשה איז דאָ אַן אונטערשיעד אין דער מיינונג, איינער האַלט אַז עס מוז זיין „ביטלו", אַז ער האָט פאַרניכטעט די עשה ווי צום ביישפּיעל ביי פסח, „לא תותירו ממנו עד בקר והנותר ממנו עד בקר באש תשרופו", איהר זאָלט ניט איבערלאָזען פון קרבן פסח ביז אין דער פריה, און אויב איבערגע־לאָזען זאָלט איהר עס פאַרברענען, האַלט איינער דאָס עס קומט איהם ניט קיין מלקות סיידען ער האָט פאַרניכטעט די עשה, דהיינו ער האָט א נדר געטאָן ניט צו פאַרברענען. דער צווייטער האַלט „קיימו ולא קיימו", דאָס מיינט אויב ער האָט ניט מקיים געווען די עשה פון פאַרברענען, ביי זיין ערשיינונג פאַר

עשה שבה, פטור, ביטל עשה שבה חייב, אמר ליה מאי קא אמרת? קיים פטור לא קיים חייב, ביטל חייב לא ביטל פטור? תני ביטלו ולא ביטלו. ז) ור' שמעון בן לקיש אומר קיימו ולא קיימו, במאי קא מיפלגי? בהתראת ספק קא מיפלגי, מר סבר התראת ספק שמיה התראה ומר סבר התראת ספק לא שמיה התראה, ואזדי לטעמייהו, דאיתמר שבועה שאוכל ככר זה היום ועבר היום ולא אכלה, ר' יוחנן וריש לקיש דאמרי תרווייהו אינו לוקה, ר' יוחנן אומר אינו לוקה (דף

דעם בית דין פאר התראה קומט איהם שוין מלקות, און דאס איז וואס די גמרא פרעגט דא, „הניחא", דאס וואס רבא ענטפערט אויבען, אז אלע זיינע טעג איז ער אין דער מעגליכקייט זי צוריקצונעמען דאריבער איז עס א לאו הניתק, דאס איז רעכט נאך דעם, וואס האלט ביטלו ולא ביטלו צו ער האט פארניכטעט די עשה, און אזוי באלד ער האט ניט פארניכטעט די מעגליכקייט זי צוריקצונעמען הייסט ער כל ימיו בעמוד והחזיר, אבער נאך דעם וואס האלט קיימו ולא קיימו קומט דאך איהם, באלד ווי דער ב"ד הייסט איהם מקיים זיין — מלקות, הייסט דאך דאס שוין ניט כל ימיו בעמוד והחזיר? דען דער פסוק כל ימיו באציהט זיך ביז בית־דין'ס התראה, ניט אנבעלאנגט זיין ווילען, טא ווי אזוי איז א באווייז אויף א לאו הניתק? ענטפערט די גמרא, „מידי הוא טעמא?" איז עס דען א טעם, נאר נאך ר' יוחנן, דאס מיינט, דער ענטפער פון כל ימיו בעמוד והחזיר איז נאר נאך ר' יוחנן, וואס איהם איז שווער געווען אונס, וואס די ברייתא האט געזאגט אז עס קומט איהם ניט קיין מלקות, און נאך איהם נאך, האט מען פארענטפערט כל ימיו בעמוד והחזיר צו מאכען עס פאר א לאו הניתק לעשה, און ר' יוחנן האט דאך געזאגט צום תנא, לערן „ביטלו חייב ולא ביטלו פטור", דאס מיינט ר' יוחנן האלט טאקע נאר אויב ער האט פארניכטעט די עשה איז ער חייב, „דתני תנא קמיה דרי יוחנן", דען דער תנא האט געלערענט פאר ר' יוחנן אז יעדער געבאט פון א לאו וואס דערויין איז דא א עשה צו טהאן, האט ער מקיים געווען די עשה פון איהם איז ער פטור, האט ער פארניכטעט די עשה פון איהם איז ער חייב, אויף דעם פרעגט די גמרא, „מאי קא אמרת?" וואס זאגסטו דא? קיים ולא קיים אדער ביטלו ולא ביטלו, דו מישט דאך אויםביידע טהעאריעס צוזאמען? דארויף ענטפערט ער, „תני ביטלו ולא ביטלו", דאס מיינט לערען טאקע מיט די ווערטער ביטלו ולא ביטלו, אז נאר ווען ער איז מבטל די עשה. ז) ריש לקיש זאגט אז נאר „קיימו ולא קיימו", אויב דאס בית דין האט איהם געזאגט ער זאל מקיים זיין די עשה און ער איז ניט מקיים באקומט ער מלקות, „במאי קמיפלגי", אין וואס קריגען זיי? „בהתראת ספק", אין א צווייפעלהאפטע ווארנונג דען די ווארנונג דארף זיין ווערהענד ער פאנגט אן די עבירה, און כל זמן ער האט צייט מקיים צו זיין די עשה איז די התראה ניט אין צייט, דאריבער הייסט זי התראת ספק, ר' יוחנן וואס האלט אז עס קומט איהם מלקות, ערשט, ווען ער איז מבטל די עשה וויל ער האלט אז

ט״ז ע״א) משום דהוי לאו שאין בו מעשה וכל לאו שאין בו מעשה אין לוקין עליו ריש לקיש אומר אינו לוקה משום דהוי התראת ספק, וכל התראת ספה לא שמיה התראה. א) ותרווייהו אליבא דר׳ יהודה דתניא (שמות י״ב) ולא תותירו מנו עד בקר, והנותר ממנו עד בקר וגו׳ בא הכתוב ליתן עשה אחר לא תעשה לומר שאין לוקין עליו, דברי ר׳ יהודה ר׳ יוחנן דייק הכי טעמא דבא הכתוב, הא לא בא הכתוב לוקה, אלמא התראת ספק שמיה התראה, וריש לקיש דייק הכי, טעמא דבא הכתוב, הא לא בא הכתוב לוקה אלמא לאו שאין בו מעשה לוקין עליו. ב) ור״ש בן לקיש נמי הא ודאי התראת ספק הוא? סבר לה כאידך תנא דר׳ יהודה,

---

התראת ספק איז א גוטע התראה, ריש לקיש דאגעגען האלט אז התראת ספק הייסט ניט קיין התראה, און דאריבער זאָגט ער קיימו ולא קיימו, דהיינו דאָס בית דין מאכט עס פאַר א זיכערע התראה, זי זאָגט צו איהם זיי מקיים די עשה ווען ניט וועט דיר קומען מלקות, מאכט דאָך דאָס בית דין די צייט פון מקיים זיין מיט די התראה צוזאמען און געוויס איז דאָס א זיכערע און ניט א ספק התראה און דאריבער קען ריש לקיש ניט זאָגען ווי ר׳ יוחנן ביטלו ולא ביטלו, „ואזדי לטעמייהו״, און זיי געהען נאָך זייער טעם נאָך דען מיר האָבען געלערענט, „שבועה״, אז איינער שווערט איך זאָל עסען דאָס ברויט היינט, און דער טאָג איז אַריבער און ער האָט עס ניט געגעסען זאָגען ר׳ יוחנן און ריש לקיש ביידע, עס קומט איהם ניט קיין מלקות, ר׳יוחנן׳ס מיינונג איז ווייל ער איז א לאו אָהן א מעשה, ער האָט דאָך גאָרניט געטאָן, און ריש לקיש׳ס מיינונג איז ווייל עס איז א התראת ספק, און עס הייסט ניט קיין התראה. א) „ותרווייהו אליבא״, אוןביידע ריכטען זיך נאָך ר׳ יודא, דען מיר האָבען געלערענט „ולא תותירו ממנו עד בקר, והנותר ממנו עד בקר״, דער פסוק קומט דאָ געבען אַן עשה נאָך א לא תעשה צו זאָגען אז עס קומט ניט קיין מלקות, אזוי האלט ר׳ יודא, ר׳ יוחנן „דייק הכיי״, דרינגט אזוי, „טעמא״, גוט אז דער פסוק איז געקומען מיט אַן עשה, אָבער ווען דער פסוק קומט ניט, וואָלט איהם קומען מלקות, זעה איך דאָך וואויל, אז התראת ספק איז א גוטע התראה, דען אָהן א התראה קען דאָך קיין מלקות ניט זיין, און ריש לקיש דרינגט זיך ווידער אזוי, גוט איז, וואָס דער פסוק קומט מיט אַן עשה ווען ניט וואָלט איהם קומען מלקות זעה איך דאָך גוט, אז א לאו אָהן א מעשה קומט מלקות. ב) פרעגט די גמרא אויף ריש לקיש, עס איז דאָך זיכער, אז עס איז התראת ספק, קען מען דאָך אויך דרינגען אז התראת ספק איז א גוטע התראה? ענטפערט די גמרא ער האלט ווי די אנדערע ברייתא פון ר׳ יודא, „דתניא״, דען מיר האָבען געלערענט, „הכה זה והכה זה״, א פרוי וואָס איז גע׳גט געוואָרען פון א מאן, און אין די צוויי חדשים געהייראט צו אַן אנדער מאן, און צו זיבען חדשים געהאט א זוהן, וועלכער איז א ספק זוהן, געבאָרען צו ניין חדשים פון ערשטען מאן אָדער צו זיבען פון דעם צווייטען מאן, און די פראגע איז דאָ אויב דער זוהן האָט געשלאָגען איינעם און נאכהער דעם צווייטען, אָדער אזוי זיי געשאָלטען, אָדער ער האָט געשלאָגען

דתניא הכה זה וחזר והכה זה, קילל זה וחזר וקילל זה, הכה שניהם בבת אחת חייב, ר' יהודה אומר בבת אחת חייב בזה אחר זה פטור. ג) ור' יוחנן נמי, הא ודאי לאו שאין בו מעשה הוא? סבר לה כי הא דאמר רב אידי בר אבין אמר רב עמרם אמר רבי יצחק אמר ר' יוחנן, ר' יהודה אומר משום ר' יוסי הגלילי כל לא תעשה שבתורה לאו שיש בו מעשה לוקין עליו, לאו שאין בו מעשה אין לוקין עליו, חוץ מן הנשבע ומימר והמקלל את חבירו בשם. קשיא דר' יהודה אדרבי יהודה אי לר"ש

ביידע צוזאמען איז ער חייב, און דאָ איז דאָך א התראת ספק, דען טאָמער איז דאָס ניט זיין פאָטער, און ער איז חייב ווייל א התראת ספק איז א גוטע התראה, און „רי יהודה אומר", ר' יהודה זאָגט אז נאָר אין איינעם ווען ער שלאָגט זיי אָדער ער שעלט זיי איז ער חייב דאמאָלסט הייסט עס אַ זיכערע התראה ווייל אַלענפאלס איז איינער זיין פאָטער, אָט ווי דער ר' יודא האלט ריש לקיש אַז התראת ספק איז קיין התראה. ג) פרעגט די גמרא אויף ר' יוחנן, „הא ודאי", דאָס איז דאָך זיכער אז נותר איז לאו שאין בו מעשה, קען מען דאָך אויך דריינגען דערפון אז א לאו שאין בו מעשה קומט מלקות? ענטפערט די גמרא ער האלט ווי דאָס וואָס רב אידי בר אבין האָט געזאָגט פון רב עמרם'ס און ר' יצחק'ס און ר' יוחנן'ס וועגען, אז ר' יודא זאָגט פון ר' יוסי הגלילי'ס וועגען יעדע לא תעשה פון דער תורה איז עס א לאו מיט א מעשה קומט מלקות, אָהן א מעשה, איז קיין מלקות, „חוץ", אויסער שווערען און טוישען חולין מיט קדש און שעלטען זיין חבר מיט א שם. „קשיא", איז דאָך שווער פון ר' יודא אויף ר' יודא? אויבען ביי דער ברייתא פון נותר דריינגט זיך ר' יוחנן פון ר' יודא דאָס ער האלט אז התראת ספק איז א גוטע התראה, און באמת מוז איך דאָך אויך זאָגען דאָס ר' יודא האלט א לאו אָהן א מעשה קומט מלקות דען אויב ניט וואָלט דאָך ניט געדאַרפט שטעהן אַן עשה ביי נותר צו פטר'ען איהם פון מלקות, און אין דער צווייטער ברייתא ביי דעם ספק בן זאָגט ר' יודא ריין דאָס התראת ספק איז קיין התראה, און ר' יוחנן זאָגט אויך פון ר' יודא'ס וועגען אַז א לאו שאין בו מעשה קומט ניט קיין מלקות, דאן פון דער זעלבער ברייתא פון נותר דריינגט זיך ריש לקיש פון ר' יודא אַז א לאו אָהן א מעשה קומט מלקות, און דאָ אויך באמת מוז איך זאָגען דאָס ר' יודא האלט אויך אז התראת ספק איז א גוטע התראה, דען ווען ניט וואָלט מען ניט בעדאַרפט די עשה צו באפרייען איהם פון מלקות, און ריש לקיש האלט דאָך אז התראת ספק איז קיין התראה, און באַזירט עס אויף ר' יודא. קומט דאָך אויס דאָפּעלט שווער פון ר' יודא אויף ר' יודא סאַי נאָך ר' יוחנן סאַי נאָך ריש לקיש? ענטפערט די די גמרא, „אי לריש לקיש תרתי נמי אליבא דרי יודא", נאָך ריש לקיש איז ניט שווער ווייל צוויי תנאים זאָגען יעדער אנדערש אין נאָמען פון ר' יודא, „אי לרי יוחנן לאַ קשיא, הא דידיה הא דרביה", און נאָך ר' יוחנן איז ניט קיין קשיא ווייל וואָס ר' יוחנן האלט אז א לאו אָהן א מעשה קומט ניט קיין מלקות איז פון ר' יודא'ס רבי ר' יוסי הגלילי, אָבער ר' יודא אליין האלט אז

בן לקיש תרי תנאי אליבא דר' יהודה אי לר' יוחנן לא קשיא הא דידיה הא דרביה. ד) תנן התם הנוטל אם על הבנים ר' יהודה אומר לוקה ואינו משלח, וחכמים אומרים משלח ואינו לוקה, זה הכלל כל מצות לא תעשה שיש בה קום ועשה אין חייבין עליה, אמר ר' יוחנן אין לנו אלא זאת ועוד אחרת, אמר ליה ר' אלעזר היכא, אמר ליה לכי תשכח. ה) נפק דק ואשכח דתניא אונס שגירש, אם ישראל הוא מחזיר ואינו לוקה, ואם כהן הוא לוקה ואינו מחזיר הניחא למאן דתני קיימו ולא קיימו, אלא למאן דתני ביטלו ולא ביטלו, בשלמא גבי שילוח הקן משכחת לה, אלא אונס

עס קומט יאָ מלקות, לעולם דאַרף מעןביידע ענטפערס זאָגן נאָך ר' יוחנן סאַי נאָך ריש לקיש, נאָר ער ענטפערט איין תירוץ נאָר פאַר יעדען, צו פאַר־ענטפערען זייערע אייגענע סברות, ר' יוחנן'ס סברה לאו שאין בו מעשה, און ריש לקיש'ס סברה התראת ספק. ד) „תנן התם", מיר האָבען דאָרט אין א משנה געלערענט, דער וואָס נעמט אַרונטער די מוטער מיט די קינדער פון א נעסט, וואָס דער פסוק זאָגט „שלח תשלח האם ואת הבנים תקח לך", זאָלסט אוועק־שיקען די מוטער און די קינדער נעמען פאַר דיר. זאָגט ר' יודא אז עס קומט איהם מלקות און ער דאַרף מעהר ניט אוועקשיקען די מוטער דען דער פסוק זאָגט פריהער שיק אוועק די מוטער, דאַן ערשט מעגסט דו נעמען די קינדער, די חכמים זאָגען ער זאָל אוועקשיקען די מוטער אפילו נאכהער און עס קומט איהם ניט קיין מלקות, ווייל עס איז א לאו הניתק לעשה, ר' יודא האלט דאָס שלח תשלח מיינט בעפאָר אוועקשיקען, דאַריבער איז עס גלייך ווי די עשה וואָלט שטעהן בעפאָר דעם לאו, „לא תקח האם על הבנים", זאָלסט ניט נעמען די מוטער מיט די קינדער, „זה הכלל", דאָס איז דער כלל יעדער לאו וואָס דאביי איז א פאַרלאַנג שטעהע און טהו, קומט ניט קיין מלקות, ער האָט אימער צייט צו טאָן די עשה, האָט ר' יוחנן געזאָגט אויף דעם, „אין לנו אלא זאת ועוד אחרת", מיר האָבען ניט אַזאַ זאַך נאָר דאָ און נאָך איינע דאָס גלייכען, האָט ר' אלעזר געזאָגט צו איהם, וואו איז די זאַך? האָט ער איהם געזאָגט, געה אַרויס און געפין. ה) „נפק דק ואשכח", איז ער אַרויס געזוכט און געפונען, דען מיר האָבען געלערענט, „אונס שגירש", א פאַרגוואַלטער וואָס האָט גע'נט איהר, איז ער א ישראל, נעמט ער איהר צוריק, אָהן מלקות, אָבער אַלס א כהן קומט איהם מלקות און ער נעמט איהר ניט צוריק, „הניחא למאן דתני קיימו ולא קיימו?" די פראַגע איז, דאָס איז רעכט, מיינענדיג, דאָס וואָלט געווען רעכט וואָס ער זאָגט אויב ער נעמט איהר ניט צוריק, קומט איהם מלקות, ווען איך זאָל זאָגען קיימו ולא קיימו, אז דאָס בית דין איז איהם מתרה, זאָגענדיג צו איהם זיי מקיים די עשה און נעם איהר צוריק, ווען ניט באַקומסט דו מלקות, אויף דעם אָרט, איז עס א גוטע התראה, דען דאָס בית דין באַשטימט די צייט פון איסור מיט די התראה צוזאַמען, אָבער נאָך דעם וואָס לערענט „ביטלו ולא ביטלו", וואָס מיינט אז עס מוז קומען צו א צייט ווען ער איז מבטל אין גאַנצען די עשה, דאַן ערשט באַקומט ער מלקות, איז דאָס נאָר מעגליך ביי שילוח הקן,

ביטלו ולא ביטלו היכי משכחת לה אי דקטלה קם ליה בדרבה מיניה? אמר רב שימי מחוזנאה כגון שקיבל לה קידושין מאחר. ו) אמר רב אי שוויתיה שליח, איהי קא מבטלה ליה, אי לא שוויתיה שליח, כל כמיניה ולא כלום היא? אלא אמר ר' שימי מנהרדעא, כגון שהדירה ברבים, הניחה למאן דאמר נדר שהודר ברבים אין לו הפרה, אלא למאן דאמר יש לו הפרה מאי איכא למימר? דמדירה לה על דעת רבים דאמר אמימר הלכתא נדר שהודר ברבים יש לו הפרה על דעת רבים אין לו הפרה. ז) ותו ליכא? והא איכא (סימן גז"ל משכ"ן ופא"ה) גזל דרחמנא אמר (ויקרא י"ט) לא תגזול, והשיב את הגזלה, משכון דרחמנא אמר (דברים כ"ד) לא תבא אל ביתו לעבוט עבוטו, השב תשיב לו העבוט

און דאס וואס ער פרעגט, „בשלמא גבי שליח הקן", איז עס מעגליך ווען ער הרג'עט די מוטער פון דער נעסט קען ער דאך שוין ניט אוועקשיקען, קומט איהם מלקות, אבער ביי דעם אונס, וואס פאר א ביטלו קען דא זיין? „אי דקטלה", האט ער איהר גע'הרג'עט, „קם ליה בדרבה מיניה?" קומט איהם דאך א שטארקערע שטראף? עס קומט דאך איהם מיתה? האט רב שימי פון חוזאה געזאגט, „כגון שקיבל לה קידושין מאחר", אז עס שמועסט אז ער האט איהר געבראכט קידושין פון אן אנדערען, און ווען זי איז פארבונדען צו אן אנדערען, קען ער איהר שוין ניט צוריקנעמען און עס קומט איהם מלקות פאר מבטל זיין די עשה ולו תהי' לאשה. ו) האט רב געזאגט פרעגענדיג, „אי שוויתיה שליח, איהי קמבטלה ליה?" האט זי איהם געמאכט פאר א שליח צו ברייננגען איהר, קען זי דאך איהם צוריק מבטל זיין די שליחות, האט זי איהם ניט געמאכט פאר א שליח, „כל כמיניה, ולא כלום היא?" איז דען אלעם אזוי פון איהם? עס איז דאך גארניט, דאס מיינט האט ער דען א כח געזעצליך איהר צו ברייננגען קידושין? אלא זאגט ר' שימי פון נהרדעא, אז עס שמועסט, „כגון שהדירה ברבים", ער האט א נדר געטאן עפענטליך ניט צו נעמען איהר, פרעגט די גמרא, „הניחא", דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט אז א נדר ברבים, קען מען ניט פאר־שטערען הייסט טאקע פארניכטעט די עשה, אבער נאך דעם וואס זאגט אז אזא נדר קען מען אויך פארשטערען, קען ער דאך איהר צוריקנעמען? „מאי איכא למימר", וואס פאר א תירוץ איז דא צו זאגען? ענטפערט די גמרא, „דמדירה לה על דעת רבים", ער טהוט א נדר אויף דער דעה פון מעהרהייט מענשען, דען אמימר האט געזאגט אז די הלכה איז, א נדר וואס איז געמאכט ברבים קען מען איהם פארשטערען אבער אויף די דעה פון רבים קען מען איהם ניט פארשטערען, און דאמאלסט הייסט עס שוין מבטל געווען די עשה פון נעמען איהר און עס קומט איהם מלקות. ז) פרעגט די גמרא, „ותו ליכא?" און מעהר איז ניט דא? עס איז דאך נאך דא געגענשטענדע? ווי גזל וואס די תורה האט געזאגט א לאו „לא תגזול", זאלסט ניט רויבען, און אן עשה „והשיב את הגזלה", ער זאל צוריקקערען די גזלה, און ביי א משכון וואס די תורה האט געזאגט, „לא תבא אל ביתו לעבוט עבוטו", זאלסט ניט קומען אין בעל חוב'ס הויז צו נעמען

כבא השמש, ומשכחת לו בקיימו ולא קיימו ביטלו ולא ביטלו? התם כיון דחייב בתשלומין אין לוקה ומשלם. ח) מתקיף לה ר' זירא הא איכא משכונו של גר ומת הגר? (דף ט"ז ע"ב) התם גברא בר תשלומין הוא ושיעבודא דגר הוא דקא פקע. ט) והא איכא פיאה דרחמנא אמר (ויקרא כ"ג) לא תכלה פאת שדך וגו' לעני ולגר תעזוב אותם וגו' דמשכחת לה בקיימו ולא קיימו ביטלו ולא ביטלו דתנן מצות פיאה להפריש מן הקמה לא הפריש מן הקמה מפריש מן העומרין לא הפריש מן העומרין מפריש מן הכרי, עד שלא מירח מירחו, מעשר ונותן לו, כדרבי ישמעאל דאמר אף מפריש מן העיסה. י) ולר' ישמעאל נמי משכחת לה דאכל עיסה?

א משכון אויף א חוב, און אן עשה אויב דו האסט זיין משכון זאלסט דו איהם צוריקקערען בעפאר זונען אונטערגאנג, "ומשכחת לה", און די זיינען מעגליך "בקיימו ולא קיימו און ביטלו ולא ביטלו", דהיינו ער האט פארברענט דעם גזל און דאס משכון, דאס ער קען שוין מעהר ניט צוריקגעבען, אזוי איז דאך דא נאך זאכען וואס קומט מלקות ביי ביטלו ולא ביטלו? ענטפערט די גמרא, "התם כיון דחייב בתשלומין", דארט איז אנדערש, ווייל ער איז חייב צו באצאהלען אלענפאלס, און קיין צוויי שטראפען איז ניט דא, אזוי באצאהלט ער און ווערט ניט געשלאגען. ח) האט אויף דעם ר' זירא א קשיא געפערגט, "הא איכא משכונו של גר", עס איז דאך דא א משכון פון א גר? און ער האט פארברענט דעם משכון נאך ביים גר'ס לעבען און ווען דער גר שטארבט איז ניט דא וועמען צו באצאהלען, איז דאך דא נאך א געגענשטאנד וואס איז ביטלו ולא ביטלו? ענטפערט די גמרא, "התם גברא בר תשלומין", דארט איז דער מענש באצאהלפליכטיג דאריבער קומט איהם ניט קיין מלקות, אי וואס ער באצאהלט ניט, "שיעבודא דגר הוא דקא פקע", ווייל די אנגעהעריגקייט פון גר, איז ארויסגעצויגען געווארען, וואס מיינט דער שיעבוד איז אוועק מיט דעם וואס דער גר איז געשטארבען. ט) פרעגט די גמרא, "והא איכא פיאה?" עס איז דאך דא פיאה וואס די תורה האט געזאגט א לאו "לא תכלה פאת שדך", זאלסט ניט ענדיגען די עקען פון דיין פעלד, דאס הייסט זאלסט ניט אלעס אראפנעמען, און א עשה נאר צום ארימאן און צום גר זאלסט זיי איבערלאזען, "דמשכחת לה", און עס איז דאך מעגליך בקיימו ולא קיימו און ביטלו ולא ביטלו, "דתנן", דען מיר האבען דאך געלערענט אז די מצוה פון פיאה איז אבצושיידען פון די שטעהענדע תבואה אין פעלד, "לא הפריש מן הקמה", האט ער ניט אבגעשיידט פון קמה, זאל ער אבשיידען פון די בינטלעך, האט ער עס ניט געטאן, זאל ער אבשיידען פון דער הורמע, איידער ער האט אויסגעווינדעלט, האט ער שוין אויסגעווינדעלט איהר, איז עס שוין מחויב במעשר, זאל ער פריהער מעשר'ן און אוועקגעבען די פיאה, איז דאך מעגליך די פיאה צו פארברענען צו מבטל זיין די עשה, איהם זאל קומען מלקות? ענטפערט די גמרא, "כדרבי ישמעאל דאמר אף מפריש מן העיסה", אז עס שמועסט ווי ר' ישמעאל זאגט אז מען קען אויך אבשיידען פון טייג, איז דאך שוין ניט דא וואס צו

אלא זאת ועוד אחרת אהא, אבל אונס לא, דהיכא אמרינן על דעת רבים אין לו הפרה לדבר הרשות, אבל לדבר מצוה יש לו הפרה, כי הא דההוא מקרי דרדקי דהוה פשע בינוקי אדריה ר' אחא ואהדריה רבינא דלא אשתכח דדייק כוותיה: י"א) והאוכל נבילות שקצים ורמשים וכו': אמר רב יהודה האי מאן דאכל ביניתא דבי כרבא מלקינן ליה משום (שם י"א) שרץ השורץ על הארץ, ההוא דאכל ביניתא דבי כרבא ונגדיה ר' יהודה. י"ב) אמר אביי אכל פוטיתא לוקה ארבעה ונמלה לוקה חמש, משום שרץ השורץ על הארץ, צרעה לוקה שש משום (דברים י"ד) שרץ

פארברענען. י) פרעגט די גמרא נאָך רבי ישמעאל איז דאָך אויך מעגליך דערביי ביטלו ולא ביטלו, „דאכל עיסה", אז ער האָט אויפגעגעסען דאָס טייג? אלא זאָגט די גמרא, „זאת ועוד אחרת", דאָס וואָס ר' יוחנן זאָגט אויבען, אז דאָס און נאָך אן אנדערס דער גלייכען, געהט אויף דעם, דאָס הייסט אויף פיאה, אָבער אויף אונס ניט, אַ ביי אונס זאָגסט דו דאָך, אז מען קען א נדר טאָן אויף דעת רבים וואָס איז קיין הפרה? אויף דעם זאָגט די גמרא, „דהיכא אמרינן על דעת רבים אין לו הפרה, לדבר הרשות", ווען זאָג איך דאָס, אז עס העלפט ניט קיין הפרה נאָר ביי א פריוואט זאך, אָבער ביי א מצוה זאך ווי ביי דעם אונס וואָס די תורה זאָגט ולו תהי' לאשה, העלפט יאָ א פארשטערונג „כי הא", אזוי ווי די געשיכטע פון א קינדער פסוק מלמד, „דהוה פשע בינוקי", וואָס ער האָט מיסהאנדעלט די קינדער, „אדריה רי אחא", האָט איהם ר' אחא גע'אסר'ט דורך א נדר ניט צו לערנען מיט קינדער, און רבינא האָט איהם צוריק מתיר געמאכט, „דלא אשתכח דדייק כוותיה", ווייל עס געפינט זיך ניט אזא מלמד וואָס לערענט פינקטליך, ווי ער, מען קען זאָגען נאָך א פשט אז עס געהט ארויף אויף ר' יוחנן וואָס האָט געזאָגט צו ר' אלעזר געה און זיי מדייק און זוך נאָך אזא זאך, זאָגט ער דאָ דאָס קיינער האָט ניט מדייק געווען אזוי צו געפינען ווי ר' יוחנן, דאָס הייסט ר' אלעזר האָט ניט געפונען. י"א) אין באצוג צו דער משנה, „והאוכל נבלות וכוי" האָט רב יודא געזאָגט דער וואָס עסט א ווערימעל פון קרויט, שלאָגט מען איהם מלקות צוליעב דעם פסוק „שרץ השורץ על הארץ", עס איז געווען איינער וואָס האָט געגעסען א ווערימעל פון קרויט האָט איהם רב יודא געשלאָגען מלקות. י"ב) אביי האָט געזאָגט, אז מען עסט א פוטיתא, א וואסער שרץ קומט פיער מלקות, צוויי לאווין זיינען געשריבען ביי שרץ המים איינער אין ויקרא י"א און איינער אין דברים י"ד, און צוויי לאוין, „ולא תשקצו את נפשותיכם בכל השרץ השורץ ולא תטמא בהם", איהר זאָלט זיך ניט פאראומווירדיגען מיט קיין שום שרץ און זאָלט זיך ניט פאראומ־ריינינגען, איז צוזאמען פיער לאוין, פאר נמלה קומט פינף מלקות, אויב ער האָט איהר גאנצערהייט געשלונגען ווייל א גאנצע בריה דארף ניט זיין א כזית, צוויי לאוין פון סתם שרץ און דריי לאוין פון שרץ הארץ וואָס איז אין ויקרא, און פאר אביהן איז דאָ זעקס מלקות, פינף ווי פאר נמלה, און איינער ווייל שרץ העוף אין משנה תורה„ וכל שרץ העוף טמא הוא לכם לא יאכלו", יעדע פלי־

העוף, אמר רב אחאי המשהה את נקביו עובר משום (ויקרא כ') לא תשקצו, אמר רב ביבי בר אביי האי מאן דשתי בקרנא דאומנא קא עבר משום לא תשקצו. י"ג) אמר רבא בר רב הונא ריסק תשעה נמלים והביא אחד חי והשלימן לכזית לוקה ו', ה' משום ברייה ואחד משום כזית נבלה, רבא אמר ר' יוחנן אפילו שנים והוא, רב יוסף אמר אפילו אחד והוא ולא פליגי הא ברברבי והא בזוטרי: ט"ו) אכל טבל ומעשר ראשון וכו': אמר רב אכל טבל של מעשר עני לוקה, כמאן כי האי תנא דתניא אמר ר' יוסי יכול לא יהא חייב אלא על הטבל שלא הורם ממנו כל עיקר, הורם ממנו תרומה גדולה ולא הורם ממנו מעשר ראשון, מעשר ראשון ולא מעשר שני, ואפילו מעשר עני מנין תלמוד לומר (דברים י"ב) לא תוכל

הענדע ווערימעל איז טמא פאר אייך עס זאל ניט ווערען געגעסען. ר' אחאי האט געזאגט דער וואס צעגערט זיין אויסגאנג איז ער עובר צוליב לא תשקצו איהר זאלט זיך ניט פארשמוצען, רב ביבי בר אביי האט געזאגט, „האי מאן דשתי בקרנא דאומנא", דער וואס טרינקט וואסער דורך א רערעל פון בלוט־צאפען איז ער עובר צוליעב לא תשקצו, די זאכען זיינען שעדליך סאי צום גוף סאי צו דער נשמה, אונזערע חכמים האבען דאס געזעהן אין דער תורה. י"ג) רבא בר רב הונא האט געזאגט, „ריסק תשעה נמלים", אז ער האט צוריבען ניין נמלים און איינעם געבראכט לעבעדיג צו ערגענצען אלע פאר א כזית קומט איהם מלקות זעקס, פינף צוליעב דער ברייה, ווי אויבען שוין געזאגט און איין לאו צוליעב דעם כזית נבלה דען די לעבעדיגע וואס ער האט געשלונגען, אלס טויטע ערגענצט דעם כזית נבלה. רבא האט געזאגט פון ר' יוחנן'ס וועגען אז אפילו צוויי און דער לעבעדיגער, רב יוסף זאגט אפילו איינער און דער לעבעדי־גער, „ולא פליגי", און זיי קריגען ניט, „הא ברברבי והא בזיטרי", די וואס זאגען מיט וויינינגער מיינען גרעסערע און דער וואס זאגט ניין מיינט ער קלענערע, אלץ עס זאל קומען צו א כזית, כזית מיינט די גרוים ווי א מיטעלע אליף. י"ד) אין באצוג צו דער משנה — „אכל טבל ומעשר ראשון", האט רב געזאגט אז ער האט געגעסען טבל פון מעשר עני, וואס מיינט אזא תבואה וואס איז נאך ניט ארונטערגענומען די מעשר פאר ארימעלייט, קומט איהם מלקות, „כמאן?" ווי ווער וועט דאס אויסקומען, ענטפערט די גמרא, „כי האי תנא", עס וועט אויסקומען ווי דער תנא, „דתניא", דען מיר האבען געלערענט ר' יוסי האט געזאגט „יכול", איך וואלט מיינען ער זאל ניט חייב זיין נאר אויף אזא טבל, „שלא הורם ממנו כל עיקר", וואס איז נאך גארניט אבגעשיידט ניט קיין תרומה ניט קיין מעשרות, פון וואנען ווייס איך, אויב ער נאר תרומה גדולה אבגעשיידט, אדער נאר מעשר ראשון, אדער אויך מעשר שני, פון וואנען ווייס איך דאס אפילו מעשר עני איז ער שוין עובר אויף א לאו? ענטפער, עס שטעהט אין פסוק „לא תוכל לאכול בשעריך", דו קענסט ניט עסען די אלע קדשים אין דיינע טויערען נאר אין ירושלים, איז דאך שווער, עס איז דאך דא אזעלכע קדשים וואס מען טאר אפילו אין ירושלים ניט עסען, אויף דעם זאגט די גמרא, „ולהלן

לאכול בשעריך וגו' ולהלן הוא אומר (שם כ"ו) ואכלו בשעריך ושבעו, מה להלן מעשר עני אף כאן מעשר עני, ואמר רחמנא לא תוכל. ט"ז) אמר רב יוסף כתנאי ר' אלעזר אומר אין צריך לקרות את השם על מעשר עני של דמאי וחכמים אומרים (דף י"ז ע"א) קורא את השם ואינו צריך להפריש, מאי לאו בהא קא מיפלגי דמר סבר ודאי טובלו ומר סבר ודאי אין טובלו. א) אמר ליה אביי אי הכי אדמיפלגי בספיקו ליפלגו בודאי? אלא דכולי עלמא ודאי טובלו, והכא בהא קא מיפלגי מר סבר לא נחשדו עמי הארץ על מעשר עני של דמאי, כיון דממונא הוא פרושי מפריש ורבנן סברי כיון דטריחא ליה מלתא לא מפריש: ב) כמה יאכל

הוא אומר", און ווייטער שטעהט אין פסוק „ואכלו בשעריך ושבעו", אז דער גר און יתום און אלמנה זאלען עסען און זיין זאט, וואס עס מיינט מעשר צו ארימעלייט, אזוי מיינט מען דא לא תוכל לאכול בשעריך, דו זאלסט ניט עסען אלע תבואות וואס זיינען נאך געמישט מיט די תרומות און מעשרות און אפילו מעשר עני, אבוואהל ניט הייליג איז זאלסט דו ניט עסען. ט"ו) ר' יוסף האט געזאגט „כתנאי", עס קריגען אין דעם תנאים, ר' אלעזר זאגט, נאך דעם איינפיהר אז קויפענדיג תבואה ביי אן עם הארץ וואס זיינען חשוד געגען מעשר, מוזען אבשיידען אלע מעשרות און אויפהאלטען ביי זיך, מעשר שני מוז ווערען געגעסען אין ירושלים, און דעם דריטען יאהר מעשר וואס הייסט מעשר עני קריגען ר"א מיט חכמים, זאגט ר"א אז מען דארף ניט אבשיידען קיין מעשר עני און אפילו ניט אנרופען א נאמען אויפ'ן בארג תבואה אז אין א געוויסער זייט זאל זיין מעשר עני, און די חכמים זאגען, „קורא את השם", אז ער לייגט יא א נאמען פון מעשר עני אין א געוויסער ריכטונג פון דעם בארג תבואה, כדי ער זאל דערווייל מעגען עסען פון דעם בארג, אבער אבשיידען דארף ער ניט, „מאי לאו?" מיינסט דו ניט, „בהא קמיפלגי", אז אין דעם קריגען זיי, אז די רבנן האלטען, „ודאי טובלו", אז טבל פון מעשר עני הייסט זיכערער טבל, דאריבער מוז ער לייגען דעם נאמען פון מעשר עני, אז ניט קען ער ניט עסען פון די הורמע, און ר' אלעזר האלט אז עס איז זיכער ניט קיין טבל. א) האט צו איהם אביי געזאגט פרעגענדיג, „אי הכי", אויב זיי קריגען אויף דמאי, צו עס איז פערהאנען טבל געגען מעשר עני, „אדמיפלגי בספיקו", דארפען זיי קריגען אויף דמאי וואס הייסט אויף ספק גע'מעשר'ט, „ליפלגי בודאי", זאלען זיי ריין קריגען אויף זיכערען טבל? אלא זאגט די גמרא די גאנצע וועלט האלט, עס הייסט זיכערער טבל, „והכא בהא קמיפלגי", נאר דא קריגען זיי איינער האלט, „לא נחשדו עמי הארץ על מעשר עני", דאס דער איינפאכער פאלק איז ניט אין פערדאכט אויף מעשר עני פון דמאי, „כיון דממונא היא אפרושי מפריש", ווייל עס איז א געלד זאך ניט קיין איסור, האט ר' אלעזר ניט קיין מורא און ער גלויבט זיי, אבער די חכמים האלטען, „כיון טריחא ליה מלתא", ווייל עס איז א באמיהונג פאר איהם וועט ער ניט אבשיידען דאריבער זאגען די חכמים ער זאל לייגען פאר דעם עסען פון בארג תבואה א נאמען פון מעשר עני: ב) אין באצוג

מן הטבל וכו׳: אמר רב ביבי אמר ר׳ שמעון בן לקיש מחלוקת בחטה אבל בקמח דברי הכל כזית, ור׳ ירמיה אמר ר׳ שמעון בן לקיש כמחלוקת בזו כך מחלוקת בזו. ג) תנן אמר להם ר׳ שמעון אי אתם מודים לי באוכל נמלה כל שהיא שהוא חייב, אמרי לו מפני שהוא כברייתה, אמר להן אף חטה אחת כברייתה חטה אין קמח לא. ד) לדבריהם קאמר להו, לדידי אפילו קמח נמי אלא לדידכו אודו לי מיהת דחטה אחת כברייתה, ורבנן? בריית נשמה חשובה חטה לא חשובה. ה) תניא כוותיה דרבי ירמי׳ רבי שמעון אומר כל שהוא למלקות, לא אמרו כזית אלא לענין קרבן. ו **מתני׳**. האוכל ביכורים עד שלא קרא עליהם, קדשי קדשים חוץ לקלעים, קדשים קלים ומעשר שני חוץ לחומה, השובר את העצם

צו דער משנה, „כמה יאכל מן הטבל וכו׳", האָט רב ביבי געזאָגט פון ריש לקיש וועגן, אז די מחלוקת אין דער משנה איז ביי ווייץ דאָס מיינט ביי די קערנער, אָבער ביי מעהל האלט די גאנצע וועלט אז דער שיעור איז כזית, און ר׳ ירמי׳ זאָגט פון ריש לקיש וועגן, „כמחלוקת בזו", אזוי ווי די מחלוקת איז ביי קערנער אזוי איז ביי מעהל. ג) זאָגט די גמרא איך וועל דיר פרעגען, „תנן", מיר האָבען געלערענט אין די משנה דאָ, „אמר להם", האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו זיי, „אי אתם מודים לי?" זענט איהר מיר דען ניט מודה, „באוכל נמלה כל שהוא", אז איינער עסט א נמלה ווי קליין עס איז, אז ער איז חייב האָבען זיי איהם געזאָגט, „מפני שהוא כברייתה", ווייל זי איז ווי איהר בעשאפונג, האָט ער צו זיי געזאָגט, „אף חטה", אזוי אויך דאָס קערענדעל איז ווי איהר בעשאפונג, זעהסט דו דאָך אזוי וואויל, „חטה אין קמח לא", אז חטה יאָ און קמח ניט? ד) ענטפערט די גמרא, „לדבריהם קאמר להו", נאָך זייערע רייד האָט ר׳ שמעון צו זיי גע׳טענה׳ט, „לדידי", נאָך מיר נאָך איז אפילו קמח אויך א כל שהוא וויפיל עס איז, „אלא לדידכו", אָבער נאָך אייך נאָך, „אודו לי מיהת", זייט איהר כאָטש מודה ביי א חטה וואָס איז ווי איהר בעשאפונג, „ורבנן בריית נשמה חשובה", און די רבנן ענטפערען, אז א לעבעדיגע בעשאפונג איז חשוב, אָבער א חטה איז ניט חשוב. ה) מיר האָבען געלערענט אזא גלייכונג ווי ר׳ ירמי׳ האָט געזאָגט, אז אלעס איז א כל שהוא, ר׳ שמעון זאָגט, „כל שהוא למלקות", אז א שיעור פון עטוואָס איז געגען מלקות, „לא אמרו כזית" די חכמים האָבען ניט געזאָגט דעם שיעור כזית נאָר געגען א קרבן און דאָס איז הלכה למשה מסיני, און דער וואָס האלט א כזית אויך געגען מלקות, באציהט זיך די הלכה למשה מסיני אויך געגען מלקות, לויט זיין שטה. ו) משנה. האוכל אז איינער עסט ביכורים, (די ערשטצייטיגע פרוכט וואָס מען ברייננגט צו ירושלים און מען לייענט דערביי די פרשה פון ארמי אובד אבי), „עד שלא קרא" בעפאָר ער האָט נאָך געלייענט די פרשה, קדשי קדשים אויב זיי זיינען געגעסען געוואָרען, „חוץ לקלעים", אין צייט פון משכן איז געווען דער פלאץ אָבגעטיילט מיט פאָרהאנגען, קדשים קלים און מעשר שני אויב זיי זיינען געגעסען געוואָרען „חוץ לחומה", דאָס מיינט אויסעיד דעם מויער פון ירושלים, „השובר", איינער צו־

בפסח הטהור הרי זה לוקה ארבעים, אבל המותיר בטהור והשובר בטמא אינו לוקה ארבעים, הנוטל אם על הבנים ר' יהודה אומר לוקה ואינו משלם וחכמים אומרים משלם ואינו לוקה, זה הכלל כל מצות לא תעשה שיש בה קום ועשה אין חייבין עליה. ז) **גמ'.** אמר רבה בר בר חנא אמר ר' יוחנן, זו דברי ר' עקיבא סתימתאה, אבל חכמים אומרים ביכורים הנחה מעכבת בהן קריאה אין מעכבת בהן, ולימא זו דברי שמעון סתימתאה ? הא קמשמע לן דר' עקיבא כר' שמעון סבירא ליה. ח) מאי ר' שמעון דתניא (דברים י"ב) ותרומת ידך אלו ביכורים, אמר ר' שמעון מאי בא זה ללמדינו אם לאכלן חוץ לחומה קל וחומר ממעשר

ברעכט א ביין אין קרבן פסח וועלכער איז ריין, „הרי זה לוקה", אזוי פאר די אלע זאכען קומט איהם מלקות, אָבער דער וואָס לאָזט איבער פון א ריינעם קרבן פסח אָדער ער צוברעכט א ביין אין א טמא קרבן פסח, „אינו לוקה", קומט איהם ניט קיין מלקות דאָס ווערט ארויסגעלערענט אין פסחים דף פ"ג, „הנוטל אם על הבנים", אז איינער נעמט ארונטער פון א נעסט די מוטער מיט די קינדער, זאָגט ר' יודא, ער באקומט מלקות, „ואינו משלם", און ער דארף ניט מעהר אוועקשיקען, ר' יודא האַלט אז דאָס הייסט ניט א לאו הניתק ווייל די עשה מיינט ער זאָל פריקער אוועקשיקען, „וחכמים", און די חכמים זאָגען אז ער שיקט יאָ אוועק און ער באקומט קיין מלקות, ווייל עס איז א לאו הניתק לעשה וואָס ער האָט אימערצייט אוועקצושיקען, ווי שוין אויבען דערקלערט. „זה הכלל", דאָס איז דער כלל יעדער לאו וואָס האָט אין זיך א מצוה, „קום ועשה", שטעה אויף און טהו, „אין חייבין", זיינען זיי ניט חייב קיין מלקות נאָר זיי דארפען טהאָן די עשה. ז) **גמרא.** רבה בר בר חנא האָט געזאָגט פון ר' יוחנן'ס וועגען, „זו דברי רי עקיבא סתמא", דאָס וואָס די משנה זאָגט מלקות פאר עסען ביכורים בעפאָר דער פרשה לייענען, דאָס איז ר' עקיבא'ס רייד וואָס די משנה האָט געשריבען סתם אָהן א נאָמען ווער עס זאָגט, „אבל", אָבער די חכמים זאָגען, „ביכורים הנחה מעכבת בהן", אז נאָר דאָס אנידערלייגען פון די ביכורים אין בית המקדש איז מעכב, „קריאה אין מעכבת", דאָס לייענען איז ניט בינדענד און עס האַלט ניט אויף די מצוה. פרעגט די גמרא, „ולימא זו דברי רי שמעון סתמא ? " זאָל ער זאָגען, אז דאָס איז ר' שמעון'ס ווערטער וואָס די משנה האָט סותם געווען אָהן א נאָמען, די פראַגע איז ווייל ר' שמעון איז דער האר פון די דרשה אין ספרי וואָס לערענט ארויס פון „לא תוכל בשעריך", אז מען טאָר ניט עסען די ביכורים בעפאָר די פרשה לייענען, איז געוועהנליך דאָס רבי פון דער משנה איז סותם נאָך די דרשה נאָך, דאריבער פרעגט ער זאָל ער זאָגען אז דאָס איז ר' שמעון'ס רייד ? ענטפערט די גמרא „הא קא משמע לן", דאָס לאָזט ער אונז הערען אז ר' עקיבא האַלט ווי ר' שמעון. ח) „מאי רי שמעון ? " וואו איז ר' שמעון ? „דתניא ותרומת ידך אלו ביכורים", תרומת ידך מיינט מען ביכורים האָט ר' שמעון געזאָגט, „מאי בא ללמדינו", וואָס קומט מיר דאָס צו לערנען, „אם לאכלן חוץ לחומה", אויב צו לאָזען הערען געגען

הקל, ומה מעשר הקל אוכלן חוץ לחומה לוקה ביכורים לא כל שכן? הא לא בא הכתוב אלא לאוכל מבכורים עד שלא קרא עליהם שהוא לוקה. ט) ונדבותיך זו תודה ושלמים, אמר ר' שמעון מה זה בא ללמדנו אם לאוכל חוץ לחומה קל וחומר ממעשר הא לא בא הכתוב אלא לאוכל בתודה ושלמים לפני זריקה שהוא לוקה. י) ובכורות זה הבכור אמר ר"ש מה זא בא ללמדינו אם לאכלן חוץ לחומה, קל וחומר ממעשר? אם לפני זריקה קל וחומר מתודה ושלמים? הא לא בא הכתוב אלא לאוכל מן הבכור אפילו לאחר זריקה שהוא לוקה. י"א) בקרך וצאנך זו חטאת ואשם אמר ר' שמעון מה זה בא ללמדינו אם לאכלן חוץ לחומה

עסען ביכורים חוץ די מויער, „קל וחומר ממעשר הקל?" איז עס דאָך א קל וחומר פון מעשר וואָס איז גרינגער פון בכורים, מאדאָך מעשר וואָס איז גרינג, און אז ער עסט עס חוץ לחומה קומט איהם מלקות, איז דאָך בכורים לא כל שכן אז עס קומט איהם מלקות? „הא לא בא הכתוב", זאָ קומט דער פסוק ניט אנדערש, „אלא לאוכל", נאָר דער וואָס עסט בכורים בעפאָר דער פרשה לייענען באקומט ער מלקות, און דער פשט פון פסוק לא תוכל לאכול בשעריך, דען עס איז שווער ווי אויבען באמערקט, אויב דער פסוק זאָל מיינען אויף אלע זאכען וואָס ער רעכענט אויס אז ער טאָר זיי ניט עסען חוץ ירושלים, איז דאָך דאָ צווישען די זאכען חטאת אשם און עולה וואָס מען טאָר זיי אין ירושלים אויך ניט עסען? מוז אודאי זיין אז בשעריך מיינט ניט בלויז חוץ פון ירושלים, נאָר עס מיינט, דו טאָרסט ניט עסען די אלע זאכען אין דיינע טויערען, דאָ וואו די וואוינסט חוץ ירושלים, אזוי ווי דו עסט דיינע חולין, נאָר ווי דען, יעדע קדש לויט זיינע באגרעניצונגען זאָלסט דו עסען, און צוליב דעם רעכענט ער נאָך אמאָהל די זאכען אין דעם פסוק לא תוכל, און אזוי די אנדערע דרשות ווייטער. ט) און נדבותיך מיינט מען קרבן תודה און שלמים וואָס קומען דורך נדבות, זאָגט ר' שמעון וואָס קומט מיר דאָס אָנלערנען, „אם לאכול חוץ לחומה", זאָל איך זאָגען אז דאָס קומט צו פארבאָטען חוץ לחומה? עס איז דאָך א קל וחומר פון מעשר וואָס איז גרינגער, „הא לא בא הכתוב", אזוי קומט ניט אנדערש דער פסוק נאָר אויף תודה און שלמים, אז ער טאָר זיי ניט עסען בעפאָר מען שפּרענגט דאָס בלוט אויף דעם מזבח. י) דער פסוק זאָגט ובכורות, זאָגט אויך ר' שמעון וואָס לערענט ער אונז דערמיט? „אם לאכלן", אוב ניט צו עסען חוץ דער מויער, איז עס דאָך קל וחומר פון מעשר? „אם לפני זריקה", אויב ניט צו עסען דאָס פלייש פאר זריקה, איז עס דאָך א קל וחומר פון תודה און שלמים? „הא לא בא הכתוב", אודאי קומט דער פסוק ניט אנדערש, „אלא לאוכל מן הבכור", נאָר געגען עסען דעם בכור אפילו נאָך די זריקה, קומט מלקות דען א בכור ווערט ניט געגעסען נאָר צו כהנים. י"א) עס שטעהט אין פסוק פון לא תוכל, „בקרך וצאנך", וועלכע מיינען חטאת און אשם, האָט אויך ר"ש געזאָגט וואָס לערענט ער אונז אָפּ? אויב געגען חוץ לחומה, איז דאָך א ק"ו פון מעשר, אויב געגען עסען פאַר זריקה, איז

קל וחומר ממעשר? אם לפני זריקה קל וחומר מתודה ושלמים? אם לאחר זריקה קל וחומר מבכור? הא לא בא הכתוב אלא לאוכל מחטאת ואשם אפילו לאחר זריקה חוץ לקלעים שהוא לוקה. י״ב) נדריך זו עולה אמר ר׳ שמעון מה בא זה ללמדינו אם לאכלן חוץ לחומה ק״ו ממעשר? אם לפני זריקה ק״ו מתודה ושלמים? אם לאחר זריקה ק״ו מבכור אם חוץ לקלעים ק״ו מחטאת ואשם הא לא בא הכתוב (**דף י״ז ע״ב**) אלא לאוכל מן העולה לאחר זריקה אפילו בפנים שהוא לוקה. י״ג) אמר רבא דילידא אימא, כר׳ שמעון תילוד, ואי לא, לא תילוד, ואף על גב דאית להו פירכא, מאי חומרא דבכורים ממעשר שכן אסורים לזרים, אדרבא מעשר חמור שכן אסור לאונן? ומאי חומרא דתודה ושלמים ממעשר שכן טעונים מתן דמים ואימורין לגבי מזבח, אדרבא מעשר חמור שכן טעונין כסף צורה? י״ד) ומה חומרא דבכור מתודה ושלמים שכן קדושתו מרחם, אדרבא? תודה ושלמים חמורים שכן טעונין סמיכה

דאָך א ק״ו פון תודה ושלמים, אויב געגען עסען אפילו נאָך דער זריקה איז דאָך א ק״ו פון בכור? און געווים ניט אנדערש, אז דער פסוק קומט, „אלא לאוכל מחטאת ואשם אפילו לאחר זריקה חוץ לקלעים״, נאָר געגען עסען פון חטאת און אשם אפילו נאָך די זריקה אויטסייד פון די פאָרהאנגען, ביים משכן איז געווען די מחיצה א פאָרהאנג, אין בית המקדש איז אן אנדער מחיצה. י״ב) עס שטעהט אין דעם פסוק, „נדריך״, מיינט עס עולה האָט ר׳ שמעון אויך געזאָגט דעם זעלבען סדר פון אויסלערנונג ביז „הא לא בא הכתוב אלא לאוכל מן העולה״, אז ניט אנדערש נאָר דער פסוק קומט זאָגען אז דער וואָס עסט (כהן) פון עולה אפילו נאָך די זריקה און „אפילו בפנים״, אינוויינינג, קומט מלקות, אויף די אַלע קל וחומר׳ס וועט די גמרא ווייטער פרעגען מיט וועלכען איינס איז הארבער פון צווייטען. י״ג) רבא האָט געזאָגט „דילדידא אימא, כרי שמעון תילוד״, אויב א מאמע דאַרף געבאָרען א קינד, זאָל זי געבאָרען א קינד ווי ר׳ שמעון, „ואי לא, לא תילוד״, און אויב ניט, זאָל זי אינגאנצען ניט מאכען געבאָרען. לויט ווי ר׳ שמעון איז גרוים, זאָגט דאָ רבא, „ואף על גב דאית להו פירכא״, כאָטש די אַלע קל וחומר׳ס ווערען אָבגעפרעגט, „מאי חומרא דביכורים״, דען וואָס איז די הארבקייט פון ביכורים מעהר ווי ביי מעשר, „שכן אסורים לזרים״, ווייל ביכורים טאָר קיין זר(ניט קיין כהן) ניט עסען, און מעשר יאָ, „אדרבא ?״ פארקערט? מעשר איז דאָך גאָר הארבער, עס טאָר דאָך ניט ווערען געגעסען פון אן אונן? (אונן מיינט אין זעלבען טאָג ווען זיינע נאָהענטע שטארבען). „ומאי חומרא דתודה ושלמים״, און וואָס איז די הארבקייט פון תודה ושלמים מעהר פון מעשר? ווייל זייער בלוט און אימורים (חלב) מוזען קומען אויפ׳ן מזבח? „אדרבא ?״ פארקערט גאָר? מעשר איז דאָך הארבער? ווייל צום אויסטוישען מעשר אויף געלד, מוז דאָך זיין געלד מיט א צורה (בילד). י״ד) און וואָס איז די הארבקייט פון בכור מעהר ווי תודה און שלמים ווייל בכור איז „קדושתו מרחם״, הייליג פון געבאָרענהייט, „אדרבא ?״ פארקערט?

ונסכים ותנופת חזה ושוק, ומה חומרא דחטאת ואשם מבכור שכן קדשי קדשים אדרבא? בכור חמור שכן קדושתו מרחם ומה חומרא דעולה מחטאת ואשם שכן כליל, אדרבא? חטאת ואשם חמירי שכן מכפרי, וכלהו חמירי מעולה דאית בהו שתי אכילות. ט"ו) אלא מאי דילידא אימיא כר' שמעון? דלמאי דסבר ליה לדידיה מסרם ליה לקרא ודריש ליה, וכי מזהירין מן הדין? הא אפילו למאן דאמרי עונשין מן הדין אין מזהירין מן הדין? אסורא בעלמא, והאמר רבא זר שאכל מן העולה

תודה און שלמים זיינען דאָך הארבער, „שכן טעונין", זיי ברויכען דאָך האָבען סמיכה און נסכים און תנופת חזה ושוק דאָס הייסט מען דאַרף סומך זיין מיט די הענד אויפ'ן ראש פון קרבן שלמים און תודה, און זייער מנחה מוז האָבען א גיסונג פון וויין, און מען מוז אויפהויבען די מתנות פון חזה ושוק פאַר דעם כהן. און וואָס איז דען די חומרא פון חטאת און אשם מעהר ווי ביי בכור, „שכן קדשי קדשים", ווייל זיי זיינען הייליג איבער הייליג, אדרבא? „בכור חמור?" בכור איז דאָך הארבער? ווייל ער איז קדוש מרחם, און וואָס איז דען די חומרא פון עולה מעהר ווי חטאת און אשם? „שכן כליל", ווייל עולה איז גענצליך פאַר דעם מזבח, אדרבא? חטאת און אשם זיינען דאָך הארבער? ווייל זיי זיינען דאָך מכפר? און אַלע קרבנות זיינען דאָך הארבער פון עולה, „דאית בהו שתי אכילות", ווייל אַלע קרבנות אויסער עולה איז דערביי צוויי אכילות איין אכילה דער מזבח און די צווייטע אכילה די מענשען. ט"ו) „אלא מאי דילידא", די גמרא פרעגט, אויב די אַלע קל וחומר'ס וואָס ר' שמעון מאכט דאָ זיינען אָבגעפרעגט, וואָס דען לויבט ער דאָ ר' שמעון? ענטפערט די גמרא, „דלמאי דסביר ליה לדידיה", אום דאמיט ר' שמעון אליין זאָל עס גוט פארשטעהן און גוט ארויסברייגגען די חומרות פון יעדען באזונדער, האָט ער עס קלוג געמאכט, וואָס ער האָט איבערגעדרייט דעם פסוק און גע'דרש'-ענט פון אונטען ארויף, דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט, „מסרס ליה לקרא ודריש ליה", און דאָס איז וואָס רבא לויבט אזוי ר"ש, און דאָס וואָס עס איז אָבגע-פרעגט, פארלאָזט זיך די גמרא אויף דעם אויספיהר אַז עס איז דאָ איבעריגע פסוקים וואָס צווינגען און באווייזען די אויסלערנונגען פון די אַלע לאוין. די גמרא פרעגט, „וכי מזהירין מן הדין?" קען מען דען ארויסלערנען לאוין פון א קל וחומר? „הא אפילו עונשין מן הדין", אָבוואָהל א עונש דאָס מיינט כרת אָדער מיתה קען מען יאָ ארויסלערנען פון א קל וחומר, אָבער א לאו קען מען דאָך ניט? ענטפערט די גמרא, „אסורא בעלמא", ער מיינט נאָר בלויז א איסור אז מען טאָר ניט, פרעגט די גמרא ווייטער רבא האָט דאָך געזאָגט, „זר שאכל מן העולה לפני זריקה חוץ לחומה לוקה חמש", א פרעמדער ניט קיין כהן אויב ער האָט געגעסען פון א קרבן עולה בעפאָר זריקה אויסוויינינג פון ירושלים, איז נאָך ר' שמעון, קומט איהם מלקות פינף, איינס וואָס ער איז א זר, צווייטענס, בעפאָר זריקה, דריטענס, חוץ לחומה, פערטענס, חוץ די קלעים, פינפטענס צוליב עסען די עולה וואָס אפילו א כהן און נאָך זריקה און אינוויינינג

לפני זריקה חוץ לחומה לר' שמעון לוקה חמש? חמשה איסורין הוו. ט"ז) והא תנן אלו הן הלוקין? (דף י"ח ע"א) אלא קרא יתירא הוא מכדי כתיב והבאת שם ואכלת לפני ה' אלקיך במקום וגו' לכתוב רחמנא לא תוכל לאוכלם, מיהדר מיפרש בהו רחמנא למה לי? אלא ליחודי להו לאוי לכל חד וחד. א) גופא אמר רבא זר שאכל מן העולה לפני זריקה חוץ לחומה לר' שמעון לוקה ה', ולילקי נמי משום (שמות כ"ט) וזר לא יאכל כי קדש הם? הני מילי היכא דלכהנים חזי, הכא דלכהנים נמי לא חזי. ב) ולילקי נמי משום (שם כ"ב) ובשר בשדה טריפה לא תאכלו, כיון שיצא בשר חוץ למחיצתו נאסר? הני מילי היכא

פון די קלעים טאָר אויך ניט, מכל שכן א זר, זעהסט דאָך וואויל אַז עס רעדט זיך וועגען מלקות? ענטפערט די גמרא, „חמשה אסורין הוו", עס שמועסט אַלץ וועגען בלויז איסורים, וואָס ער זאָגט לוקה חמש, מיינט ער צו זאָגען פינף אסורים פון מלקות. ט"ז) פרעגט די גמרא ווידער, „והא אנו תנן", מיר האָבען דאָך געלערענט אין די היגע משנה די זיינען וואָס קומט זיי מלקות? ענטפער, „אלא קרא יתירא", די גמרא ציינט אָן, וואו עס איז דאָ איבעריגע פסוקים, „מכדי כתיב והבאת שם", עס שטעהט דאָך שוין דאָרט אויסגערעכענט צוויי מאָהל די אַלע זאכען, וואָס דאַרף ער נאָר רעכענען צום דריטען מאָהל? „לכתוב רחמנא לא תוכל לאכלם", זאָל די תורה שרייבען אזוי, אַז עס זאָל זיך באַציהען אויף פריהער, „לא תוכל לאכלם כי אם לפני ה' אלקיך", דו קענסט זיי ניט עסען נאָר פאַר השם, „מיהדר מיפרש בהו רחמנא למה לי?" נאָך וואָס נאָך אמאָהל האָט עס די תורה מפרש געווען? „אלא ליחודי לאוי לכל חד", נאָר געווים צו פאַראייגענען פאַר יעדען א לאו, לויט זיין שטאַנד פון קדש, דען לפני ה' מיינט ניט פאַר יעדען גלייך, ביי קדשי קדשים איז עס אינוויינינ פון די קלעים ביי קדשים קלים איז עס גאַנץ ירושלים, און דאָס פאַרקערטע וואָרט פון לפני ה' נוצט ער דאָ דאָס וואָרט בשעריך, מיינענדיג דאַמיט, ניט לפני ה' טאָר מען ניט, און לפני ה' מיינט אויך יענע דינים וואָס געהערען ביי יעדען קדש לויט זיי שטאַנד, און ער טאָר ניט נוהג זיין דערביי ווי ער איז געוואוינט ביי חולין אין שעריך. א) יעצט איז די גמרא מפרש רבא'ס זאָך גופא, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז עס קומט איהם פינף מלקות, און פרעגט, „ולילקי נמי משום וזר לא יאכל כי קדוש הם?" זאָל איהם קומען אויך מלקות, פאַר דעם לאו וזר לא יאכל, וואָס מיינט אַז א פרעמדער זאָל ניט עסען ווייל עס איז קדש, ענטפערט די גמרא, „הני מילי היכא דלכהנים חזי", ווען זאָג איך די רייד, דאָ וואו פאַר די כהנים איז ערלויבט, איז פאַר א זר מלקות, „הכא דלכהנים נמי לא חזי", אָבער דאָ איז דאָך די עולה פאַר די כהנים אויך ניט ערלויבט, איז פאַר א זר אויך ניט קיין מלקות. ב) פרעגט די גמרא ווידער, „ולילקי נמי משום, ובשר בשדה טרפה לא תאכלו", דען אויב דער פסוק זאָל בלויז מיינען אַז טרפה טאָר מען ניט עסען, וואָלט נעדאַרפט שטעהן ובשר טרפה בשדה, ווייל דער וואָרט טרפה שטעלט פאַר דעם וואָרט בשר, וואָס מיינט פלייש

דבפנים חזי, הכא דבפנים נמי לא חזי. ולילקי נמי כדר׳ אלעזר דאמר ר׳ אליעזר לא יאכל כי קדש (הוא) (דף י״ח ע״ב) כל שבקדש פסול בא הכתוב ליתן לא תעשה על אכילתו? הני מילי היכא דקודם פסולו חזי הכא דקודם פסולו נמי לא חזי. ג) ולילקי נמי כאידך דרבי אליעזר? דתניא ר׳ אליעזר אומר כל שהוא בכליל תהי׳ ליתן לא תעשה על אכילתו,

---

וואס ווערט פארצוקט אין פעלד, אבער פון דעם וואס ער האט געשטעלט דעם ווארט בשדה נאך בשר, איז עס געוויס א אנווייזונג אויף ובשר, און דער טייטש געהט אזוי, אז בשר וואס איז בשדה מיינענדיג אויסוויינינג ניט אינווייניג אין פלאץ וואס עס דארף צו זיין ווי א ביישפיל קדש קדשים וואס איז ארוים חוץ די עזרה פון בית המקדש אדער קדשים קלים איז ארוים חוץ לחומה אדער א קינד פון א בהמה וואס האט ארויסגעשטארט א גליעד אויטסייד פון רחם, איז עס אסור אין דין ווי א טרפה ניט צו עסען, און עס קומט מלקות, אויב אזוי איז דאך דא נאך א מלקות? ענטפערט די גמרא, „הני מילי", ווען זאג איך די רייד? „היכא דבפנים חזי", דא וואו אינווייניג וואלט געווען ראוי צו עסען, „הכא דבפנים נמי לא חזי", אבער דא ביי עולה איז דאך אינווייניג אויך ניט ראוי צו עסען דאריבער איז פאר אויסווייניג אויך ניט דא קיין מלקות. פרעגט די גמרא ווידער? „ולילקי נדי כדרי אליעזר?" זאל איהם קומען מלקות דורך די דרשה פון ר״א דען ער דרש׳ענט דעם פסוק פון תצוה, „ושרפת את הנותר באש לא יאכל כי קדש הוא", דו זאלסט פארברענען דעם נותר אין פייער עס זאל ניט ווערען גענעסען ווייל עס איז הייליג, ער זאגט דעם טעם ווייל עס איז הייליג, צו דערצעהלען דאס יעדע קדש וואס ווערט פסול, ווייל עס איז קדש טאר ניט ווערען געגעסען. און דאס זיינען די ווערטער וואס ר׳ אליעזר באמערקט דא, „כל שבקדש פסול בא הכתוב ליתו לא תעשה על אכילתו", יעדע קדש פסול, קומט דער פסוק צו געבען א לאו, פאר זיין עסען, זעהסט דו דאך נאך א מלקות וואס דען זאגט רבא נאר פינף מלקות? ענטפערט די גמרא, „הני מילי היכא דקודם פסולי חזי", ווען זאג איך אז עס קומט מלקות, דא וואו פאר דעם פסול איז עס ראוי געווען, ווי א ביישפיעל נותר, „הכא דקודם פסולו נמי לא חזי", אבער דא ביי עולה איז עס דאך פאר זיין פסול אויך ניט ראוי געווען צו עסען, איז ניט דא נאך זיין פסול קיין מלקות. ג) נאך פרעגט די גמרא, „ולילקי נמי כאידך דר״א?" זאל איהם קומען מלקות ווי די אנדערע דרשה פון ר״א? וואס איז געלערענט אויף דעם פסוק „כל מנחת כהן כליל תהיה לא תאכל", יעדע מנחה פון כהן איז גענצליך צום מזבח, עס טאר ניט ווערען געגעסען, לויט דעם גאנג פון פסוק קומט אימערצו די מעהרערע רבותא שפעטער, וואלט בעדארפט שטעהן צוערשט לא תאכל און נאכהער כליל תהי׳, ניט אזוי עס זאל ניט ווערען געגעסען נאר אינגאנצען פאר מזבח, פון דעם לערענט ר״א כל שהיא בכליל תהי׳ לא תאכל, אז דורך דעם שטעהט פריהער כליל תהיה׳ צו באמערקען אז אלעם וואס איז כליל איז א לאו לא תאכל. ענטפערט די גמרא, „אין הכי נמי", טאקע יא, „ורבא מהאי קרא קאמר", און רבא וואס זאגט

אין הכי נמי ורבא מהאי קרא קאמר. ד) אמר רב גידל אמר רב (סימ״ן כוז״א) כהן שאכל מחטאת ואשם לפני זריקה לוקה מאי טעמא דאמר קרא (שמות כ״ט) ואכלו אותם אשר כופר בהם, לאחר כפרה אין, לפני כפרה לא, לאו הבא מכלל עשה לאו הוא. ה) מתיב רבא (דברים י״ד) וכל בהמה מפרסת פרסה ושוסעת שסע שתי פרסות מעלה גרה בבהמה אותה תאכלו, ואין בהמה אחרת תאכלו, ואי כדקאמרת את זה לא תאכלו למה לי? אלא אי איתמר הכי איתמר אמר רב גידל אמר רב זר שאכל מחטאת ואשם לפני זריקה פטור מאי טעמא דאמר קרא ואכלו אותם אשר כופר בהם, כל היכא דקרינן ביה ואכלו אותם אשר כופר בהם, קרינן ביה וזר לא יאכל קדש, וכל היכא דלא קרינן ביה ואכלו אותם אשר כופר

פינף מלקות לערענט טאקע איין מלקות פון דעם פסוק. ד) רב גידל האט געזאגט פון רב׳ס וועגען, „כהן שאכל מחטאת ואשם", א כהן וואס האט געגעסען פון חטאת און אשם פאר די זריקה קומט איהם מלקות. פרעגט די גמרא, „מאי טעמא" וואס איז דער טעם דאס הייסט פון וואנען לערען איך דאס ארויס, „דאמר קרא", דער פסוק זאגט „ואכלו אותם אשר כופר בהם", זיי זאלען זיי עסען וואס איז פארגעבען געווארען דורך זיי מיט׳ן שפרענגען זייער בלוט אויפ׳ן מזבח, זעהט מען דאך, „לאחר כפרה אין", אז נאך כפרה וואס מיינט שפרענגען די בלוט יא, „לפני כפרה לא", פאר די כפרה ניט, „לאו הבא מכלל עשה", א לאו וואס דרינגט זיך פון אן עשה אזוי ווי דא, וואס שטעהט דאס יא טהאן, און מען דרינגט זיך דערפון דאס ניט צו טאן, „לאו הוא", האט דעם דין ווי גלייך עס וואלט שטען ריין ארוים ניט צו טהאן. ה) „מתיב רבא", ער האט א קשיא געפרעגט פון פסוק „וכל בהמה מפרסת פרסה ושוסעת שסע שתי פרסות מעלה גרה בבהמה אותה תאכלו", יעדע בהמה וואס האט געשפאלטענע קלואין דורך און דורך, ביז עס זעהט זיך צוויי קלואין, און איז אויך מעלה גרה, וואס מיינט זי ברענגט אויף פיעל מאהל דאס עסען אין מויל, די האט ניט קיין ציינער אין דער הויך, די בהמה מעגט איהר עסען, „ואין בהמה אחרת תאכלו", קאן מען זיך דרינגען פון דעם, אבער אן אנדערע בהמה טאר מען ניט עסען, „ואי כדקאמרת את זה לא תאכלו למה לי?" און אויב עס איז ווי דו זאגסט אז מען קען זיך דרינגען פון יא אויף ניט, און דאס זאל זיין גוט ווי א לאו, איז דאך די קשיא וואס דארף ווייטער שטעהן דער לאו לא תאכלו? ענטפער, „אלא אי איתמר הכי איתמר", נאר ווייסט ווי, אזוי איז עס געלערענט געווארען, „זר שאכל מחטאת ואשם לפני זריקה", אז א ניט כהן האט געגעסען זיי בעפאר זריקה איז ער פטור, „מאי טעמא?" ווארום? וויל דער פסוק זאגט, „ואכלו אותם אשר כופר בהם", און דער סוף פון פסוק, וזר לא יאכל קדש, טייטש איך אזוי דא וואו איך לייען ואכלו אשר כופר, דאס הייסט אויב מען עסט נאך די זריקה לייען איך אויך וזר לא יאכל דאס מיינט אז א זר איז אויך עובר אויף דעם און עס קומט איהם מלקות, אבער, „וכל היכא דלא קרינן", דא וואו איך קען ניט לייענען ואכלו אשר כופר נאך די זריקה לייען איך ניט דעם לאו וזר לא יאכל און ער

בהם לא קרינן ביה וזר לא יאכל. ו) אמר ר׳ אלעזר אמר רבי הושעיא בכורים הנחה מעכבת בהן קרייה אין מעכבת בהן, ומי אמר ר׳ אלעזר הכי? והא אמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ הושעיא הפריש בכורים קודם לחג ועבר עליהן החג ירקבו מאי לאו משום דלא מצי למיקרי עליהן? ואי סלקא דעתך קרייה אין מעכבת בהן אמאי ירקבו? כדר׳ זירא דאמר ר׳ זירא כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת בו וכל שאין ראוי לבילה בילה מעכבת בו. ז) רבי אחא בר יעקב מתני לה כדרבי אסי אמר ר׳ יוחנן, וקשיא ליה דר׳ יוחנן אדר׳ יוחנן, ומי אמר ר׳ יוחנן בכורים הנחה מעכבת בהן קרייה אין מעכבת בהן? והא בעא מיניה רבי אסי מר׳

איז פטור. ו) ר׳ אלעזר האָט געזאָגט פון ר׳ הושעיא׳ס וועגן, „בכורים הנחה מעכבת בהן״, בכורים איז זייער אנידערלייגען אין בית המקדש דער עיקר וואָס איז מעכב, אָבער די קרייה, „אין מעכבת״, האלט ניט אויף, דאָס מיינט אז מען לייענט ניט די פרשה פון בכורים איז אויך גוט, פרעגט די גמרא, „ומי אמר ר׳ אלעזר הכי? ״ האָט דען ר׳ אלעזר אזוי געזאָגט? ער האָט דאָך געזאָגט, „הפריש בכורים קודם לחג, ועבר עליהן החג, ירקבו״, ער האָט אָבגעשיידט בכורים בעפאָר שבועות, און עס איז אריבער שבועות, און זיי ניט געבראכט, זאָלען זיין פאַרפוילט ווערען און ניט מעהר ברייגנען, „מאי לאו״, מיינסט דו דען ניט, „משום דלא מצי למיקרי עליהן״, ווייל ער קען מעהר ניט לייענען די פרשה, דען פון נאָך פסח ביז שבועות איז די צייט פון ברייגנען בכורים און לייענען, נאָך שבועות ברייגגט מען, אָבער מען לייענט ניט. ...„ואי סלקא דעתך קרייה אין מעכבת״, און אויב עס קען אַרויף אויף דיין געדאנק אז דאָס לייענען איז ניט מעכב, איז דאָך דאָ די פראגע „אמאי ירקבו? ״ ווארום זאָלען זיי פאַרפוילט ווערען? ער קען דאָך זיי ברייגגען און ניט לייענען? ענטפערט די גמרא „כדרי זירא, כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת״, עס איז ווי ר׳ זירא זאָגט ביי מנחה, דער דין ביי מנחה איז אַז איינער נעמט זיך אונטער צו ברייגגען א מנחה פון איין און זעכציג עשרון מוז ער דאָס ברייגגען אין צוויי כלים, זעכציג אין איין כלי און איינס אין אַ צווייטער כלי, ווייל די חכמים זאָגען אַז מעהר פון זעכציג קען מען ניט גוט אויסמישען, האָט די גמרא דאָרט געפרעגט, מיר האָבען דאָך געלערענט אויב מען האָט שוין ניט גוט אויסגעמישט איז אויך גוט, וואָס דען מאכסטו איהם צו בעדארפען צוויי כלים, ענטפערט די גמרא דאָרט, עס איז ווי ר׳ זירא זאָגט, אַז וויינגסטענס דאַרף מען קענען אויסמישען, און דאָס איז וואָס ער זאָגט, „כל הראוי לבילה״, עס דאַרף זיין ראוי דאָס הייסט מעגליך צום אויסמישען, אַזוי אויך דאָ ביי בכורים דאַרף זיין די צייט ווען מען קען נאָך לייענען די פרשה דאָס הייסט בעפאָר שבועות. ז) רבי אחא בר יעקב, „מתני להי״, האָט, דאָס וואָס ר׳ אלעזר זאָגט, געלערענט, ווי רבי אסי זאָגט דאָס פון ר׳ יוחנן וועגן, „וקשיא ליה״, און עס איז איהם שווער געווען פון ר׳ יוחנן אויף ר׳ יוחנן, „ומי אמר ר׳ יוחנן הנחה מעכבת בהן? ״ האָט דען ר׳ יוחנן געזאָגט אז די הנחה איז מעכב און ניט די קרייה? „והא בעי מיניה

יוחנן בכורים מאימתי מותרין לכהנים, ואמר ליה הראויין לקרייה משקרא עליהן ושאין ראויין לקרייה משראו פני הבית, קשיא קרייה אקרייה קשיא הנחה אהנחה? ח) קרייה אקרייה לא קשיא הא ר' שמעון הא רבנן, הנחה אהנחה לא קשיא הא ר' יהודה והא רבנן. ט) מאי ר' יהודה דתניא ר' יהודה אומר (דברים כ"ו) והנחתו זו תנופה אתה אומר זו תנופה או אינו אלא הנחה ממש, כשהוא אומר והניחו הרי הנחה אמור, הא מה אני מקיים והנחתו זו תנופה. י) ומאן תנא דפליג עליה דרבי יהודה? רבי אליעזר בן יעקב הוא דתניא ולקח הכהן הטנה מידיך לימד על הבכורים שטעונין תנופה דברי ר' אליעזר בן יעקב מאי טעמא דר' אליעזר

רבי אסי מרי יוחנן", ר' אסי האט דאך געפרעגט פון ר' יוחנן, „בכורים מאימתי מותרין לכהנים", פון ווען מעגען די כהנים עסען די בכורים, האט איהם ר' יוחנן געזאגט, „הראויין לקרייה משקרא עליהן", די וואס זיינען ראוי צו לייענען די פרשה, איז ווען מען לייענט אפ און די וואס זיינען ניט ראוי דאס הייסט מען קען שוין ניט לייענען, איז, „משראו פני הבית", אז די בכורים זעהען דעם אינווייניג פון בית המקדש, איז דאך א קשיא, קרייה אויף קרייה און הנחה אויף הנחה? אויבען זאגט ר' יוחנן אז די הנחה איז מעכב אבער ניט די קרייה און דא האט ר' יוחנן געענטפערט אז אין צייט פון קרייה איז זי יא מעכב, און ניט אין צייט פון קרייה איז בלויז דאס אנזעהן פון הויז מעכב, אבער די הנחה איז קיינמאהל ניט מעכב, איז דאך שווערביידע? ח) „קרייה אקרייה לא קשיא", ענטפערט די גמרא, קרייה אויף קרייה איז ניט שווער ווייל דא וואו ר' יוחנן זאגט אז די קרייה איז מעכב זאגט ער עס פון ר' שמעון וועגען, און פון די רבנן וועגען זאגט ער אז הנחה איז מעכב, און הנחה אויף הנחה איז ניט שווער ווייל דא וואו ר' יוחנן זאגט אז הנחה איז ניט מעכב איז דאס נאך ר' יהודה נאך. ט) „מאי ר' יודא", וואו איז ר' יודא, „דתניא ר"י אומר והנחתו זו תנופה", דען מיר האבען געלערענט דער פסוק זאגט והנחתו, וועלכעס האט צוויי טייטשען, דאס ערשטע אוועקלייגען און דאן איז דא א טייטש ארומפיהרען, זאגט ר"י אז דער טייטש דא מיינט ארומפיהרען דאס הייסט תנופה, וואס איז אויפהייבען און ארומפיהרען, „אתה אומר תנופה או אינו אלא הנחה ממש", דו זאגסט תנופה, פילייכט מיינט מען דא הנחה ממש? „כשהוא אומר והניחו הרי הנחה אמור", אזוי ווי ער האט שוין געזאגט והניחו, איז דאך שוין הנחה געזאגט געווארען? „הא מה נאי מקיים והנחתו", און וואס וועל איך טייטשען דעם והנחתו? און געווים מיינט מען תנופה, זעהסט דאך אז הנחה איז ניט מעכב נאך ר' יודא און דאס איז ווייל אויף מעכב צו זיין בעדארף מען צוויי פסוקים ביי קדשים. י) „ומאן תנא דפליג עליה דרי יודא?" און ווער איז דאס דער תנא וואס קריגט אויף ר' יודא? ר' אליעזר בן יעקב איז דאס, „דתניא ולקח הכהן הטנה מידיך", דען מיר האבען געלערענט דער פסוק זאגט ער זאל נעמען דעם קויבער פון דיינע הענד, „לימד על הבכורים שטעונין תנופה", דאס קומט אנלערנען אויף די בכורים דאס זיי דארפען תנופה, „מאי טעמא

בן יעקב אתיא יד יד משלמים, כתיב הכא ולקח הכהן הטנה מידיך וכתיב (ויקרא ז׳) ידיו תביאנה את אשי ה׳ מה כאן כהן אף להלן כהן מה להלן בעלים אף כאן בעלים, הא כיצד מניח כהן ידיו תחת ידי בעלים ומניף. י״א) אמר רבא בר אדא אמר ר׳ יצחק בכורים (דף י״ט ע״א) מאימתי מחייבין עליהן, משיראו פני הבית, כמאן? כי האי תנא דתניא רבי אליעזר אומר בכורים מקצתן בחוץ ומקצתן בפנים, שבחוץ הרי הן כחולין לכל דבריהן, שבפנים הרי הן כהקדש לכל דבריהם. א) אמר רב ששת בכורים הנחה מעכבת בהן, קרייה אין מעכבת בהן, כמאן? כי האי תנא, דתניא ר׳ יוסי אומר שלשה דברים משום שלשה זקנים, רבי ישמעאל אומר יכול יעלה אדם מעשר שני בזמן הזה בירושלים ויאכלנו.

דר״א בן יעקב? אתיא יד יד משלמים״, וואס איז דער טעם פון ר״א, ער לערענט ארויס יד יד פון שלמים, ביי בכורים שטעהט דא ולקח הכהן הטנה מידיך, דער כהן זאל נעמען דעם קוירבער פון דיינע הענד און ביי שלמים שטעהט, „ידיו תביאנה את אשי ה׳ ״, דאס זיינע הענד זאלען בריינגען די אשי ה׳, לערען איך א גזרה שוה צוויי גלייכע ווערטער, דאס ביידע האבען גלייכע זאכען, „מה כאן״, פונקט ווי דא, דארף זיין דער כהן, „אף להלן״, אזוי אויך דארט ביי שלמים דארף אויפהויבען א כהן, און פונקט ווי דארט בעלים, דאס הייסט דער וואס ברייגנט דעם קרבן דארף אויפהויבען, אזוי אויך דא ביי בכורים דארף זיין בעלים. „הא כיצד״, ווי אזוי איז עס מעגליך? „מניח כהן ידיו תחת יד בעלים ומניף״, דער כהן לעגט זיינע הענד אונטער די הענד פון די בעלים און הויבט אויף, איז די בעלים׳ס הענד בארירען דאס פלייש אליין ווייל עס שטעהט „ידיו תביאנה״, בלויז הענד זאלען אויפהויבען, אבער ביים כהן מעג זיין די חציצה פון מין במינו דורך די בעלים׳ס הענד וואס האקען איבער צווישען כהן און פלייש, דאס זאגט דער מלבי״ם געגען תוס׳ מנחות ס״א ע״ב. י״א) רבא בר אדא האט געזאגט פון ר׳ יצחק וועגען, „בכורים מאימתי מחייבין עליהן״, פון ווען איז חייב מיתה א זר, אויב ער עסט בכורים? „משיראו פני הבית״, פון דער צייט ווען די בכורים זעהען אן דעם פני הבית, פרעגט די גמרא, „כמאן?״ ווי ווער קומט עס אויס? „כי האי תנא״, ווי דער תנא, דען מיר האבען געלערענט ר׳ אליעזר זאגט, „בכורים בחוץ ומקצתן בפנים״, בכורים וואס זיינען האלב צו דער אויטסייד מויער און האלב צו דער אינסייד מויער, „שבחוץ הרי הן כחולין לכל דבריהם״, די בכורים וואס זיינען אויסוויייניג האבען דעם דין ווי חולין אין אלע הינזיכטען; „שבפנים״. און די פון אינוויייניג האבען דעם דין ווי הקדש אין אלע זייערע זאכען: א) רב ששת זאגט אז ביי בכורים איז די הנחה מעכבב און ניט די קרייה, פרעגט די גמרא, „כמאן?״ ווי ווער קומט עס אויס, „כי האי תנא״, ווי דער תנא, דען מיר האבען געלערענט ר׳ יוסי זאגט דריי זאכען, „משום שלשה זקנים״, פון דריי זקנים וועגען, און איינער פון די זקנים איז רבי ישמעאל וואס זאגט, „יכול יעלה אדם מעשר שני בזמן הזה בירושלים

ב) ודין הוא בכור טעון הבאת מקום ומעשר שני טעון הבאת מקום מה בכור אינו אלא בפני הבית אף מעשר אינו אלא בפני הבית, מה לבכור שכן טעון מתן דמים ואימורין לגבי מזבח? בכורים יוכיחו, מה לבכורים שכן טעונין הנחה? ת"ל וגו' (דברים י"ד) ואכלת (שם) לפני ה' אלקיך מקיש מעשר לבכור מה בכור אינו אלא לפני הבית, אף מעשר אינו אלא לפני הבית, ואם איתא ליפריך מה לבכורים שכן טעונין קרייה והנחה? ג) אמר רב אשי נהי דעיכובא ליכא, מצוה מי ליכא? ולימא

ויאכלנו", איך וואלט מיינען אז אפילו היינט נאכ'ן חורבן זאל א מענש אויפברייגגען דעם מעשר שני קיין ירושלים און אויפעסען איהר דארט, דער תנא האלט אז די קדושה פון ארץ ישראל איז ניט בטל געווארען, דאריבער ווען ניט דער פסוק וואס ער ברייגגט ווייטער אויף א היקש צו צוגלייכען מעשר שני צו בכור,צו פטר'ן, וואלט איך מיינען אז ער איז יא מחויב. ב) די פראגע איז דא, פילייכט קען מען דאס ארויסלערנען דורך א מה מצינו פון צוויי ענליכע ענינים, דאס איז דער טייטש פון ודין הוא, „בכור טעון הבאת מקום", בכור דארף האבען מען זאל איהם ברייגגען אין פלאץ און מעשר שני איז אויך אזוי, „מה בכור אינו אלא בפני הבית אף מעשר", קען איך דאך זאגען א מה מצינו, פונקט ווי בכור געהט ניט אן, נאר אין צייט פון בית המקדש אזוי אויך מעשר שני? קענען מיר אבער אפפרעגען, „מה לבכור שכן טעון מתן דמים ואימורין לגבי מזבח?" ווייסט דו ווארום א בכור איז ניט נוהג היינט, ווייל מען דארף געבען דמים און אימורין אויפ'ן מזבח? אבער מעשר שני קען זיין אז עס איז יא נוהג היינט, איז דאך דא ווידער א באוויז פון בכורים, און דאס איז וואס ער זאגט, „בכורים יוכיחו", בכורים באווייזען, ביי זיי איז אויך ניט דא קיין דמים און קיין אימורין, און פונדעסטוועגען איז עס ניט נוהג היינט, דאס זעלבע קען איך זאגען אויף מעשר שני, אויף דעם זאגט ער, „מה לבכורים שכן טעונין הנחה", איך קען דאך דיר ווייטער אפפרעגען, ווייסט דו ווארום בכורים זיינען ניט נוהג היינט, ווייל זיי דארפען האבען הנחה אין בית המקדש, אבער מעשר דארף דאס ניט, וואלט איך מיינען, עס איז נוהג היינט, דאריבער, „תלמוד לומר ואכלת לפני ה' אלקיך", שטעהט דער פסוק דו זאלסט עסען דעם מעשר שני און בכור פאר ה' אלקיך, איז דאן שוועה, דער פסוק שמועסט בלויז פון מעשר שני, און ער ברייגגט אריין אין דערמיט, בכורות, איז עס געוואוס צו צוגלייכען זיי, (דאס הייסט א היקש) „מקיש מעשר לבכור", פונקט ווי בכור איז נאר בפני הבית אזוי אויך מעשר שני. יעצט קומט דער אויספיהר וואס ר' ששת זאגט אז נאר די הנחה איז מעכב, „ואם איתא", אזוי באלד עס וואלט געווען דאס ביי בכורים איז די קרייה אויך מעכב, „ליפרוך מה לבכורים שכן טעונין קרייה והנחה?" האט ער בעדארפט פרעגען ווייסט דו ווארום בכורים איז ניט נוהג היינט, ווייל זיי דארפען האבען קרייה און הנחה אין בית המקדש, און ווען ער פרעגט נאר פון הנחה, צייגט זיך עס דאס ר' ישמעאל האלט אז נאר הנחה איז מעכב.

מצוה וליפריך? אלא אמר רב אשי כיון דאיכא בכורי הגר דבעי למימר אשר נשבע (ה') לאבותינו, ולא מצי אמר, לא פסיקא ליה. ד) וליהדר דינא ותיתי במה הצד? משום דאיכא למיפרך מה להצד השוה שבהן שכן יש צד מזבח? ה) ומאי קסבר אי קסבר קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא אפילו בכור נמי? אי קסבר קדושה ראשונה קידשה לשעתה ולא קידשה לעתיד לבא אפילו בכור נמי תיבעי? אמר רבינא לעולם קסבר קידשה לשעתה ולא קידשה לעתיד לבא, והכא בבכור שנזרק דמו קודם חורבן הבית וחרב הבית ועדיין בשרו קיים, ומקשינן

ג) האָט רב אשי געזאָגט, „נהי דעיכובא ליכא, מצוה מי ליכא?" רב אשי האָט דאָ געפרעגט אַבוואָהל די קרייה האַלט ניט אויף, אָבער א מצוה צו לייענען איז דען ניט דאָ? „ולימא מצוה וליפרוך?" האָט ער געזאָלט פרעגען אויף מצוה, ווייסט דו וואָרום בכורים איז ניט נוהג היינט ווייל זי האָט א מצוה צו לייענען די פרשה אין בית המקדש? אלא האָט רב אשי געזאָגט, „כיון דאיכא בכורי הגר דבעי למימר", ווייל עס איז דאָ אויך בכורים פון א גר, „ולא מצי למימר", וואָס ער קען ניט זאָגען, „אשר נשבע לאבותינו", אז דער באשעפער האָט געשוואָרען צו אונזערע עלטערען, דען ער איז דאָך ניט פון אידישע עלטערען, „לא פסיקה ליה", פאַסט איהם שוין ניט צו די פראַגע, אָבער ניט קיין גר, קען אפשר זיין אַז עס איז אפילו מעכב די קרייה. ד) פרעגט די גמרא, „וליהדר דינא, ותיתי במה הצד?" זאָל נאָך אמאָהל צוריקגעהן דער מה מצינו און אַרויסלערנען פון ביידע בכור מיט בכורים, וואָס האָבען איין גלייכע זייט, מען דאַרף זיי ברייגגען אין פּלאַץ, אַזוי אויך מעשר שני דאַרף מען ברייגגען אין פּלאַץ, און פּונקט ווי זיי זיינען ניט נוהג היינט אַזוי זאָל ניט נוהג זיין מעשר שני? ענטפער, „משום דאיכא דמיפרך, מה להצד השוה שבהן שכן יש צד מזבח?" ווייל איך קען אָבפרעגען, ווייסט דו וואָרום דער הצד השוה בכור מיט בכורים זיינען ניט נוהג היינט ווייל עס איז דאָ ביי זיי א צד מזבח, בכור אויף דעם בלוט און בכורים אויף הנחה, דאַגעגען מעשר וואָלט איך מיינען אַז עס איז נוהג היינט. ה) פרעגט די גמרא, „ומאי קסבר? אי קסבר קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבא", דער תנא וואָס ביי איהם איז זיכער אַז בכור איז היינט ניט נוהג נאָר מעשר שני איז ביי איהם א צווייפעל, פרעגט דאָ די גמרא, ווי האַלט דאָ דער תנא וועגען ירושלים? האַלט ער אַז די ערשטע קדושה איז געהייליגט פאַר יענער צייט און פאַר דער צוקונפט, איז דאָך בכור אויך נוהג היינט, ווייל דער וואָס האַלט די סברה האַלט דאָך אויך אַז מען קען מקריב זיין אפילו ווען קיין בית איז? האַלט ער ווידער אַז די ערשטע קדושה איז ניט פאַר לעתיד לבוא, „בכור נמי תיבעי", איז דאָך ביי בכור אויך א צווייפעל צו עס איז נוהג? האָט רבינא געזאָגט „לעולם קסבר לא קידשה לעתיד לבא", לעולם האַלט ער די ערשטע קדושה איז ניט פאַר דער צוקונפט, אַי איז דאָך די זעלבע פראַגע ביי בכור? „והכא בבכור שנזרק קודם חורבן הבית", נאָר דאָ שמועסט ביי א בכור

בשרו לדמו מה דמו במזבח אף בשרו במזבח והקיש מעשר לבכור. ו) וכי דבר הלמד בהיקש חוזר ומלמד בהיקש? מעשר דגן חולין הוא (דף י"ט ע"ב) הניחה למאן דאמר בתר למד אזלינן, אלא למאן דאמר בתר מלמד אזלינן מאי איכא למימר דם ובשר חדא מילתא הוא: ז) קדשי קדשים וכו: תנינא חדא זימנא, מעשר שני והקדש שלא נפדו, אמר ר' יוסי בר חנינא סיפא במעשר שני טהור וגברא טהור דקא אכיל חוץ לחומה רישא במעשר שני טמא וגברא טמא וקא אכיל ליה בירושלם.

וואס מען האט געשפרענגט זיין בלוט בעפאר די צושטערונג פון בית המקדש, „וחרב הבית ועדיין בשרו קיים", און נאך זיין חורבן איז נאך דאס פלייש געווען, „ומקשינן בשרו לדמו", און אין פסוק איז געגליכען דער בשר און דם אין איין פסוק, „ואת דמם תזרוק ובשרם יהיי לך", לערען איך ארויס פון דעם, אז אין צייט ווען מען קען שפרענגען דאס בלוט, מעג מען עסען דאס פלייש, ניט ווען דער מזבח איז צופיהרט, און דאן ערשט גלייך איך צו מעשר צו בכור עס זאל אויך ניט נוהג זיין היינט. ו) פרעגט די גמרא, „וכי דבר הלמד בהקש, חוזר ומלמד בהקש?".. קען דען א זאך וואס איז ארויסגעלערענט דורך א הקש, ווידער מאכען לערנען אויף אן אנדער זאך? בשר פון א בכור איז ארויסגעלערענט פון דעם דורך א הקש וואס זיינעןביידע געגליכען אין איין פסוק, און דאן ערשט איז געגליכען מעשר שני צו בכור אין אנדער פסוק, קען דען א הקש ביי קדשים נאך אמאהל לערנען, ענטפערט די גמרא, „מעשר דגן חולין הוא", מעשר פון תבואה איז חולין, ניט קדשים דאריבער קען מען עס אבלערנען פון אן אבגעלערענטע זאך, פרעגט די גמרא, הניחה למאן דאמר בתר למד אזלינן", דאס איז רעכט נאך דעם וואס האלט אז מיר געהען און רעכענען, נאך דעם אבגעלערענטען, און דאס אבגעלערענטע איז טאקע חולין, „אלא למ"ד בתר מלמד אזלינן", אבער נאך דעם וואס האלט אז מיר געהען און רעכענען נאך דעם אבלערנער, און דער אבלערנער וואס איז בכור איז דאך קדשים, און ביי קדש קען מען דאך ניט אבלערנען פון אן אב־געלערענטע זאך, „מאי איכא למימר?" וואס פאר אן ענטפער איז יעצט דא צו זאגען? ענטפערט די גמרא, „דם ובשר חדא מלתא הוא", דער הקש וואס מען לערענט, דם מיט בשר, איז איין זאך, דען ביידע זיינען דאך פון בכור, איז מעהר ניט דא ווי איין הקש פון בכור אויף מעשר. ז) אין באצוג צו דער משנה, „קדשי קדשים וכוי", פרעגט די גמרא, „תנינא חדא זימנא?" מיר האבען דאך שוין איין מאהל געלערענט אין א משנה פריהער, „מעשר שני והקדש שלא נפדו?" האט ר' יוסי בר חנינא געזאגט, „סיפא במעשר שני טהור, וגברא טהור", די צווייטע משנה שמועסט וועגען מעשר שני וואס זיינען טהור, און דער מענש איז טהור, „דקאכל חוץ לחומה", אז ער האט זיי געגע־סען אויסוויינינג פון מויער, „רישא במעשר שני טמא וגברא טמא וקאכל ליה בירושלם", און די ערשטע משנה שמועסט וועגען מעשר שני וואס איז טמא, און דער מענש איז טמא, און געגעסען אין ירושלים אהן אויסלייזונג. ח) די

ח) ומנא לן דמחייב עליה משום טומאה? דתניא ר' שמעון אומר (דברים כ"ו) לא בערתי ממנו בטמא, בין שאני טמא והוא טהור בין שאני טהור והוא טמא, והיכן מוזהר על אכילה, איני יודע, טומאת הגוף בהדיא כתיב (ויקרא כ"ב)? נפש אשר תגע בו וטמאה עד הערב ולא יאכל מן הקדשים וגו'. ט) אלא טומאת עצמו מניין? דכתיב לא תוכל לאכול בשעריך, ולהלן הוא אומר (דברים ט"ו) בשעריך תאכלנו הטמא והטהור ותניא דבי ר' ישמעאל אפילו טמא וטהור אוכלין בקערה אחת ואין חוששין, וקאמר רחמנא האיך טמא דשרי לך גבי טהור התם, הכא לא תיכול. י) ומנא לן דבר פדייה הוא? דאמר ר' אליעזר מניין למעשר שני שנטמא

גמרא פרעגט, „ומנלן דמחייב עליה משום טומאה?" פון וואנען איז געדרונגען דאס ער איז חייב צוליב טומאה? ענטפער, „דתניא ר' שמעון אומר", דען מיר האבען געלערענט ר' שמעון זאגט אויפ'ן פסוק, „לא בערתי ממנו בטמא", וואס מיינט איך האב ניט ארויסגעראמט די מעשר שני פון הויז קיין ירושלים אין טומאה, וואלט דאך בעדארפט שטעהן ניט בטמא נאר בטומאתי, אזוי ווי ביי באוני, פון דעם דרש'ענט ר"ש, „בין שאני טמא והוא טהור", סאי ווען איך בין טמא און די מעשר איז טהור, „בין שאני טהור והוא טמא", סאי איך בין טהור און די מעשר איז טמא, פרעגט די גמרא, „והיכן מוזהר על אכילה", און וואו איז ער געווארענט, דאס מיינט דער לאו אויפ'ן עסען וואו איז? „איני יודע", איך ווייס ניט, פרעגט זי באלד, „טומאת הגוף בהדיא כתוב?" **אז דער גוף איז טמא טאר ער ניט עסען קיין קדש,** שטעהט דאך ריין ארוים אין דער תורה, „נפש אשר תגע וטמאה, ולא יאכל מן הקדשים", אז א נפש וואס בארירט א טומאה איז טמא און ער טאר ניט עסען פון קדשים ביז ער איז זיך טובל, און עס געהט ארויף אויף מעשר, וואס איז גענוג טבילה. ט) אלא זאגט די גמרא איך פרעג דיר, „טומאת עצמו מניין", פון וואנען איז געדרונגען אז די מעשר אליין איז טמא ווען ער עסט איהר, איז ער עובר אויף א לאו, ענטפער, „דכתיב לא תוכל לאכול בשעריך", ביי מעשר שני, „ולהלן הוא אומר בשעריך תאכלנו הטמא והטהור", און ביי א בכור וואס האט געקראגען א פעהלער, שטעהט דארט, דאס א טמא און א טהור מעגסט דו איהם עסען אין דיין ארטשאפט, „ותניא דבי ר' ישמעאל אפילו טמא וטהור בקערה אחת", און ר' ישמעאל האט געלערענט דאס אפילו אין איין שיסעל מעגען זיי עסען, „ואין חוששין", און עס איז ניט צו באזארגען, „וקאמר רחמנא האיך טמא דשרי לך גבי טהור התם", מיינט די תורה צו זאגען אזוי, **אזא מאדע ווי דו מעגסט דארט ביי בכור א בעל מום, עסען** צוזאמען א טמא מיט א טהור, אבער נאר דארט, „הכא לא תאכל", דא אבער ביי מעשר טארסטו ניט עסען, און דער פשט פון לא תוכל לאכול בשעריך איז, דו קענסט ניט עסען די מעשר ווי דו ביזט געוואוינט אין דיין ארטשאפט צו עסען וואס דארונטער איז אויך א בכור מיט א מום וועלכער ווערט גגעסען פון א טמא און א טהור צוזאמען. י) די גמרא פרעגט, „ומנין דבר פדייה הוא?"

שפודין אותו אפילו בירושלים תלמוד לומר כי לא תוכל שאתו, ואין שאת אלא אכילה שנאמר וישא משאת מאת פניו, אמר רב ביבי אמר רב אסי מניין למעשר שני טהור שפודין אפילו בפסיעה אחת חוץ לחומה שנאמר כי לא תוכל שאתו. י״א) הא מבעיא ליה לכדר׳ אליעזר אם כן לימא קרא לא תוכל לאוכלו מאי שאתו? ואימא כולו להכי הוא דאתי? א״כ לימא קרא לא תוכל ליטלו מאי שאתו שמע מינה תרתי. י״ב) יתיב

פון וואנען ווייס איך אז מען מעג אויסלייזען מעשר שני טמא אפילו אין ירושלים? ענטפערט די גמרא „דאמר ר״א מניין למעשר שני שנטמא שפודין אותו אף בירושלים", פון וואנען ווייס איך אז מען קען טמא מעשר שני אויס־לייזען אפילו אין ירושלים, „תלמוד לומר, כי לא תוכל שאתו", עס שטעהט אין פסוק, אז פירות וואס דו קענסט ניט טראָגען מיט זיך קיין ירושלים מעגסט דו עס אויסלייזען, „שאתו" האָט דריי אויסדרוקען, נעמען, האלטען, טראָגען, ביי מעשר שני טמא טייטש איך, האלטען אָדער נעמען, דאָס הייסט ווייל עס איז טמא קען ער דאָך ניט האלטען צום עסען דאריבער מעג ער אויסלייזען, „ואין שאת אלא אכילה", און דער שאת מיינט נאָר צום עסען, „שנאמר וישא משאת מאת פניו", עס שטעהט א פסוק אזא גלייכען וואָס טייטשט זיך, נעמען, צום עסען, ביי יוסף׳ס ברידער, וואָס איז זיי אויסגעטיילט געוואָרען ביי דער סעודה, און די סברה גיט אויך מיט, דען וואָס פאַר אַן אונטערשיעד איז צו ער קען ניט טראָגען צום עסען צוליב ווייטען וועג צו ער קען עס ניט עסען ווייל עס איז טמא. רב ביבי האָט געזאָגט פון רב אסי, וועגען „מניין למעשר שני טהור שפודין אפילו בפסיעה אחת חוץ לחומה?" פון וואנען ווייס איך אז מעשר שני טהור קען מען אויסלייזען אפילו איין טריט פאַר די חומה? „שנאמר כי לא תוכל שאתו", דער וואָרט „כי" איז א טעם ווייל דו קענסט ניט טראָגען קיין ירושלים, איז קיין אונטערשיעד צו ווייט צו נאָהענט, דער עיקר טעם איז דער טראָגען אָדער נעמען. י״א) פרעגט די גמרא, „האי מבעיא ליה לכדרי אליעזר?" איך דאַרף דאָך האָבען דעם פסוק פאַר ר׳ אליעזר׳ס דין אויף מעשר שני טמא, ענטפערט די גמרא, „אם כן לימא קרא לא תוכל לאוכלו?" אויב עס זאָל קומען בלויז אויף ר׳ אליעזר׳ס דין וואָלט בעדאַרפט שטעהן, לאכלו, צו עסען איהם, זיין דין איז דאָך בלויז וועגען עסען, און אַזוי ווי עס שטעהט שאתו, איז אויך געדרונגען וועגען טראָגען אפילו איין טריט בעפאָר די חומה, פרעגט די גמרא ווידער, „ואימא כולי להכי לוא דאתי?" לאָמיר זאָגען אז דער גאנצער פסוק קומט פאַר דעם דין פון מעשר שני טהור? ענטפערט די גמרא, „אם כן לימא קרא לא תוכל ליטלו", אויב איך זאָל דעם פסוק אינגאנצען לייגען פאַר מעשר שני טהור אויף טראָגען אפילו איין טריט פון דער חומה, וואָלט בעדאַרפט שטעהן, ליטלו, דאָס הייסט אין עברית לקחתו, דען עס שמועסט דאָך פון נעמען עס איין טריט צו ירושלים, „מאי שאתו?" וואָס שטעהט עפּעס שאתו, און געוויס אויף צו דרינגען ביידע זאכען ווייל „שאתו" האלט אוים ביידע אויסדרוקען. י״ב) „יתיב", רב חנינא און רב הושעיא זיינען געזעסען, „וקא מבעי להו",

רב חנינא ורב הושעיא וקא מיבעי להו, אפיתחא דירושלים מהו? פשיטא הוא בחוץ ומשאו בפנים, קלטוהו מחיצות, הוא בפנים ומשאו בחוץ מהו? תנא להו ההוא סבא בדבי רבי שמעון בן יוחאי (דברים י״ד) כי ירחק ממך המקום ממילואך, בעי רב פפא נקיט ליה בקניא מאי? תיקו. י״ג) אמר רב אסי אמר ר׳ יוחנן מעשר שני מאימתי חייבין עליו משראה פני החומה, מאי טעמא, דאמר קרא, לפני ה׳ אלקיך תאכלנו (שנה בשנה) וכתיב (כי) לא תוכל לאכול בשעריך, וכל היכא דקרינן ביה לפני ה׳ אלקיך תאכלנו קרינן ביה לא תוכל לאכול בשעריך, וכל היכא דלא קרינן ביה לפני ה׳ אלקיך תאכלנו, לא קרינן ביה לא תוכל לאכול בשעריך. י״ד) מיתיבי רבי יוסי אומר כהן שעלתה בידו תאינה של טבל,

---

און זיי האָבען געפרעגט, „אפיתחא דירושלים מהו?" אויב די מעשר שני ליגט ביי דעם טויער פון ירושלים, ווי איז דער דין צו קען ער איהר אויסלייזען? „פשיטא", דאָס איז אַ געוויס,׳ „הוא בחוץ ומשאו בפנים", ווען ער איז אויס־וויינינג און זיין לאַסט איז אינוויינינג, אז „קלטוהו מחיצות", די ווענט האָבען איהר אריינגענומען, „הוא בפנים ומשאו בחוץ", ווען ער אָבער איז אינוויינינג און זיין לאַסט איז אויסוויינינג, „מהו", דאָ איז די פראַגע? ווייל ער האלט דעם פּאַק אין האנד, קען איך מיינען אַז איך וואַרף דעם פּאַק נאָך איהם, „תנא להו ההוא סבא, בדבי ר׳ שמעון בן יוחאי", האָט צו זיי געלערענט אין דער ישיבה פון ר׳ שמעון בן יוחאי, עס שטעהט א פסוק „כי ירחק ממך המקום", אויב עס וועט זיין דער פּלאַץ ווייט פון דיר, טייטש איך, „ממילואך", פון דיין דערפילונג וואָס דו טראָגסט אויף דיר, דען ממך איז טייטש פון דיר אַלעס וואָס איז אויף דיר אָבער ניט וואָס ער האלט בלויז אין האנד וועהרענד דאָס איז ליגענד אויף דער ערד, „בעי רב פפא, נקט ליה בקניא מהו?" ר״פ האָט געפרעגט אויב ער האָט געהאלטען א לאנגען שטעקען, אין וועלכען די מעשר שני איז געווען, ארויסגרייכענדיג אויסוויינינג, צו רעכען איך עס צו איהם וואָס איז אינוויינינג? „תיקו", בלייבט די פראגע שטעהן. י״ג) רב אסי האָט געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, „מעשר שני מאימתי חייבין עליו?" פון ווען אָן איז ער חייב אויף מעשר שני, ענטפער, „משראה פני החומה", פון דער צייט ווען די מעשר האָט געזעהן דעם אינוויינינגסטען מויער, און נאכהער האָט ער עס ארויסגעפיהרט, איז ער ערשט חייב פאַר עסען, „מאי טעמא", פון וואַנען איז עס געדרונגען? „דאמר קרא לפני ה„ אלקיך תאכלנו וכתיב לא תוכל לאכול בשעריך", איין פסוק זאָגט זאָלסט עסען מעשר פאַר ה׳ אלקיך וואָס מיינט אינוויינינג, און איין פסוק זאָגט דו קענסט ניט עסען אין דיין ארטשאפט אויסוויינינג, טייטש איך, „כל היכא דקרינן ביה", וואו איך לייען לפני ה׳, אַז די מעשר איז געווען אינ־וויינינג, לייען איך דערביי „לא תוכל לאכול בשעריך", אַז דו טאָרסט ניט עסען אויסוויינינג אין דיין ארטשאפט, און וואו איך לייען ניט, לפני ה׳, דהיינו אַז עס איז ניט געווען אינוויינינג, לייען איך אויך ניט לא תוכל לאכול בשעריך. י״ד) „מיתיביי"; איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען, ר׳ יוסי זאָגט, „כהן שעלתה

אמר תאינה זו תרומתה בעוקצה מעשר ראשון בצפונה ומעשר שני לדרומה והוא שנת מעשר שני והוא בירושלים, או מעשר עני והוא בגבולין אכלה (דף כ' ע"א) לוקה אחת, וזר שאכלה לוקה שתים, שאילו בתחילה אכלה אינו לוקה אלא אחת. א) טעמא דאיתיה בירושלים הא בגבולין לוקה שלש, דאף על גב דלא רואה פני חומה? דעיילי ואפקי, אי הכי מאי למימרא, הכא במאי עסקינן כגון דעיילינהו בטבלייהו, וקסבר מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמיין, ב) וסבר ר' יוסי מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמי? והתניא ר' שמעון בן יהודה אומר משום ר'

בידו תאינה של טבל", א כהן וואס איז איהם געקומען אין האנד א פייג פון טבל, (וואס איז ניט גע'מעשר'ט) „אמר תאינה זו תרומתה בעוקצה, מעשר ראשון בצפונה ומעשר שני לדרומה", האט דער כהן גזעאגט, די פייג, זאל די תרומה זיין אנגעוויזען נעבען שטרענגעל, די מעשר ראשון אין איין געוויסע זייט און מעשר שני אין א צווייטער געוויסע זייט, „והוא שנת מעשר שני והוא בירושלים", און דער יאהר איז דער מעשר שני יאהר ווערענד ער איז אין ירושלים, „או מעשר עני והוא בגבולין", אדער עס איז דער דריטער יאהר ווען עס געהט אן דער מעשר פאר ארימע, און ער איז אויסערהאלב ירושלים, „אכלה לוקה אחת", אויב דער כהן האט אזוי געגעסען די תאנה איז ער חייב איין מלקות צוליעב טבל, ווייל מיט'ן געבען פון תרומה און מעשר, האט ער עס ניט ארויס־גענומען פון טבל, וואס איז צוזאמענגעמישט תרומה מיט מעשר ראשון, דען ער האט ניט באשטימט קיין באזונדער פלאץ פאר תרומת מעשר, און אויב א זר האט געגעסען איז צוויי מלקות איינס פאר טבל און איינס פאר תרומה. דאס איז וואס ער זאגט „וזר שאכלה לוקה שתים, שאילו בתחילה אכלה אינו לוקה אלא אחת", און ווען דער זר עסט בעפאר איידער דער כהן האט באשטימט די פלעצער, קומט איהם ניט מעהר ווי איין מלקות, פיר טבל אליין. א) יעצט איז די קשיא, „טעמא דאיתיה בירושלים, הא בגבולין לוקה שלוש", בעפאר זאגט ער דעם באדינג, אז ער איז אין ירושלים, „הא", אבער ווען ער איז אין גבולין קומט איהם דריי מלקות, צוליעב מעשר שני אויך, „דאף על גב דלאו רואה פני חומה", כאטש די מעשר האט ניט געזעהן דעם אינוויינגסטען מויער, זעהסט דאך אזוי גוט אז ער איז חייב פאר מעשר שני איידער זי איז געווען אינווייניג? ענטפערט די גמרא, „דעיילי ואפקי", אז עס מיינט, די מעשר איז אריין און ארויס, פרעגט די גמרא, „אי הכי מה למימרא", אויב אזוי וואס קומט עס מיר לאזען הערען? ענטפערט די גמרא, „הכא במאי עסקינן, כגון דעיילינהו בטבלייהו", ווייסטו ווי דא שמועסט אז ער האט זיי אריינגענומען ווען זיי זיינען נאך געווען טבל, „וקסבר מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמיין", און ער האלט אז מתנות וואס זיינען נאך ניט אבגעשיידט, זיינען אזוי גוט ווי אבגעשיידט, דאריבער איז ער חייב, ווען בגבולין, דריי מלקות. ב) פרעגט די גמרא, „וסבר ר' יוסי מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמי?" האלט דען ר' יוסי אז מתנות וואס זיינען נאך ניט אבגעשיידט, זיינען גלייך ווי זיי וואלטען

יוסי לא נחלקו בית שמאי ובית הלל על פירות שלא נגמרו מלאכתן ועברו בירושלים, שיפדה מעשר שני שלהן ויאכל בכל מקום ועל מה נחלקו על פירות שנגמרו מלאכתן ועברו בירושלים שבית שמאי אומרים יחזור מעשר שני שלהם ויאכל בירושלים, וב"ה אומרים יפדה ויאכל בכל מקום. ג) ואי סלקא דעתך מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמיין הא קלטוהו מחוצות? אמר רבה מחיצה לאכול דאורייתא, מחיצה לקלוט דרבנן וכי גזור רבנן כי איתיה בעיניה, בטבליה לא גזור רבנן, רבינא אומר כגון

שוין געווען אָבגעשיידט? „והתניא", מיר האָבען דאָך געלערענט, ר' שמעון זאָגט פון ר' יוסי וועגען, „לא חלקו בית שמאי ובי"ה על פירות שלא נגמרו מלאכתן ועברו בירושלים", זיי קריגען ניט אויף פירות וואָס זייער מלאכה איז נאָך ניט פאַרטיג געוואָרען וואָס דאריבער איז נאָך ניט געקומען די פליכט פאר מעשר, און די פירות זיינען דורכגעפירט געוואָרען ירושלים, „שיפדה מעשר שני שלהן ויאכל בכל מקום", האלטען זיי ביידע, אז ער מעג אויסלייזען זייער מעשר שני און עסען עם איבעראל, „ועל מה נחלקו?" נאָר אין וואָס קריגען זיי? „על פירות שנגמרו מלאכתן ועברו בירושלים", אויף פירות וואָס זיינען פאַרטיג צו מעשר'ן און זיינען דורך ירושלים, „שבית שמאי אומרים יחזור מעשר שני שלהן ויאכל בירושלים", אז ב"ש זאָגען, ער מוז צוריק ברייגגען זייער מעשר שני צו ירושלים און עסען עס דאָרט, „ובית הלל אומרים יפדה ויאכל בכל מקום", און די ב"ה זאָגען ער מעג אויסלייזען און עסען עס איבעראל, ווייל די פירות כאָטש דורכפיהרענדיג ירושלים זיינען זיי אָבער ניט גלייך ווי אָבגע־שיידט און עס איז נאָך ניט קיין מעשר, די ב"ש האלטען פארקערט. ג) יעצט ווען איך זעה אז ר' יוסי דערקלערט הלל'ס דעה וואָס איז דער עיקר, איז וואר־שיינליך דאָס ר' יוסי האלט אזוי אז עס איז ניט, „כמי שהורמו, ואי סלקא דעתך", און אויב דו וועסט דענקען, „מתנות שלא הורמו כמי שהורמו דמיין", אז עס איז גלייך ווי שוין אָבגעשיידט, איז דאָך די קשיא, „הא קלטוהו מחיצות?" די ווענט פון ירושלים האָבען דאָך עס שוין ארייגגענומען? האָט רבה געזאָגט אַן ענטפער, „מחיצה לאכול דאורייתא", ווען ער נעמט אריין אויף צו עסען איז עס מן התורה, „מחיצה לקלוט דרבנן", אויב ער פיהרט עס נאָר דורך איז עס נאָר דרבנן וואָס זאָגען ער טאָר עס ניט אויסלייזען, „וכי גזור רבנן כי איתיה בעיניה", און ווען זאָג איך אזוי אז די רבנן האָבען גוזר געווען, נאָר ווען עס איז אליין, „בטבליה לא גזור רבנן", אָבער ווען עס איז אין איינעם אלס טבל האָבען די רבנן ניט גוזר געווען. „רבינא אמר כגון דנקיט ליה בקניא", רבינא ענטפערט, דאָס וואָס מיר דרינגען ארויס אויבען, אָבער אויסער ירושלים קומט איהם דריי מלקות, אויב די תאנה איז דורך ירושלים, און די גמרא פרעגט דארויף, „מאי למימרא?" וואָס קומט עס לאָזען הערען? אויף דעם ענט־פערט רבינא אז עס שמועסט, אז ער האלט די מעשר שני אין אַ לאנגען שטעקען וואָס שטאַרט נאָך אריבער פאר די חומה, לאָזט ער מיר הערען, אז פונדעסט־וועגען קומט מלקות, „ותפשוט בעיא דרב פפא", און מיט דעם תירץ קענסטו

דנקיט ליה בקניא, ותפשוט בעיא דרב פפא: ד, **מתני׳**. הקורח קרחה בראשו והמקיף פאת ראשו והמשחית פאת זקנו והשורט שריטה אחת על המת חייב, שרט שריטה אחת על חמשה מתים או חמש שריטות על מת אחד חייב על כל אחת ואחת, על הראש שתים אחת מכאן ואחת מכאן, על הזקן שתים מכאן ושתים מכאן, ואחת מלמטה, ר׳ אליעזר אומר אם ניטלו כולן כאחת אינו חייב אלא אחת ואינו חייב עד שיטלנו בתער ר׳ אליעזר אומר אפילו לקטו במלקט או ברהיטני חייב. ה) **גמ׳**. ת״ר (ויקרא כ״א) לא יקרחו יכול אפילו קרח ארבע וחמש קריחות לא יהא חייב אלא אחת, תלמוד לומר קרחה, לחייב על כל קרחה וקרחה, בראשם מה תלמוד לומר, לפי שנאמר (דברים י״ד) לא תתגודדו ולא

אין איין וועגם אויסגלייכען רב פפא׳ס פראגע, אז עס איז גלייך ווי עס וואָלט געוועז אינוויינינ, דאָס הייסט אז איך רעכען דעם שטעקען נאָך איהם. ד) די משנה זאָגט, „הקורח קרחה בראשו״, דער וואָס גאָלט זיך אויס אויפ׳ן קאָפּ צוליב א טויטען ווי דער מנהג דאמאָלסט ביי די גוים, „והמקיף פאת ראשו״, און דער וואָס האקט אָרום די פאות פון זיין קאָפּ, „והמשחית פאת זקנו״, און דער וואָס פאַרדארבט די עקען פון זיין באָרד, דאָס מיינט ער נעמט ארונ־טער מיט א גאָל מעסער, „והשורט שריטה אחת על המת״, און דער וואָס רייסט זיין פלייש אפילו איין ריס צוליעב צער איבער א טויטען, איז ער חייב. „שרט שריטה אחת על חמשה מתים או חמש שריטות על מת אחד״, דער וואָס האָט זיך געריסען אפילו נאָר איין ריס צוליב פינף מתים, אָדער פינף ריסען נאָר אויף איין מת, „חייב על כל אחת ואחת״, איז ער חייב אויף יעדערם באזונדער. „על הראש שתים אחת מכאן ואחת מכאן״, אויף די פאות פון קאָפּ איז דאָ צוויי לאוין, איינער פון דער זייט און איינער פון דער זייט, דאָס הייסט צוויי פאות, „על הזקן שתים מכאן ושתים מכאן, ואחת מלמטה״, אויף דער באָרד איז דאָ פינף עקען צוויי אין יעדער זייט אין איינער אונטען, ר׳ אליעזר זאָגט, „אם ניטלו כולן כאחת אינו חייב אלא אחת״, אויב אַלע זיינען ארונטערגע־נומען געוואָרען אין איין מאָהל איז ער ניט חייב נאָר איין מלקות, „ואינו חייב עד שיטלנו בתער״, און ער איז ניט חייב ביז ער נעמט אַרונטער מיט א גאָל מעסער, ר׳ אליעזר זאָגט, „אפילו לקטו במלקט או ברהיטני חייב״, ווען אפילו ער האָט איהר ארונטערגענומען מיט א צוואנג אָדער א הובעל איז ער אויך חייב. ה) גמרא. די רבנן האָבען געלערענט, עס איז איין פסוק, „לא יקרחו״, זיי זאָלען זיך ניט אויסגאָלען, „יכול אפילו קרח ארבע וחמש קריחות לא יהא חייב אלא אחת״, איך וואָלט מיינען אז ער איז ניט חייב נאָר איינס, אפילו פאר מעהרערע קריחות, „תלמוד לומר קרחה״, דאריבער זאָגט דער פסוק אויך דעם נאָמען „קרחה״, וואָס מיינט יעדע קרחה, „לחייב על כל קרחה וקרחה״, דאָס קומט צו מחייב זיין פאַר יעדע קרחה, „בראשם מה תלמוד לומר?״ ווארום זאָגט דער פסוק דעם וואָרט בראשם, זאָגט די גמרא, „לפי שנאמר לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת״, ווייל עס שטעהט א פסוק איהר

תשימו קרחה בין עיניכם למת, יכול לא יהא חייב אלא על בין העינים בלבד, מניין לרבות כל הראש תלמוד לומר בראשם לרבות כל הראש. ו) ואין לי אלא בכהנים שריבה בהן הכתוב מצות יתירות ישראל מניין נאמר כאן קרחה ונאמר להלן קרחה מה להלן קרחה חייב על כל קרחה וקרחה וחייב על הראש כבין העינים אף כאן חייב על כל קרחה וקרחה וחייב על הראש כבין העינים ומה להלן על מת אף כאן על מת. ז) הני ארבע וחמש קריחות היכי דמי אילימא בזה אחר זה ובחמשה התראות פשיטא? (דף כ' ע"ב) אלא בחדא התראה מי מחייב? והתנן נזיר שהיה שותה יין כל היום אינו חייב אלא אחת, אמרו לו, אל תשתה אל תשתה והוא

זאלט זיך ניט אויסגאלען צווישען אייערע אויגען צו א מת, „יכול לא יהא חייב אלא על בין העינים בלבד", וואלט איך מיינען אז ער איז ניט חייב נאר פאר צווישען די אויגען, „מניין לרבות כל הראש", פון וואנען ווייס איך צו מרבה זיין דעם גאנצען קאפ, „תלמוד לומר בראשם לרבות כל הראש", דאריבער שטעהט בראשם צו מרבה זיין דעם גאנצען קאפ, און דאס וואס שטעהט בין עיניכם מיינט עס צו א געדענקצייכען ווי די גוים פלעגען עס טהאן. ו) „ואין לי אלא בכהנים, שריבה בהן הכתוב מצות ייתרות", און אויך ווייס איך ניט דאס, נאר ביי כהנים, ווייל דער פסוק האט געמעהרט ביי זיי מעהרערע מצות, „ישראל מניין", פון וואנען ווייס איך עס ביי א ישראל? „נאמר כאן קרחה ונאמר להלן קרחה", עס שטעהט ביי א כהן קרחה און עס שטעהט ביי א ישראל קרחה, צוויי גלייכע ענינים, זאג איך, „מה להלן חייב", פונקט ווי דארט ביי כהנים איז ער חייב פאר יעדע קרחה, „וחייב על הראש כבין העינים", און איז חייב אויפ'ן קאפ ווי אויפ'ן מוח צווישען די אויגען, „אף כאן", אזוי אויך דא ביי א ישראל, „ומה להלן על מת אף כאן על מת", און פונקט ווי דארט, מיינט מען איבער א טויטען אזוי אויך דא. ז) „הני ארבע וחמש קריחות היכי דמי?" די פיער פינף אויסגאלונגען, וואס ער איז חייב פאר יעדע באזונדער, ווי מיינט מען עס? „אילימא בזה אחר זה ובחמשה התראות", וועסטו זאגען אז דאס מיינט איינס נאכ'ן אנדערען און מיט פינף התראות, „פשיטא?" איז עס דאך א געוויס? „אלא בחדא התראה מי מחייב?" נאר מוזט דו דאך זאגען אז מיט איין התראה, איז ער דען חייב? „והתנן", מיר האבען דאך געלערנט אין א משנה, „נזיר שהיה שותה יין כל היום", א נזיר וואס האט געטרונקען וויין א גאנצען טאג, „אינו חייב אלא אחת", איז ניט חייב נאר איינס, „אמרו לו אל תשתה אל תשתה והוא שותה", ווען מען האט איהם אבער מתרה געווען זאלסט ניט טרינקען ביי יעדעם מאהל, „חייב על כל אחת ואחת", איז ער חייב פאר יעדע באזונדער, זעהסט דאך גוט, אז ער מוז האבען א התראה ביי יעדען מאהל? ענטפערט די גמרא, „לא צריכה דסך חמש אצבעותיו", זי דארף ניט ווערען געהערט, נאר אין אזא ארט, דאס ער האט אנגעשמירט מיט א סם (וואס נעמט ארויס די האר) זיינע פינף פינגער, „נשא ואותבינהו בבת אחת", און אויפהויבענדיג אזוי אוועק-

שותה חייב על כל אחת ואחת, לא צריכה דסך חמש אצבעותיו נשא ואותבינו בבת אחת דהויא ליה התראה לכל חדא וחדא. ח) וכמה שיעור קרחה, רב הונא אומר כדי שיראה מראשו ר' יוחנן אומר משום ר' אלעזר ב"ר שמעון כגרים, (כתנאי כמה שיעור קרחה כגרים) אחרים אומרים כדי שיראה מראשו אמר רב יהודה בר חביבא פליגי בה תלתא תנאי, חד אמר כגרים וחד אמר כדי שיראה מראשו וחד אמר כשתי שערות, ואיכא דמפיק שתי שערות ומעייל בכעדשה, וסימנך בהרת כגרים ומחייה בכעדשה. ט) תנא הנוטל מלא פי הזוג בשבת חייב וכמה מלא פי הזוג אמר רב יהודה שתים, והתניא לקרחה שתים? אימא וכן לקרחה שתים, תניא נמי הכי הנוטל מלא פי הזוג בשבת חייב, וכמה מלא פי הזוג שתים, ר' אליעזר אומר אחת. י) ומודין חכמים לר' אליעזר במלקט לבנות מתוך שחורות אפילו אחת שהוא חייב, ודבר זה אפילו בחול אסור משום שנאמר

געליינגט אויף'ן קאפ, מיט איין מאהל, „דהויא ליה התראה לכל חדא וחדא", אויף דעם אופן איז עס די איינע התראה גילטיג פאר יעדע באזונדער, ווייל דו קענסט דאך ניט אויסקלייבען א באשטימטען פינגער צו דער התראה, דאריבער איז זי חל אויף אלע פינגער. ח) „וכמה שיעור קרחה?" און וויפיל איז דער שיעור פון אן אויסגאלונג? רב הונא זאגט, „כדי שיראה מראשו", אזוי אז עס ווערט געזעהן פון קאפ, ר' יוחנן זאגט פון ר' אלעזר בר ר' שמעון וועגען, „כגרים", ווי א גריס, „כתנאי", עס קריגען תנאים אין דעם איינער האלט כגרים, און אחרים זאגען ביז עס ווערט געזעהן פון קאפ, רב יהודה בר חביבא האט געזאגט, „פליגי בה תלתא תנאי", עס קריגען דעריין דריי תנאים, איינער האלט ווי א גריס, און איינער האלט ביז עס ווערט געזעהן פון קאפ, „וחד אמר כשתי שערות", און איינער האלט עטליכע האר, „ואיכא דמפיק שתי שערות ומעייל בכעדשה", און א טייל זאגען ארויסצונעמען דעם שיעור פון שתי שערות און אריינצושטעלען אויף דעם פלאץ, „בכעדשה", ווי א געוויסען מין ארבעס גרעסער ווי א גריס, און דיין סימן האסט דו ביי נגעים וועגען בהרת און א מחייה. ט) „תנא הנוטל מלא פי הזוג בשבת חייב", אז איינער נעמט ארונטער האר די פולע שארף פון א תער איז ער חייב, „וכמה?" און וויפיל הייסט א פולע שארף? האט רב יודא געזאגט, שתים, צוויי האר, פרעגט די גמרא, „והתניא לקרחה שתים?" מיר האבען דאך געלערענט דעם שיעור נאר ביי קרחה, ענטפערט די גמרא, „אימא וכן לקרחה", זאג און אזוי אויך איז דער שיעור ביי קרחה, „תניא נמי הכי", נאך אזא גלייכונג האבען מיר געלערענט אז איינער נעמט ארונטער א פולע שארף האר אין שבת איז ער חייב און וויפיל איז עס, צוויי האר, ר' אליעזר זאגט איין האר. י) „ומודים חכמים לר"א במלקט לבנות מתוך שחורות אפילו אחת שהוא חייב", די חכמים זיינען מודה צו ר' אליעזר'ן, ווען ער קלייבט ארויס ווייסע פון צווישען שווארצע אפילו איינע, אז ער איז חייב, ווייל ער האט עס געמאכט וויכטיג פאר א מלאכה, מיט דעם וואס ער וויל אויסזעהן אינגער, „ודבר זה אפילו

(דברים כ"ב) לא ילבש גבר שמלת אשה: י"א) והמקיף פאת ראשו וכו': תנו רבנן פאת ראשו סוף ראשו ואיזהו סוף ראשו, זה המשוה צדעיו לאחורי אזנו ולפדחתו. י"ב) תני תנא קמיה דרב חסדא, אחד המקיף אחד הניקף לוקה, אמר ליה, מאן דאכיל תמרי בארבילא לקי? דאמר לך מני ר' יהודה הוא דאמר לאו שאין בו מעשה לוקין עליו, רבא אומר במקיף לעצמו ודברי הכל, רב אשי אומר במסייע ודברי הכל. י"ג) המשחית פאת זקנו: תנו רבנן פאת זקנו סוף זקנו ואיזהו סוף זקנו שבולת זקנו: והמשרט שריטה אחת וכו': תנו רבנן (ויקרא י"ט)

בחול אסור", און דאָס טאָר מען ניט אפילו אין דער וואָכען, „משום שנאמר לא ילבש", צוליעב דעם פסוק לא ילבש, א מאן זאָל ניט אָנציהען אויף זיך קיין פרויען קליידונג און דאָס איז דער שטייגער ווי פרויען טהוען. פאת מיינט עק, „זה המשוה", דאָס מיינט ער גלייכט אויס אַראָפּנעמענדיג ביי די זייטען די האָר, עס זאָל גלאט זיין ווי צו אונטער'ן אויער און צו די שלעפען צו. י"א) „תני תנא קמיה דרב חסדא"; א תנא האָט געלערענט פאַר רב חסדא, „אחד המקיף ואחד הניקף לוקה", סאַי דער וואָס שערט און סאַי דער וואָס ווערט געשאָרען ביי פאת הראש, קומט מלקות, האָט רב חסדא געזאָגט צו איהם, „מאן דאכל תמרי בארבילא לקי? " ווער עס האָט געגעסען טייטלען אין א זיפּ זאָל ווערען געשלאָגען? ער מיינט דאָ צו פרעגען אויב איינער ווערט פון יענעם געשאָרען, וואַרום זאָל איהם קומען מלקות, ער האָט דאָך גאָרניט געטאָן? ענטפערט די גמרא, „דאמר לך מני ר' יודא הוא דאמר לאו שאין בו מעשה לוקין עליו", אויב יעמאנד וועט דיר פרעגען, ווי ווער קומט עס אויס? קענסט דו ענטפערען, ווי ר' יודא וואָס ער האַלט אַז א לאו וואָס איז ניט דאָ דערין קיין מעשה קומט אויך מלקות, רבא זאָגט, „במקיף לעצמו ודברי הכל", עס שמועסט דאָס ער אַליין שערט זיך און עס קומט אויס ווי די גאנצע וועלט, רב אשי זאָגט, „במסייע ודברי הכל", עס שמועסט וואו ער העלפט צו, און עס קומט אויס ווי די גאנצע וועלט ניט דוקא ווי ר' יודא, לויט דעם ערשטען תירוץ, נאָך רב אשי איז נאָר ווען ער העלפט צו, אָבער גאַנץ אַליין איז ער חייב נאָר איינס, ווייל ער האַלט אז דער שורש תקיפו איז יקף און עס געפינט זיך ניט ביי איהם ניט קיין קל און ניט קיין כבד דאַריבער איז ער ניט קיין יוצא לשלישי און דאַריבער איז דער לאו ניט חל נאָר אויף דעם מקיף, סיידען ער העלפט איהם צו, און רבא האַלט דאָס תקיפו איז פון שורש נקף, און די בעלי דקדוק זאָגען אַז די בנינים וואָס ענטהאַלטען קל וואָס איז יוצא לשני, איז דער הפעיל דערפון א יוצא לשלישי, און דער שורש נקף ענטהאַלט טאקע א קל, חגים ינקופו און א כבד ונקף סבכי היער, דאַריבער איז דאָ דער הפעיל תקיפו א יוצא לשלישי אַלס לאו זאָלסט דיר ניט לאָזען שערען די פאות דורך יענעם, זאָ זעהסט דו אַז עס איז דאָ אויך א לאו פאַר'ן ניקף, און אַז ער שערט זיך אַליין איז ער חייב צוויי. י"א) אין באצוג צו דער משנה, „המשחית פאת זקנו": האָבען די רבנן געלערענט, פאת זקנו מיינט מען די ענדע פון זקן, „ואיזהו", און וועלכע הייסען די ענדעס, „שבולת זקנו". די משנה אויבען והמשרט: האָבען די רבנן געלערענט, דער פסוק זאָגט ושרט, „יכול אפילו

ושרט יכול אפילו שרט על ביתו שנפל ועל ספינתו שטבעה בים תלמוד לומר לנפש, אינו חייב אלא על המת בלבד, ומניין למשרט חמש שריטות על מת אחד שהוא חייב על כל אחת ואחת, תלמוד לומר ושרט לחייב על כל שריטה ושריטה. י"ד) ר' יוסי אומר מניין למשרט שריטה אחת על ה' מתים שהוא חייב על כל אחת ואחת ת"ל לנפש לחייב על כל נפש ונפש, והא אפיקתיה לביתו שנפל ולספינתו שטבעה בים?(דף כ"א ע"א) קסבר רבי יוסי שריטה וגדידה אחת הוא וכתיב התם למת. א) אמר שמואל המשרט בכלי חייב, מיתיבי שריטה וגדידה אחת הוא, אלא ששריטה ביד וגדידה בכלי, הוא דאמר כרבי יוסי, תני תנא קמיה

שרט על ביתו שנפל ועל ספינתו שטבעה בים", איך וואָלט מיינען אַז דאָס רייסען באַציהט זיך אויך אויף אַנדערע צרות צום ביישפּיעל זיין הויז איז איינגעפּאַלען אָדער זיין שיף איז דערטרונקען, „תלמוד לומר, לנפש", דאריבער זאָגט ער ארויס לנפש, דאָס נאָר אויף אַ טויטען, „ומניין למשרט חמש שריטות על מת אחד שהוא חייב על כל אחת ואחת", און פון וואנען וויים איך אַז ער טהוט פינף ריסען אויף איין מת, דאָס ער איז חייב פאַר יעדע? „תלמוד לומר ושרט לחייב על כל שריטה", דאריבער שטעהט אין פּסוק ושרט, דאָס הייסט ער איז חייב פאַר יעדען ריס, דען אויב מעהר וואָלט בעדאַרפט שטעהן „ולנפש לא תשרטו בבשרכם", אין דער אמת איז ווייל עס שטעהט אויך שרטת אַזוי ווי קרחה און איך לערען ארויס שרט פון שרטת דורך אַ גזרה שוה, (אמור כ"א ה'). י"ד) ר' יוסי זאָגט, „מניין למשרט שריטה אחת על חמש מתים שהוא חייב על כל?" פון וואנען וויים איך, אַז פאַר איין ריס אויף פינף מתים דאָס ער איז חייב פאַר אַלע פינף? „תלמוד לומר לנפש", דאריבער שטעהט לנפש וואָס מיינט פאַר יעדע נפש, פרעגט די גמרא, „והא אפיקתיה?" דו האָסט דאָך שוין, לנפש, אָבגעלערענט אויף ארויסצוציהען בית און ספינה ניט חייב צו זיין אויף זיי, ענטפערט די גמרא, „קסבר רבי יוסי שריטה וגדידה אחת הוא וכתיב התם לנפש", רבי יוסי האלט אַז שריטה און גדידה איז איינס די זעלבע און דאָרט שטעהט נאָך אמאָהל לנפש. א)שמואל האָט געזאָגט „המשרט בכלי חייב", אַז איינער רייסט זיך דאָס פלייש מיט אַן אינסטרומענט איז ער חייב, זאָגט די גמרא, „מיתיבי?" איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען? „שריטה וגדידה אחת הוא, אלא ששריטה ביד וגדידה בכלי", שריטה און גדידה איז איינס, נאָר שריטה מיינט דורך זיין האנד און גדידה דורך אַזאַ כלי, דאָס הייסט ווען עס רעדט זיך מיט אַ כלי דאַרף מען זאָגען דעם לשון המתגודד, דאָס הייסט די התראה דאַרף זיין ריין ארויסגעזאָגט פאַר גדידה אָדער פאַר שריטה, און ווען איך זעה אַז שמואל נוצט דעם לשון המשרט ביי אַ כלי, ציינגט עס אַז עס קאָן זיין אין איינעם שריטה מיט גדידה דורך אַ כלי און ער זאָל חייב זיין צוויי, און מיר האָבען דאָך געלערענט אַז נאָר איינס, ווען ביי האנד איז עס משרט און ווען ביי אַ כלי איז עס מגדד? ענטפערט די גמרא, „הוא דאמר כרי יוסי", ער מיינט ווי ר' יוסי, אַז אויף אַ מת איז

דרבי יוחנן, על מת בין ביד בין בכלי חייב, על עכו״ם ביד חייב בכלי פטור, והא איפכא כתיב (מ״א י״ח) ויתגודדו כמשפטם בחרבות וברמחים? אלא אימא ביד פטור בכלי חייב. ב) וחייב על הראש: מחוי רב ששת בין פירקי רישא: ועל הזקן שתים מכאן ושתים מכאן ואחת מלמטה: מחוי רב ששת בין פירקי דיקנא, רבי אליעזר אומר אם נטלן וכו׳: קסבר חד לאו הוא: ג) ואינו חייב עד שיטלנו בתער: תנו רבנן (ויקרא כא) ופאת זקנם לא יגלחו יכול אפילו גלחו במספרים יהא חייב תלמוד לומר לא תשחית, אי לא תשחית, יכול אם לקטו במלקט ורהיטני יהא

שריטה מיט גדידה איינס, געגען התראה און מלקות דער אונטערשיעד צווישען זיי איז דאָס דורך א כלי מיינט עס א טיפערע וואונד. „תני תנא", דער תנא האָט געלערענט פאַר ר׳ יוחנן, „על מת בין ביד בין בכלי חייב", אויף א מת איז ער חייב סאַי דורך האנד סאַי דורך א כלי, „על עכו״ם ביד חייב בכלי פטור", אָבער ווען ער טהוט עס צוליעב עבודה זרה, איז ביי האנד איז ער חייב ביי א כלי איז ער פטור, פרעגט די גמרא „והא איפכא כתיב ויתגודדו כמשפטם בחרבות וברמחים?" עס שטעהט דאָך פארקערט אין פסוק, דאָס זיי האָבען זיך, ווי זייער מנהג איז געשניטען און געשטאָכען זייערע לייבער צו דער עבודה זרה, און דאָס איז דאָך דורך כלים? אלא זאָגט די גמרא, „אימא", זאָג פארקערט דורך הענד צו עבודה זרה איז ער פטור דורך א כלי איז ער חייב. ב) אין באצוג צו דער משנה — „וחייב על הראש, מחוי רב ששת", האָט ר׳ ששת געוויזען, „בין פירקי רישא", וואו דער קאָפּ קומט זיך צוזאמען וואָס מיינט דער געלענק נעבען אויער. ווייטער די משנה אויבען, „ועל הזקן, מחוי רב ששת בין פירקי דיקנא", האָט ר׳ ששת געוויזען צווישען די געלענגען פון דער באָרד, ווייטער אין דער משנה אויבען, „ר׳ אליעזר אומר אם נטלן וכו׳ קסבר חד לאו הוא", ר״א האלט עס איז נאָר איין לאו: „פירקי", מיינט די צוזאמענשליסונג פון די ביינער, ביי די פאות און די באָרד, איז ביי די פאות דאָ, צו איין באהעפטונג אין יעדע זייט, און ביי די באָרד איז דאָ פינף באהעפטונגען צו צוויי אין יעדער זייט און איינע אונטען, און פאה איז א לשון יחיד, דאריבער איז ער חייב אויף יעדע באזונדער. ג) אין באצוג צו דער משנה, „ואינו חייב עד שיטלנו בתער", די רבנן האָבען געלערענט, „ופאת זקנם לא יגלחו", זייערע עקען פון דער באָרד זאָלען זיי ניט אבגאָלען, „יכול אפילו גלחו במספרים יהא חייב?" איך וואָלט מיינען ווען אפילו ער האָט אראָבגענומען זיין באָרד דורך א שער, זאָל ער אויך זיין חייב? „תלמוד לומר לא תשחית", שטעהט אין פסוק זאָלסט ניט פארדארבען דיין באָרד, תשחית מיינט ארונטערנעמען הארט צו דער הויט, און דער וואָרט שטעהט ביי כהנים, לערען איך ארויס א גזרה שוה פאת פאת, דאָס ביי א ישראל מיינט אויך השחתה יעצט פרעגט ער, „אי לא תשחית, יכול אפילו לקטו במלקט ורהיטני יהא חייב?" אויב דו לערענסט פון לא תשחית, קען איך דאָך מיינען אויב ער רייסט אויס מיט א צוואנג אָדער א הובעל זאָל ער אויך זיין חייב? „תלמוד לומר לא

חייב? תלמוד לומר לא יגלחו, הא כיצד גילוח שיש בו השחתה הוי אומר זה תער: ד) ר"א אומר אפילו לקטו במלקט ורהיטני חייב: מה נפשך אי גמיר גזרה שוה ליבעי תער אי לא גמיר גזרה שוה מספרים נמי (לא) לעולם גמיר גזרה שוה וקסבר הני נמי גילוח עבדי. ה) **מתני'.** הכותב כתובת קעקע כתב ולא קעקע קעקע ולא כתב אינו חייב עד שיכתוב ויקעקע בידו ובכחול ובכל דבר שהוא רושם, ר' שמעון בן יהודה משום ר' שמעון אומר אינו חייב עד שיכתוב שם את השם, שנאמר וכתובת קעקע לא תתנו בכם אני ה': **גמ'.** ו) אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי עד דיכתוב אני ה' ממש? אמר ליה לא, כדתני בר קפרא אינו חייב עד שיכתוב שם עכו"ם שנאמר וכתובת קעקע לא תתנו בכם אני

יגלחו", דאריבער שטעהט לא יגלחו וואס מיינט נאר גאלען, „הא כיצד?" ווי אזוי קענען די פסוקים איבעראיינשטימען? איז אודאי, „גילוח שיש בו השחתה הוי אומר זה תער", אז עס מוז זיין אזא אבשערען וואס פארדארבט און דאס איז א גאלמעסער. ד) אין באצוג צו דער משנה, „ר' אליעזר אומר אפילו לקטו", פרעגט די גמרא, „מה נפשך?" ווי אזוי איז דיין ווילען? „אי גמיר גזרה שוה", לערענסט דו א גזרה שוה פאת פאת, „ליבעי תער?" זאל מען דארפען א גאלמעסער? „אי לא גמיר גזרה שוה, במספרים נמי?" לערענסט דו ווידער ניט קיין גזרה שוה, זאל ער מיט א שער אויך ניט טארען? ענטפערט די גמרא, „לעולם גמיר, וקסבר הני נמי גילוח עבדי", לעולם לערענט ר"א אויך די גזרה שוה נאר ער האלט אז א מלקט און רהיטני מאכען א גילוח ווייל זיי נעמען ארונטער גלייך מיט די הויט, אבער אנדערע זאכען ווי סם אדער רייסען מיט די הענד הייסט גילוח אויך ניט ווייל עס איז אהן א כלי. ה) משנה. „הכותב כתובת קעקע", דער וואס מאכט א שריפטצייכונג אויפ'ן לייב, „כתב ולא קעקע קעקע ולא כתב אינו חייב", אויב ער האט געשריבען מיט א סם אדער סיקרא און ער האט עס ניט איינגעקריצט אין דער הויט אדער ער האט איינגעקריצט אין הויט, נאר ניט איינגעשריבען מיט סם, איז ער ניט חייב, „עד שיכתוב ויקעקע בידו ובכחול ובכל דבר שהוא רושם", ביז ער שרייבט און קריצט איין מיט דער האנד און פארב אדער יעדע זאך וואס מאכט א צייכען, ר' שמעון בן יודא פון ר' שמעון ווענען זאגט, „אינו חייב עד שיכתוב שם את השם", ער איז ניט חייב ביז ער שרייבט דארט דעם נאמען פון עבודה זרה, „שנאמר וכתובת קעקע לא תתנו בכם אני ה'", ווייל עס שטעהט אין פסוק, אן איינקריץ שריפט זאלט איהר ניט געבען אין אייך, ווייל איך בין ג־ט, זאלט איהר אין מיר גלויבען, ניט אין דער עבודה זרה, וואס איהר קריצט איין אין אייער פלייש. ו) רב אחא, רבא'ס זוהן האט געזאגט צו רב אשי, „עד דיכתוב אני ה', ממש?" ביז ער שרייבט ממש אני ה'? האט ער איהם געענטפערט, „לא, כדתני בר קפרא אינו חייב עד שיכתוב שם עכו"ם", ער איז ניט חייב ביז ער שרייבט דעם נאמען פון עכו"ם, „שנאמר אני ה' אני ולא אחר", ווייל עס שטעהט אני ה' וואס מיינט איך בין

ה׳ ולא אחר. ז) אמר רב מלכיא אמר רב אדא בר אהבה אסור לו לאדם שיתן אפר מקלה על גבי מכתו, מפני שנראית ככתובת קעקע, אמר רב נחמן בריה דרב איקא, שפוד, שפחות, וגומות רב מלכיו, בלורית, אפר מקלה, וגבינה רב מלכיא. ח) רב פפא אמר מתניתין ומתניתא רב מלכיא, שמעתתא רב מלכיו, וסימניך מתניתא מלכתא, מאי בינייהו? איכא בינייהו שפחות, רב ביבי בר אביי קיפד אפילו אריבדא דכוסילתא, רב אשי אמר כל מקום שיש שם מכה מכתו מכיח עליו. ט) **מתני׳**. נזיר שהיה שותה יין כל היום, אינו חייב אלא אחת, אמרו לו אל תשתה אל תשתה והוא שותה, חייב על כל אחת ואחת, היה מטמא למתים כל היום אינו חייב אלא אחת, אמרו לו אל תטמא אל תטמא, והוא מטמא חייב על כל אחת ואחת, היה מגלח כל היום אינו חייב אלא אחת, אמרו לו אל תגלח אל תגלח, והוא מגלח חייב על כל אחת ואחת. היה לבוש בכלאים

ג־ט ניט קיין אנדערער וואס דו אנערקענסט מיט דיין אויסקריצען אויף דיין לייב. ז) רב מלכיא האט געזאגט פון רב אדא בר אהבה וועגען, „אסור לו לאדם שיתן אפר מקלה על גבי מכתו", א מענש טאר ניט צולייגען אזא האלץ אש אויף זיין מכה, „מפני שנראית ככתובת קעקע", ווייל עס זעהט זיך ווי א כתובת קעקע, דען די אש איז שארף און עסט זיך אריין אין דער מכה. רב נחמן בר רב איקא האט געזאגט, די הלכות פון שפוד אין ביצה כ״ח, שפחות, כתובות ס״א און גומות נדה נ״ב, האט רב מלכיו געזאגט, און די הלכות פון בלורית ע״ז כ״ט, און אפר מקלה פון היער און גבינה ע״ז ל״ה האט רב מלכיו געזאגט, ווייל די נעמען זייערע זיינען ענליכע ווערט דא געגעבען סימנין. ח) רב פפא זאגט אן אנדער סימן „מתניתין ומתניתא רב מלכיא", די זאכען וואס זיינען געזאגט געווארען אין זייער נאמען אויף משניות ברייתות בעד־לאנגט עס צו רב מלכיא, „שמעתתא", איינענע הלכות וואס ער האט געהערט באלאנגט צו רב מלכיו, „וסימנך מתניתא מלכתא", א סימן דערצו איז זיין נאמען וואס מיינט קעניגליך, און די משניות ברייתות זיינען די קעניגע אין הלכה. פרעגט די גמרא „מאי בינייהו?" וואס איז דער אונטערשיעד צווי־שען די צוויי סימנים? ענטפערט די גמרא, „איכא בינייהו שפחות", עס איז א חילוק צווישען זיי שפחות, לויט ר׳ נחמן האט שפחות באלאנגט צו רב מלכיו אבער לויט רב פפא בעלאנגט עס אלס באשייד אויף א משנה צו רב מלכיא. און אפר מקלה אלס איינענע הלכה צו רב מלכי׳, „רב ביבי בר אביי קפיד", האט אויפגעפאסט, אפילו „אריבדא דכוסילתא", א קלאפ פון אזא כלי אויף א מכה, וואס בלייבט א צייכען אויף א לאנגע צייט און עס קוקט אויס ווי א כתובת קעקע, רב אשי זאגט, „מקום שיש שם מכה מוכיח עליו", אזא פלאץ וואו עס איז א מכה מעג מען דען די מכה צייגט איבער. ט) **משנה**. „נזיר שהיה שותה יין כל היום", א נזיר וועלכער טרינקט וויין דעם גאנצען טאג, איז ער ניט חייב נאר איינס, „אמרו לו אל תשתה אל תשתה", ווען מען האט אבער געווארענט ביי יעדען מאהל, איז ער חייב פאר יעדעס מאהל,

כל היום אינו חייב אלא אחת, אמרו לו אל תלבש אל תלבש והוא פושט ולובש חייב על כל אחת ואחת. (דף כ"א ע"ב) י) יש חורש תלם אחד וחייב עליו משום שמונה לאוין, החורש בשור ובחמור והן מוקדשין וכלאים בכרם ובשבועות ויום טוב וכהן ונזיר בבית הטומאה, חנניא בן חכינאי אומר אף הלובש כלאים אמרו לו אינו השם אמר להם אף הנזיר לא הוא השם. י"א) גמ'. (אמר רב ביבי אמר ר' יוסי פושט ולובש לובש ממש או) אפילו מכנים ומוציא בית יד אונקלי שלו? מחוי רב אחא בריה דרב איקא עיילי ואפוקי, רב אשי אומר אפילו לא שהה אלא כדי לפשוט וללבוש חייב: י"ב) יש חודש תלם וכו': אמר רבי

אזוי איז דער דין ביי א כהן וואס איז זיך מטמא צו א מת, און אזוי איז ביי א נזיר וואס שערט זיך אין די נזירות און אזוי איז ווען איינער געהט אין כלאים וואל מיט לינען צוזאמען אויסגעארבייט. י) „יש חורש תלם אחד וחייב משום שמונה לאוין", עס קען זיין אז איינער זאל אקערען איין בייט און ער זאל חייב זיין אכט לאוין, „החורש בשור ובחמור והן מוקדשין", די אכט לאוין זיינען, ער אקערט מיט א שור און א חמור אין איינעם געשפאנט איז איין לאו, און עס איז מוקדשין וואס מען איז עובר אויף „לא תעבוד בבכור שורך", איז צוויי, „וכלאים בכרם", וואס איז נאך צוויי מלקות, דהיינו ער האט געזייהט אין כרם ווייטץ און גערשטען און ווין קערנער און מיט'ן אקערען האט ער עס צוגעדעקט, האט ער עובר געווען צוויי לאוין איינס כלאי זרעים און איינס כלאי כרם איז שוין פיער לאוין, „ובשבועות„, דאס הייסט שמיטה יאהר, איז פינף, ויום טוב, איז זעקס, „וכהן ונזיר בבית הטומאה", דער כהן וואס איז א נזיר איז נאכגעגאנגען דעם אקעראייזען אין א טמא פלאץ, איז שוין דא נאך צוויי, צוזאמען אכט לאוין, חנניא בן חכינאי זאגט, „אף הלובש כלאים", מען קען נאך צוקלייבען נאך א לאו, דהיינו ער איז געווען אנגעטאן כלאים, „אמרו לו אינו השם", האבען זיי צו איהם געזאגט עס איז ניט דער טעם, דאס מיינט דער לאו איז ניט צוליעב דעם אקערען, „אמר להם אף הנזיר לא הוא השם", האט ער זיי געענטפערט דער נזיר (וואס איז צו זעלבער צייט א כהן) איז אויך ניט די זעלבע אורזאך, דאס מיינט, ניט צוליעב דעם אקערען איז ער עובר נאר צוליעב געהן אין א פלאץ פון טומאה. י"א) גמרא. רב ביבי האט געזאגט פון ר' יוסי וועגען, „פושט ולובש לובש ממש?" צו מיינט מען דאס אויסטאן און אנטאן טאקע פול־שטענדיג? „או אפילו מכנים ומוציא בית יד אונקלי שלו?" אדער מיינט מען עס אפילו ווען ער טהוט אריין אין ארבעל פון זיין העמד? „מחוי רב אחא", האט רב אחא געצייגט, „עיולי ואפוקי", טאקע ממש אנטאן און אויס־טאן, רב אשי זאגט, „אפילו לא שהה אלא כדי לפשוט וללבוש חייב", אפילו ווען עס האט ניט געדויערט נאר אויסטאן און אנטאן איז ער שוין חייב: י"ב) אין באצוג צו דער משנה, „יש חורש", האט ר' ינאי געזאגט, „בחבורה נמנו וגמרו", אין א צוזאמענקונפט איז באשלאסען געווארען, „החופה בכלאים

ינאי בחבורה נמנו וגמרו החופה בכלאים לוקה, אמר להם רבי יוחנן לאו משנתינו הוא זו? יש חורש תלם אחד וחייב עליו משום שמונה לאוין ההורש בשור וחמור והן מוקדשין וכלאים בכרם, האי חורש דמחייב משום כלאים היכי משכחת לה? לאו דמכסי בהדיה דאזיל? אמר ליה אי לאו דדלאי חספא מי משכחת מרגניתא תיתא. י״ג) אמר ליה ריש לקיש לר׳ יוחנן אי לאו דקולסך גברא רבא הוה אמינא מתניתן מני רבי עקיבא הוא דאמר המקיים כלאים לוקה, מאי ר׳ עקיבא? דתניא המנכש והמחפה בכלאים לוקה רבי עקיבא אומר אף המקיים, מאי טעמא דרבי עקיבא? דתניא (ויקרא י״ט) שדך לא תזרע כלאים אין לי אלא זורע מקיים מניין? תלמוד לומר (בהמתך לא תרביע) כלאים שדך לא (תזרע כלאים).

לוקה״, אז איינער דעקט איבער ערד אויף קערנער ביי כלאים קומט מלקות, „אמר להם רבי יוחנן לאו משנתינו הוא זו?״ האט ר׳ יוחנן זיי געפרעגט, איז דען דאס ניט אונזער משנה? וואס צווישען די לאוין איז דא, אז ער אקערט כלאים איז דאך א פראגע, „האי חורש דמחייב משום כלאים היכי משכחת לה?״ דאס אקערען וואס ער איז חייב צוליב כלאים, ווי אזוי איז עס מעגליך? „לאו דמכסי בהדיה דאזיל?״ מיינסטו דען ניט, אז עס מיינט דא, דאס ער דעקט צו מיט ערד געהענדיג מיט׳ן אקעראייזען? „אמר ליה אי לאו דדלאי לך חספא מי משכחת מרגנותא תותא״, האט ער איהם געזאגט, ווען איך וואלט ניט אויפגעהויבען דעם שארבען, וואלסט דו ניט געפונען דעם פערל פון אונטען, דען אויף דעם אופן האסט עס דערזעהן, ער מיינט דא צו זאגען ווען ער זאגט איהם ניט דעם דין פון צודעקען כלאים. וואלט ר׳ יוחנן געמיינט, אז די משנה איז מחייב פיר אקערען כלאים מיינט זי וואס ער לאזט איבער כלאים, דען ער איז מחויב אויסצורייסען די כלאים. י״ג) האט ריש לקיש געזאגט צו ר׳ יוחנן, „אי לאו דקילסך גברא רבה״, ווען עס וואלט דיר ניט געלויבט א גרויסער מאן, ר׳ ינאי האט איהם געלויבט וואס ר׳ יוחנן האט איהם צוגעטראפען די זעלבע מיינונג אין דער משנה, און ווען ניט, „הוה אמינא מתניתן מני ר׳ עקיבא היא, דאמר המקיים כלאים לוקה״, וואלט איך זאגען, ווי ווער קומט אוים די משנה? ווי ר׳ עקיבא, וואס זאגט אז איינער לאזט איבער כלאים קומט איהם מלקות, „מאי ר׳ עקיבא?״ וואו איז ערגעץ ר״ע? „דתניא המנכש והמחפה בכלאים לוקה, ר׳ עקיבא אומר אף המקיים״, מיר האבען געלערענט אז איינער ווארצעלט אוים שלעכטע גראזען אדער ער דעקט צו מיט ערד די געזייטע כלאים קומט מלקות, ר׳ עקיבא זאגט ער איז אויך חייב פאר איבערלאזען כלאים, „מאי טעמא דר׳ עקיבא?״ פון וואנען לערענט ער דאס? דען מיר האבען געלערענט דער פסוק זאגט, „שדך לא תזרע כלאים״, דיין פעלד זאלסט ניט זייהען כלאים, „אין לי אלא זורע, מקיים מנין?״ ווייס איך ניט נאר ווענען זייען, אז ער טאר ניט איבער־לאזען כלאים, פון וואנען ווייס איך? „תלמוד לומר שדך לא״, דאריבער שטעהט, „שדך לא״, די מיינונג דא איז, ווייל דער שטייגער איבעראל שטעהט

י"ד) אמר ליה עולא לר' נחמן ולילקי נמי משום זורע ביום טוב? אמר ליה תנא ושייר, אמר ליה, תנא קתני שמונה, ואת אמרית תני ושייר? אמר רבא יש חילוק מלאכות בשבת ואין חילוק מלאכות ביום טוב, אמר ליה עדא תהא. ט"ו) איתיביה אביי ואין חילוק מלאכות ביום טוב? והתנן המבשל גיד בחלב ביו"ט ואכלו, לוקה חמש, לוקה משום אוכל גיד, ולוקה משום מבשל ביו"ט שלא לצורך, ולוקה משום מבשל גיד בחלב, ולוקה משום אוכל בשר בחלב, ולוקה (דף כ"ב ע"א) משום הבערה, ואם איתא משום הבערה לא מחייב, דהא איחייב ליה משום בישולו?

צום ערשטען דער פעל לא תזרע און דאן ערשט דער נאָמען שדך, אזוי ווי לא תבשל גדי, לא תאכל חמץ, לא תלבש שעטנז, דאריבער האָט דאָ געדארפט שטעהן „לא תזרע שדך כלאים", ווייל דער פסוק אימערצו באטאָנט דעם לאו פריהער, און ווען איך זעה דאָ פארקערט, דאָס דער פסוק באטאָנט פריהער דעם וואָרט שדך, איז ווארשיינליך די הויפטזאך דאָס דאָס פעלד זאָל ניט בלייבען מיט כלאים, און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט שדך לא, ווייל שדך שטעהט פריהער, עס איז דאָ נאָך פארשידענע טעקסטען, אָבער דער איז דער עיקר, דאָס איז נאָך ר' עקיבא אָבער לויט ר' ינאי איז דער עיקר חיוב אויף צודעקען. י"ד) האָט עולא געזאָגט צו רב נחמן, „ולילקי נמי משום זורע ביום טוב?" זאָל איהם קומען מלקות אויך פאר זייען אין יום טוב? וואָס דען זאָגט די משנה נאָר אכט לאוין? „אמר ליה, תנא ושייר", האָט ער איהם געזאָגט ער לערענט און לאָזט איבער,, עס איז טאקע דאָ מעהר, „אמר ליה תנא קתני שמונה ואת אמרית תנא ושייר?" האָט ער איהם צוריקגעזאָגט פרעגענדיג, דער תנא אין דער משנה לערענט אכט לאוין, און דו זאָגסט אז ער לערענט ניט פינקטליך נאָר ער לאָזט איבער? „אמר רבה יש חילוק מלאכות בשבת ואין חילוק מלאכות ביום טוב", האָט רבה געענטפערט, ביי שבת אין פאראן אָבגעטיילטע מלאכות, אָבער ביי יום טוב ניט דאריבער אז ער האָט געאקערט אין יום טוב, וואָס ער איז חייב פאר אקערען, איז ער שוין מעהר ניט חייב פאר'ן זייען דען די מלאכות זיינען ניט אָבגעטיילט, „אמר ליה עדא תהא", האָט ער איהם געזאָגט אָט דאָס איז עס טאקע, ווייל עס איז ניט קיין חילוק מלאכות אין יום טוב. ט"ו) „איתיביה", אביי האָט איהם גע־פרעגט, איז דען, „ואין חילוק מלאכות ביום טוב?" „והתנן", מיר האָבען דאָך געלערענט? „המבשל גיד בחלב ביום טוב ואכלו, לוקה חמש", דער וואָס קאָכט אָדערען מיט מילך אין יום טוב, און ער עסט עס, קומט איהם פינף מלקות, „לוקה משום אוכל גיד", מלקות פאר עסען גיד, מלקות פאר קאָכען אין יום טוב ניט צום בעדארף, מלקות פאר קאָכען גיד מיט חלב, און מלקות צוליב ברענען א פייער, „ואם איתא", און אויב אמת איז, אז עס איז ניט קיין חילוק מלאכות אין יום טוב, „משום הבערה לא לחייב?" זאָל ער, צוליב הבערה ניט חייב זיין? „דהא אחייביה ליה משום בישולי", דען ער האָט איהם דאָך שוין מחייב געווען צוליב קאָכען? א) ענטפערט די גמרא,

א) אפיק הבערה, ועייל גיד הנשה של נבלה, והתניא ר׳ חייא לוקה שתים על אכילתו ושלש על בישולו, ואי איתא, שלש על אכילתו הוא חייב? אלא אפיק הבערה ועייל עצי אשירה, ואזהרתיה מהכא (דברים י״ג) ולא ידבק בידך וגו׳. ב) אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי ולילקי נמי (שם ז׳) משום לא תביא תועבה אל ביתך? אלא הכא במאי עסקינן כגון שבשלו בעצי הקדש ואזהרתיה מהכא (שם י״ב) ואשיריהם תשרפון באש לא תעשון כן לה׳ אלקיכם? (סימן שנבא״י שנ״ז). ג) מתקיף לה רב הושעיא וליחשוב נמי הזורע בנחל איתן ואזהרתיה מהכא, (שם כ״א) אשר לא יעבד בו ולא יזרע? מתקיף לה רב חנניא וליחשוב נמי המוחק

„אפיק הבערה, ועייל גיד הנשה של נבלה״, נעם ארויס הבערה און שטעל אריין אויף זיין פלאץ גיד הנשה פון נבלה, פרעגט די גמרא, „והתניא ר׳ חייא לוקה שתים על אכילתו ושלש על בישולו?״ ר׳ חייא האט דאך געלערנט אז עס איז דא מלקות צוויי פאר עסען, עסען גיד און עסען פלייש מיט מילך, און דריי מלקות פאר קאכען, קאכען פלייש מיט מילך און קאכען אין יום טוב ניט צום בעדארף, און ברענען א פייער ניט צום בעדארף, „ואי איתא״, און אויב אמת איז, דאס אנשטאט הבערה קומט אריין גיד פון א נבלה, וואס ער איז חייב פאר עסען? „שלש על אכילתו הוא חייב״, איז דאך דא דריי מלקות פאר עסען? אלא זאגט די גמרא, „אפיק הבערה ועייל עצי אשירה״, נעם ארויס הבערה און ברענג אריין אויף זיין פלאץ א בוים וואס מען האט געדינט צו איהם, „ואזהרתיה מהכא ולא ידבק בידך״, און דער לאו זיינער, דאס מען טאר עס ניט נוצען, איז פון פסוק, אז עס זאל זיך ניט באהעפטען אין דיין האנד קיין שום זאך פון עבודה זרה, און אזוי באלד ער האט געקאכט מיט דעם עץ אשירה קומט איהם אויך מלקות דערפאר. ב) האט רב אחא געזאגט צו רב אשי פרעגענדיג, „ולילקי נמי משום לא תביא תועבה אל ביתך?״ זאל איהם אויך קומען מלקות, צוליב דעם פסוק, דאס דו זאלסט ניט ברייגנען אומווירדיגעס, וואס מיינט עטוואס פון עבודה זרה, אין דיין הויז אריין, ווי די עץ אשירה וואס ער קאכט דאביי? אלא זאגט די גמרא, „הכא במאי עסקינן, בגון שבשלו בעצי הקדש״, ווייסט ווי דא שמועסט, אזא ארט, דאס ער האט געקאכט ביי הייליג האלץ, „ואזהרתיה מהכא״, און זיין ווארנונג (לאו) איז פון דעם, „ואשיריהם תשרפון באש, לא תעשון כן להי אלקיכם״, וואס מיינט זייערע בוימער זאלט איהר פארברענען אין פייער, אבער געגען הייליגע זאכען, לא תעשו כן, זאלט איהר אזוי ניט טאן, דאס הייסט אז מען טאר ניט פאר־ברענען הייליגע האלץ וואס איז געהייליגט געווארען פאר דעם מזבח. ג) „מתקיף להי״, האט ר. הושעיא געפרעגט, „וליחשוב נמי הזורע בנחל איתן?..״ זאל ער אויך רעכענען צווישען די אכט לאוין, דאס זייען אין א נחל איתן? נחל איתן מיינט אזא טייך צווישען די בערג וואס די וואסערען פון רעגען לויפען שטארק אריין פון די בערג, און ביי היצען טריקענט ער אויס, דארט איז דא נאך אן עגלה ערופה א לאו ניט צו בעארבייטען און ניט פארזייט ווערען, און

את השם בהליכתו ואזהרתיה מהכא (שם י"ב) ואבדתם את שמם וגו' לא תעשון כן לה' אלקיכם? ד) מתקיף לה ר' אבהו וליחשוב נמי הקוצץ את בהרתו ואזהרתיה מהכא (שם כ"ד) השמר בנגע הצרעת? מתקיף לה אביי וליחשוב נמי המזיח החושן מעל האפוד והמסיר בדי ארון ואזהרתיה מהכא (שמות כ"ה) לא יסירו (שם כ"ח) ולא יזח החשן. ה) מתקיף לה רב אשי וליחשוב נמי החורש בעצי אשירה, ואזהרתיה מהכא (דברים י"ג) ולא ידבק בידך מאומה וגו'? מתקיף לה רבינא וליחשוב נמי הקוצץ אילנות טובות ואזהרתיה מהכא (שם כ) כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות? ו) אמר ליה רבי זעירא לרבי מני, וליחשוב נמי כגון דאמר שבועה שלא אחרוש ביום טוב? התם לא חלה שבועה,

---

דאָס איז וואָס ער זאָגט „ואזהרתיה מהכא, אשר לא יעבד בו ולא יזרע"". „מתקיף לה רב חנניא, וליחשוב נמי המוחק את השם בהליכתו?" רב חנניא פרעגט זאָל ער אויך רעכענען, אז ער מעקט אָפּ א שם ביי זיי געהן נאָכ'ן אקעראייזען? „ואזהרתיה מהכא", און זיין לאַו איז פון דאָ, „ואבדתם את שמם וגו' לא תעשון כן להי אלקיכם", איהר זאָלט מאכען פאַרלירען די עבודה זרה'ס נעמען, אָבער איהר זאָלט אַזוי ניט טאָן צום אויבערשטענ'ס נאָמען, זיין נאָמען ב"ה טאָר מען ניט אויסמעקען. ד) ר' אבהו פרעגט, „וליחשוב נמי הקוצץ את בהרתו?" זאָל ער אויך רעכענען צווישען די לאווין, דאָס ביים אקערען האקט ער זיך אָפּ זיין בהרת מיט'ן אייזען, בהרת מיינט א נגע, וואָס דארויף איז דאָ זיין אזהרה, „השמר בנגע הצרעת, השמר איז א לאו, זיי געוואָרענט זאָלסט ניט אָבהאקען די נגע, אביי פרעגט, אויך, „וליחשוב נמי המזיח החושן מעל האפוד והמסיר בדי ארון", זאָל ער אויך רעכענען דעם לאו פון אוועקרוקען דעם חושן פון אפוד, אוועקנעמען די שטאַנגען פון ארון, דהיינו דער אקערער איז א כהן גדול און מיט'ן אקערען רוקט ער אוועק דעם חושן און ער שלעפּט ארויס די בדים פון ארון, און זיין אזהרה, „מהכא", איז פון דאָ, „לא יסירו", זיי זאָלען ניט אוועקנעמען די בדים פון ארון, „ולא יזח החושן", און ניט אוועקרוקען דעם חושן פון אפוד? ה) רב אשי האָט געפרעגט, „ולחשוב נמי החורש בעצי אשירה?" זאָל ער אויך רעכענען צו די לאווין, דאָס אקערען מיט אַן אקער אייזען געמאכט פון עצי אשירה? „ואזהרתיה מהכא, ולא ידבק בידך מאומה", און זיין אזהרה איז פון דאָ, עס זאָל זיך ניט צוקלעפּען אין דיין האנד, קיין שום זאַך פון עבודה זרה? רבינא פרעגט, „וליחשוב נמי הקוצץ אילנות טובות"?" זאָל ער אויך רעכענען אז מיט'ן אקערען האקט ער אָב גוטע בוימער וואָס גיבען נאָך געגוג פירות? (דען אויב זיי גיבען שוין ווייניג פירות, מעג מען זיי אָבהאקען כאָטש זיי זיינען פרוכט בוימער), „ואזהרתיה מהכא", און זיין לאַו איז פון דאָ, „כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות", דען פון דעם בוים עסט דו, און דעם זעלבען זאָלסטו ניט אָבשניידען. ו) האָט ר' זעירא געזאָגט צו רבי מני, „וליחשוב נמי כגון דאמר שבועה שלא אחרוש ביום טוב?" זאָל ער אויך רעכענען, דאָס ער האָט

מושבע ועומד מהר סיני הוא, אמר ליה כגון דאמר שבועה שלא אחרוש
בין בחול בין ביום טוב דמגו דחלה עליה שבועה בחול, חלה עליה נמי
ביום טוב? מידי דאיתיה בשאלה לא קתני. ז) ולא? והרי הקדש? בבכור
והרי נזיר? בנזיר שמשון נזיר שמשון בר איטמויי למתים הוא, אלא
האי תנא איסור כולל לית ליה. ח) אמר ר' הושעיא המרביע שור פסולי

געשווארען איך וועל ניט אקערען אין יום טוב? ענטפערט די גמרא, „התם
לא חלה שבועה, מושבע ועומד מהר סיני", דארט איז ניט חל די שבועה
ווייל ער איז נאך באשווארען אזוי שטענדיג, פון בארג סיני ניט צו טאן א
מלאכה אין יו"ט קען ניט צוקומען נאך א שבועה, „אמר ליה", האט ער איהם
געזאגט, „כגון דאמר שבועה שלא אחרוש בין בחול בין ביום טוב", עס שמועסט
אז ער האט געזאגט, איך שווער איך וועל ניט אקערען סאי אין דער וואכען
סאי אין יום טוב, „דמגו דחלה עליה שבועה בחול, חלה עליה נמי ביום טוב",
אזוי ווי עס איז שוין חל אויף איהם די שבועה אין דער וואכען, איז עס שוין
חל אויך פאר יום טוב? ענטפערט די גמרא, „מידי דאיתיה בשאלה לא קתני",
אזא זאך וואס מען קען פרעגען ביי א חכם, ער זאל עפענען און מתיר מאכען
די שבועה, לערענט ער ניט. ז) פרעגט די גמרא, „ולא?" דו זאגסט, אז ער
לערענט ניט צווישען די לאוין אזא זאך וואס א חכם קען מתיר זיין? „והרי
הקדש?" צווישען די לאוין איז דאך דא הקדש, וואס העלפט שאלה?
ענטפערט די גמרא, „בבכור", עס שמועסט וועגען א בכור וואס העלפט ניט
קיין שאלה, אויף דעם געהט ארויף דער והן מוקדשים פון יש חורש תלם,
פרעגט ווייטער די גמרא „והרי נזיר", העלפט דאך אויך שאלה צו מבטל זיין
די נזירות? ענטפערט די גמרא, „בנזיר שמשון", ביי איהם העלפט ניט קיין
שאלה ווייל ער נעמט אויף זיך אזא נזירות ווי שמשון וואס איז געקומען
פון הימעל אהן דעם באדינג פון חרטה, ווענדעט די גמרא אפ, „נזיר שמשון
בר אטשמויי למתים הוא", ער קען זיך דאך מטמא זיין צו מתים, ניט פון
דעם סארט נזיר רעדען מיר, איז דאך די קשיא צוריק, לערענט ער דאך נזיר
וואס העלפט יא שאלה? אלא זאגט די גמרא „האי תנא איסור כולל לית ליה",
דער תנא האלט ניט קיין איסור כולל, כולל מיינט ארומנעמען, אז איך זאל
זאגען, ווייל די שבועה איז חל געווארען אויף דער וואכען, זאל עס שוין
ארומנעמען אויך אויף יום טוב, דאס זאג איך ניט. ח) רב הושעיא האט גע-
זאגט, „המרביע שור פסולי המוקדשין לוקה שנים", בהמות מקודשין וואס
זיינען פסול געווארען צום מזבח איז דער דין אז זיי ווערען אויסגעלייזט, און
די חכמים לערנען ארויס אין ספרי דברים פון פסוק, „בכל אות נפשך תזבח
ואכלת בשר", מיט דיין גאנצען ווילען זאלסט דו שעכטען און זאלסט עסען
פלייש, פרעגט דער תנא ביי וואס שמועסט דער פסוק, זאל איך זאגען איינפאך
אז עס ווילט זיך דיר עסען פלייש, איז די תורה דיר מתיר? דאס איז דאך
שוין לאנג געזאגט געווארען, „כי ירחיב גבולך כי תאוה נפשך", אויב ג־ט
וועט פאר דיר ברייטערען דיינע גרעניצען, און עס וועט זיך דיר ווילען עסען

המוקדשין לוקה שנים, אמר ר' יצחק המנהיג בשור פסולי המוקדשים לוקה שהרי גוף אחד הוא ועשאו הכתוב כשני גופים: ט) **מתני'.** כמה מלקין אותו ארבעים חסר אחת שנאמר (דברים כ"ה) במספר ארבעים, מנין שהוא סמוך לארבעים, רבי יהודה אומר ארבעים שלימות הוא לוקה, והיכן הוא לוקה את היתירה בין כתפיו, אין אומדין אותו אלא במכות

פלייש מעגסט דו עסען, זאָל איך זאָגן עס רעדט זיך וועגען שלמים אז ער וויל מקריב זיין כדי צו עסען פלייש? איז דאָך אויך שוין לאנג געזאָגט, זאָגט דער תנא אז געווים רעדט זיך דאָ וועגען פסולי המוקדשין וואָס זיינען אויסגעלייזט געוואָרען, און ער לערענט ארויס פון וואָרט „תזבח" דאָס דו מעגסט שעכטען אָבער ניט שערען די וואָל און ניט ארבייטען מיט דער בהמה, „כשר", פלייש מעגסטו עסען אָבער ניט קיין מילך פון איהר, קורץ ניט קיין שום נוצען, דאָס איז א לאו וואָס מאכט זיך פון א עשה, פון יאָ טאָן קומט ארויס א געדראנג אויף ניט טאָן, פון תזבח ואכלת בשר דרינגט מען, אָבער נוצען האָבען, ניט. לויט דעם זאָגט ר' הושעיא אז אויב מען פאָרט, ניט צו זיין מין, אזא שור, קומט צוויי מלקות איינס פאַר מרביע זיין כלאים, און איינס הייסט דאָס געארבייט מיט דער בהמה. ר' יצחק זאָגט ווידער „המנהיג בשור פסולי המוקדשין", ווערענד א משא ליגט אויף דער בהמה און ער פיהרט איהר קומט מלקות, יעצט איז דאָך שווער אויף ר' אושעיא מיט ר' יצחק, ווי אזוי, קען זיי קומען מלקות פאר ארבייטען מיט זיי, עס איז דאָך א לאו הבא מכלל עשה? און א לאו וואָס דרינגט זיך פון א עשה, איז נאָר א עשה און עס קומט ניט קיין מלקות? אויף דעם זאָגט ער צו, „שהרי גוף אחד", כאָטש עס איז דאָך איין קערפער, „ועשאו הכתוב כשני גופים", נאָך דער פסוק האָט עס געמאכט פאַר צוויי גופים, גענגען פלייש עסען איז עס חולין, און גענגען גיזה ועבודה דאָס הייסט שערען און ארבייט איז עס פארעכענט פאַר קדשים ווי פריהער, און עס באקומט די לאוין פון פריהער, דאָס מיינט, אז איך זאָג ניט, אז דאָס איז אלענפאלס חולין, און אלס חולין האָט די תורה פונדעסטוועגען פארבאָטען גיזה ועבודה, און עס איז ניט מעהר ווי א לאו הבא מכלל עשה, ניין, עס איז אין דער באציהונג אַן אנדער קערפער, ווי עס איז געווען פריהער אלס מוקדשין, און די לאוין רוהען אויף דעם ווי פריהער דאריבער קומט צוויי מלקות איינס פאַר מרביע און איין מלקות פאַר עבודה און ביי מנהיג נאָר איין מלקות פאַר עבודה. ט) **משנה.** „כמה מלקין אותו? ארבעים חסר אחת", וויפיל שלאָגט מען איהם? פיערציג ווייניגער איינס, „שנאמר והכהו כדי רשעתו במספר ארבעים", דען דער פסוק זאָגט, מען זאָל אים שלאָגען פאַר זיין רשעות מיט א צאָהל, דאן פאנגט זיך אָן דער צווייטער פסוק, „ארבעים יכנו", פארשטעהט זיך אז שלאָגען איהם דארף מען מיט א צאָהל, דאָס הייסט דאָס מען שאצט איהם וויפיל ער קען אויסהאלטען, און די שאצונג דארף זיין אין די פיערציג, זעהסטו דאָך אז עס מיינט נייו און דרייסיג, און דאָס איז וואָס ער זאָגט, „מנין שהוא סמוך לארבעים", די צאָהל וואָס איז נאָעהנט צו פיערציג,

ראויות להשתלש, אמדוהו לקבל ארבעים ולוקה מקצת (**דף כ״ב ע״ב**)
ואמדו שאין יכול לקבל ארבעים פטור, אמדוהו לקבל שמנה עשרה,
ומשלקה אמדו שיכול הוא לקבל ארבעים פטור: י) **גמ׳**. מאי טעמא ?
כתיב ארבעים במספר הוה אמינא ארבעים במניינא, השתא דכתיב במספר
ארבעים מנין שהוא סוכם את הארבעים, אמר רבא כמה טפשאי שאר
אינשי דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבה דאלו בספר
תורה כתיב ארבעים ואתו רבנן בצרי חדא: י״א) ר׳ יהודה אומר ארבעים
שלימות וכו„: אמר רבי יצחק מאי טעמא דרבי יהודה דכתיב (זכרי׳

רבי יודא זאָגט, „ארבעים שלימות הוא לוקה", גאַנצע פיערציג ווערט ער גע־
שלאָגען, „והיכן הוא לוקה את היתירה ? בין כתיפיו", און וואו שלאָגט מען
איהם די איבעריגע ? צווישען די אקסלען, ר׳ יודא האלט אויך די דרשה
פון ערשטען תנא, נאָר ער זאָגט, דאָס אויב מען האָט אים געשאצט פולע
מלקות באקומט ער דאָס לעצטע, בין כתפיו, „אין אומדין אותו אלא במכות
ראויות להשתלש", מען שאצט איהם ניט, נאָר צו קענען דריטלען די מלקות,
דריי מאָהל דרייצען אָדער דריי מאָהל צוועלף, און אזוי ווייטער. „אמדוהו
לקבל ארבעים ולוקה מקצת", מען האָט איהם אָבגעשאצט צו קענען נעמען
פיערציג, און מען האָט איהם געשלאָגען עטליכע, „ואמדו שאין יכול לקבל
ארבעים, פטור", און דאַן האָבען זיי איהם געשאצט דאָס ער קען ניט צונעמען
קיין פיערציג, איז ער פטור, „אמדוהו לקבל שמנה עשרה", זיי האָבען איהם
געשאצט אויף אכצעהן, „ומשלקה אמדו שיכול הוא לקבל ארבעים פטור", און
ווען ער איז שוין געשלאָגען געוואָרען מיט די אכצעהן, האָבען זיי איהם גע־
שאצט אויף פיערציג, איז ער פטור. י) **גמרא**. „מאי טעמא ?" **די גמרא**
פרעגט פון וואנען איז געדרונגען דאָס נאָר ניין און דרייסיג, ענטפערט די
גמרא, „אי כתיב ארבעים במספר", ווען עס וואָלט שטעהן פיערציג אין צאָהל,
„הוה אמינא ארבעים במנינא", וואָלט איך זאָגען פולע פיערציג, „השתא
דכתיב במספר ארבעים", יעצט אַז עס איז געשריבען במספר ארבעים, מיינענ־
דיג דאָס במספר איז אָבגעטיילט פון ארבעים, דאָס הייסט מען זאָל איהם
שלאָגען מיט א צאָהל אָבגעשאצט, ביז די פיערציג, „דהיינו שהוא סוכם את
הארבעים", אזא צאָהל וואָס נעמט ארום די פיערציג אַלס גרענעץ ביז דאָרט.
רבא האָט געזאָגט, „כמה טפשאי שאר אינשי, דקיימי מקמי ספר תורה", ווי
נאַריש זיינען אנדערע מענשען וואָס שטעלען זיך אויף פאַר א ספר תורה,
„ולא קיימי מקמי גברא רבא", און שטעלען זיך ניט אויף, פאַר א גרויסען
מענשען, „דאילו בספר תורה כתיב ארבעים ואתו רבנן בצרי חדא", דען אין
די תורה שטעהט פיערציג, זיינען געקומען די רבנן און ארונטערגענומען איינס.
י״א) אין באצוג צו דער משנה, „ר׳ יודא אומר ארבעים שלימות", האָט ר׳
יצחק געזאָגט, „מאי טעמא דרי יודא ?" וואָס איז דער טעם פון ר׳ יודא
וואָס ער הייסט געבען דעם עקסטרא קלאָפּ צווישען די שולדער ? „דכתיב, מה
המכות האלה בין ידיך", דער פסוק זאָגט מען פרעגט דעם מענש וואָס זיינען

י"ג) מה המכות האלה בין ידיך, ואמר אשר הכתי בית מאהבי, ורבנן? ההוא בתינוקת של בית רבן הוא דכתיב: י"ב) אין אומדין אלא במכות הראויות וכו׳: לקה אין, לא לקה לא, ורמינהו? אמדוהו לקבל ארבעים וחזרו ואמדו שאין יכול לקבל ארבעים פטור, אמדוהו לקבל שמנה עשרה וחזרו ואמדוהו שיכל לקבל ארבעים פטור? אמר רב ששת לא קשיא הא דאמדוהו ליומי הא דאמדוהו למחר וליומא אוחרא: י"ג, **מתני׳.**

די שלעג צווישען דיינע הענד, „ואמר, אשר הוכתי בית מאהביי", זאָגט ער, דאָס איז, וואָס איך בין געשלאָגען געוואָרען פון מיינע ליבהאָבערס, איך זאָל ווערען בעסער, „ורבנן?" פרעגט די גמרא און די רבנן? וואָס טוען זיי מיט דעם פסוק? ענטפערט די גמרא, „ההוא בתינוקות של בית רבן הוא דכתיב", דער פסוק שמועסט ביי קינדער וואָס ווערען געשלאָגען פון זייערע רביים פאַר ליעבשאפט זיי זאָלען לערנען בעסער. י"ב) אין באצוג צו דער משנה, „אין אומדין אלא במכות הראויות להשתלש", אז עס מוז זיין א צאָהל וואָס מען קען טיילען אין דרייען, (די מלקות איז געווען איינגעטיילט דרייצען פאַר יעדען שולטער און דרייצען פון פאָרענט) „לקה אין", איז ער שוין גע־שלאָגען געוואָרען, יאָ, דאָס מיינט איז שוין פאַרפאלען, „לא לקה לא", אויב אָבער ניט, איז ער ניט פטור נאָר מען שלאָגט איהם לויט דער נייער אבשא־צונג וואָס איז מעהר, אויף דעם „ורמינהו?" וועל איך דיר א קשיא פרעגען? די ברייתא זאָגט „אמדוהו לקבל ארבעים וחזרו ואמדו שאין יכול לקבל ארבעים פטור", מען האָט אים געשאצט אויף פיערציג און נאכהער איבערגעשאצט אויף וויניגער איז ער פטור, דאָס הייסט עס קומט איהם לויט די קלענערע שאצונג, „אמדוהו לקבל שמנה עשרה וחזרו ואמדו שיכול לקבל ארבעים פטור", האָבען זיי איהם אָבגעשאצט אכצעהן און נאכהער איבערגעשאצט אויף פיערציג, איז ער אויך פטור, זעהסט דאָך אזוי גוט, אז עס איז קיין אונטערשיעד צו מען האָט איהם שוין געשלאָגען צו נאָך ניט, אלעס געהט לויט דעם קלענערען אָבשאץ? און אין די משנה שטעהט דאָך ארויס דאָס עס ווענדעט זיך צו מען האָט איהם שוין געשלאָגען? האָט רב ששת גע־זאָגט, „לא קשיא, הא דאמדוהו ליומי", די משנה וואָס זאָגט אז נאָר ווען ער איז שוין געשלאָגען געוואָרען מיינט אז בײדע שאצונגען זיינען אין זעלבען טאָג, זאָג איך אז די צווייטע שאצונג איז ריכטיגער און די ערשטע איז געווען א טעות, דאריבער איז פאַרפאלען אויב מען האָט איהם שוין געשלאָגען און מען מאכט איהם ניט קיין בזיון ניט פאַר איהם און ניט פאַר'ן ב"ד, אָבער ווען ער איז נאָך ניט געשלאָגען, מאכט ניט אויס, „הא דאמדוהו למחר וליומא אוחרא", די ברייתא וואָס מאכט קיין אונטערשיעד ניט, צו שוין צו ניט שוין, שמועסט, אז מען האָט איהם איבערגעשאצט ערשט מאָרגען אָדער א שפּע־טערען טאָג, זאָג איך אז די ערשטע שאצונג איז געווען גוט, און אויב אז די יעצטיגע שאצונג איז וויניגער אָדער מעהר איז ווייל ער איז שוואכער אָדער שטארקער געוואָרען, דאריבער איז קיין אונטערשיעד צו שוין צו נאָך ניט געשלאָ־

עבר עבירה שיש בה שני לאוין אמדוהו אומד אחד לוקה ופטר אם לאו לוקה ומתרפא וחוזר ולוקה: י"ד) **גמ'**. והתניא אין אומדין אחד לשני לאוין? אמר רב ששת לא קשיא הא דאמדוהו לארבעים וחדא, הא דאמדוהו לארבעים ותרתי. ט"ו) **מתני'**. כיצד מלקין אותו כופת שתי ידיו על העמוד הילך והילך, וחזן הכנסת אוחז בבגדיו אם נקרעו נקרעו ואם נפרמו נפרמו, עד שהוא מגלה את לבו, והאבן נתונה מאחריו, חזן הכנסת עומד עליו ורצועה בידו של עגל כפולה אחד לשנים ושנים לארבעה, ושתי רצועות של חמור עולות ויורדות בה, ידה טפח רחבה טפח, וראשה מגעת על פי כריסו, ומכה אותו שליש מלפניו ושתי ידות מלאחריו. ט"ז) ואינו מכה אותו לא עומד ולא יושב אלא מוטה שנאמר

גען איז ער אַלץ פטור לויט'ן צושטאנד יעצט. י"ג) **משנ'**. „עבר עבירה שיש בה שני לאוין", אויב ער האָט עובר געווען אויף אַן עבירה וואָס איז דעריין צוויי לאוין וואָס קומט צוויי מלקות, „אמדוהו אומד אחד, לוקה ופטור", אויב מען האָט אים אָבגעשאצט פאַר ביידע מלקות איין שאצונג באקומט ער מלקות און איז פטור, „ואם לאו לוקה ומתרפא וחוזר ולוקה", און אויב ניט, דאָס הייסט מען האָט איהם נאָר געשאצט פאַר איין מלקות ווערט ער געשלאָגען און אויסגעהיילט און ווידער געשלאָגען: י"ד) **גמרא**. פרעגט די גמרא, „והתניא אין אומדין אומד אחד לשני לאוין?" מיר האָבען דאָך געלערענט דאָס מען שאצט ניט אויף צוויי לאוין אין איין מאָהל? האָט רב ששת געזאָגט, „לא קשיא הא דאמדוהו לארבעים וחדא", עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו עס זאָגט זיך אַז מען שאצט ניט פאר צוויי לאוין, שמועסט אז מען האָט איהם געשאצט צו באקומען איין און פיערציג, אזוי קען מען ניט דריטלען די איבעריגע צוויי קלעפּ פאַר די צווייטע מלקות, דאריבער באקומט ער נאָר ניין און דרייסיג פאַר איין לאו, און אַז ער ווערט געזונט שאצט מען איהם ווידער, „הא דאמדוהו לארבעים ותרתי", און דאָ, די היגע משנה שמועסט דאָס מען האָט איהם גע־שאצט צוויי און פיערציג וועלכע מען קען דריטלען, דאריבער איז זי מכפר פאַר ביידע לאוין: ט"ו) **משנה**. „כיצד מלקין אותו", ווי אזוי שלאָגט מען איהם, „כופת שתי ידיו על העמוד הילך והילך", ביי אַן עמוד בינדט מען איהם ביידע הענד, איין האנד צו איין זייט עמוד און די צווייטע צו דער צווייטער זייט עמוד, „וחזן הכנסת אוחז בבגדיו", און דער באַדינער כאַפּט אָן די קליידער, „אם נקרעו ואם נפרמו", ווערען זיי צוריסען איז צוריסען אויפגעעפענט דאָס געגייעכטס איז אויפגעעפענט, „עד שהוא מגלה את לבו", ביז ער אנטפּלעקט זיין הארץ, „והאבן נתונה מאחריו", און א שטיין ווערט געלייגט אונטער איהם, „חזן הכנסת עומד עליו ורצועה בידו", דער באַדינער שטעהט און א רימעט איז אין זיין האנד, „של עגל, כפולה, אחד לשנים ושנים לארבעה", דער רימעט איז פון קאלבפעל צוויי מאָהל געטאָפּעלט, „ושתי רצועות של חמור עולות ויורדות בה", און נאָך צוויי רימעטס פון עזעלפעל דורכגעצויגען אין דער רצועה, „ידה טפח ורחבה טפח וראשה מגעת על פי כריסו", דאָס הענטעל

והפילו השופט, והמכה מכה בידו אחת בכל כחו והקורא קורא אם לא תשמור לעשות וגו׳ והפלא ה׳ את מכותך ואת מכות וגו׳ וחוזר לתחלת המקרא ושמרתם את דברי הברית הזאת וגו׳ וחותם והוא רחום יכפר עון וגו׳ וחוזר לתחילת המקרא, אם מת תחת ידו פטור הוסיף לו עוד רצועה אחת ומת, הרי זה גולה על ידו, נתקלקל בין בריעי בין במים פטור, רבי יהודה אומר האיש בריעי והאשה במים: (דף כ״ג ע״א) א) **גמ׳.** מאי טעמא משום נקלה, אמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה, מניין לרצועה שהוא של עגל דכתיב ארבעים יכנו וסמיך ליה לא תחסום

לאנג א טפח און די רצועה ברייט א טפח און די ענדע זאָל קענען גרייכען ביז אָנפאנג בויך, „ומכה אותו שליש מלפניו ושתי ידות מלאחריו", און ער שלאָגט איהם, אַ דריטעל פון פאָרענט און צוויי דריטעל פון הינטען. ט״ז) „ואינו מכה אותו לא עומד ולא יושב אלא מוטה", ער שלאָגט איהם ניט, ניט זיצענדיג ניט שטעהענדיג, נאָר אביסעל איינגעבויגען, „שנאמר והפילו", דען עס שטעהט , והפילו, וואָס מיינט אביסעל איינגעבויגען, „והמכה מכה בידיו אחת בכל כחו", דער וואָס שלאָגט, איז נאָר מיט איין האנד לויט זיין כח, „והקורא קורא אם לא תשמור", און דער וואָס רופט אויס די פסוקים פון די תוכחה, זאָגט די פסוקים אם לא תשמור לעשות און אַזוי ווייטער והפלא ה׳ מכותיך, ביז ער קערט זיך אום צו די פסוקים „ושמרתם את דברי הברית הזאת, וחתם והוא רחום יכפר עון", און לאָזט אויס א פסוק פון תהילים והוא רחום, „וחוזר לתחילת המקרא", און קערט זיך אום צום אָנפאנג פסוק, „ואם מת תחת ידו פטור", **אויב ער איז געשטאָרבען אונטער דער האנד איז** ער פטור, „הוסיף לו רצועה אחת", אויב ער האָט איהם געמעהרט איין רצועה און ער איז געשטאָרבען, „הרי זה גולה", ווערט ער פאַרטריבען דורך איהם, „נתקלקל בין בריעי בין במים פטור", אויב די אָרגאַנען פון אויסגאנג זיינען קאַליע געוואָרען איז ער פטור, „ר׳ יודא אומר האיש בריעי והאשה במים", ר׳ יודא זאָגט דאָס ער איז פטור ווען ביים מאַן איז קאַליע געוואָרען די ריעי און ביי די פרוי דער אָרגאַן פון וואסער. (עס זאָל ניט חלילה ביי דיר אויסקוקען **ווי אכזר׳יש פון דער תורה דער ענין מלקות,** דען די תורה ווייסט די מאָס און שיעור פון עונש און וואָס קען עס ארונטערנעמען לטובתו, פונדעסטוועגען קען יעדער איד זיך דערפון ארויסדרייהען צוריקציהענדיג זיך פון דער טהאט וועה־רענד די עדות זיינען איהם מתרה אָהן וועלכע קיין מלקות איז ניט מעגליך, און געוויס איז די שוידערליכקייט אַליין א כפרת עון, מיר זאָלען ניט איבער־געגעבען ווערען אין אכזרישע הענד, ווי מיר זעהען היינט צוטאָג, דער באווייז איז, דאָס מען לערענט ארויס מלקות פון דער תוכחה). א) **גמרא.** די גמרא פרעגט „מאי טעמא ?" וואָס איז דער טעם וואָס דער געשלאָגענער **איז פטור אויב נתקלקל בריעי ?** ענטפערט די גמרא, „משום נקלה", צוליעב דעם פסוק ונקלה אחיך לעיניך, וואָס דער טייטש איז, אויב דו וועסט איהם **שלאָגען מעהר וועט דיין ברודער בלייבען פארשעמט אין דיינע אויגען.** אבער

שור בדישו, ואמר רב ששת משום ר׳ אלעזר בן עזריה מניין ליבמה שנפלה לפני מוכה שחין שאין חוסמין אותה דכתיב לא תחסום שור בדישו וסמיך ליה כי ישבו אחים יחדיו. ב) ואמר רב ששת משום ר׳ אלעזר בן עזרי׳ כל המבזה את המועדים כאילו עובד עכו״ם דכתיב (שמות ל״ד) אלהי מסכה לא תעשה לך וסמיך ליה את חג המצות תשמור, ואמר רב ששת משום ראב״ע כל המספר לשון הרע וכל המקבל לשון הרע וכל המעיד עדות שקר ראוי להשליכו לכלבים דכתיב (שם כ״ב) לכלב תשליכון אותו וסמיך ליה לא תישא שמע שוא קרי ביה נמי לא תשיא. ג) ושתי רצועות וכו׳: תנא של חמור, כדדריש האי גלילאי

עס וואָלט בעדארפט שטעהן, ונקלה אחיך בעיניך? נאָר עס מיינט אויך, דאָ וואו עס איז קאַליע געוואָרען די ריעי אָדער מים, דאַריבער שטעהט לעיניך וואָס מיינט פאַר דיינע אויגען ממש. „אמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה, מניין לרצועה שהוא של עגל?" פון וואנען ווייס איך אַז די רצועה דאַרף זיין פון קאַלבפעל? „דכתיב ארבעים יכנו וסמיך ליה לא תחסום שור בדישו", ווייל עס שטעהט נאָהענט צו מלקות לא תחסום, דו טאָרסט ניט פאַר־שליסען דעם אָקס זיין מויל ווערהענד דו ארבייטסט מיט איהם, דרש'ען איך די נאָהענטקייט דאָס מלקות זאָל זיין מיט א רצועה של עגל. נאָך האָט רב ששת געזאָגט פון ר״א בן עזריה'ס וועגען, מניין ליבמה שנפלה לפני מוכה שחין שאין חוסמין אותה?" פון וואנען ווייס איך אויב א יבמה איז געפאַלען פאַר יבום צו א מוכה שחין, דאָס מען נויט איהר ניט צו איהם? „דכתיב לא תחסום שור בדישו וסמיך ליה כי ישבו אחים יחדיו", ווייל עס שטעהט נאָהענט צו חסימה די פרשה פון יבום. ב) „ואמר רב ששת", נאָך האָט ער געזאָגט פון ראב״ע וועגען, „כל המבזה את המועדים", ווער עס פאַר־שעמט די חולו של מועד, „כאילו עובד עכו״ס", איז גלייך ווי ער וואָלט דינען די עבודה זרה, „דכתיב, אלהי מסכה", זאָלסט דיר ניט מאכען א געגאָסענעם אָבגאָט, „וסמיך ליה", און נאָעהנט צו דעם שטעהט, „את חג המצות", זאָלסט היטען דעם חג המצות, נאָך האָט ר׳ ששת געזאָגט, „כל המספר לשון הרע", ווער עס רעדט לשון הרע, „וכל המקבל", און ווער עס נעמט צו לשון הרע, „וכל המעיד עדות שקר", און ווער עס זאָגט פאַלש עדות, „ראוי להשליכו לכלבים", איז ווערט געוואָרפען צו ווערען צו די הינט, „דכתיב לכלב תשליכון אותו וסמיך ליה לא תשא שמע שוא", דען נעבען דעם פסוק לכלב, שטעהט אויך לא תשא שמע שוא, דער וואָרט תישא האָט עטליכע אויסדרוקען, רעדען איז פון לשון וישא משלו און צונעמען יענעם רייד איז פון לשון וישא משאת, און פאַלש עדות זאָגען איז דער נעקסטער פסוק, „אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס", זאָלסט ניט זיין איין האנד מיט'ן רשע צו זיין א פאַלשער עדות, געגען דעם אויסדרוק פון צונעמען לשון הרע זאָגט דאָס די גמרא, „קרי ביה נמי לא תשיא", לייען דערביי אויך לא תשיא זאָלסט ניט מאכען צו רעדען לשון הרע, מיינענדיג דערביי, אז תשא איז אמאָהל אויך דער טייטש צונעמען.

עליה דרב חסדא (ישעי' א„) ידע שור קונהו וחמור אבום בעליו, ישראל לא ידע וגו', אמר הקב"ה יבא מי שמכיר אבום בעליו ויפרע ממי שאינו מכיר אבום בעליו. ד) ידה טפח וכו': אמר אביי שמע מינה כל חד וחד לפום גביה עבדינן ליה אמר ליה רבא, אם כן נפיש להו רצועות טובא, אלא אמר רבא אבקתא אית ליה כי בעי מיקטר ביה כי בעי מרפא בה. ה) מלקין אותו וכו': מנא הני מילי אמר רב כהנא דאמר קרא והפילו השופט והכהו לפניו כדי רשעתו במספר, רשעה אחת מלפניו שתי רשעיות מאחריו. ו) אין מלקין אותו וכו„: אמר רב חסדא אמר ר' יוחנן מניין לרצועה שהוא מוכפלת שנאמר והפילו והאא מבעי ליה

ג) אין באצוג צו דער משנה, „ושתי רצועות, תנא של חמור", מיר האבען געהערענט אז די רצועות זיינען פון חמור, „כדדריש האי גלילאי", אזוי ווי עס האט געדרש'ענט דער פון גליל פון רב חסדא'ס וועגען, דער פסוק זאגט, דער אקס דערקענט זיין בעל הבית און דער אייזעל וויים די קארעטע פון זיינע בעלים, „אמר הקב"ה", האט ג־ט געזאגט, „יבא מי שמכיר", זאל קומען דער וואס דערקענט יא די קארעטע פון בעל הבית, „ויפרע ממי שאינו מכיר", און זאל נעמען געצאהלט פון דעם וואס דערקענט ניט פון ווענען ער האט אלצדינג. ד) „ידה טפח וכוי": אביי האט געזאגט, „שמע מינה", עס איז געדרונגען, „כל חד וחד לפום גביה עבדינן ליה", דאס יעדען איינעם לויט זיין מאס ביי איהם, טהוט מען איהם, „אמר ליה רבא אם כן", האט רבא צו איהם געזאגט, אויב אזוי דאס יעדען פאסט מען צו זיין רצועה, „נפיש להו רצועות טובא", וועט זיך דאך מעהרען רצועות א סך? אלא האט רבא געזאגט „אבקתא אית ליה", א צוגעבונדענקייט צו דער דינבט האט דער שליח בית דין, דאס הייסט ער איז א מומחה, „כי בעי מיקטר ביה", אז ער וויל קניפט ער צו צום הענדעל ווערט עס אביסעל קירצער, „כי בעי מרפא בה", און אויב ער וויל לאזט ער אויף די קניפען ווערט עס עטוואס לענגער. ה) „מלקין אותו וכו„": פרעגט די גמרא „מנא הני מילי?" פון וואנען איז געדרונגען דיזע איינטיילונג פון מלקות? האט רב כהנא געזאגט, „דאמר קרא", דער פסוק זאגט, ער זאל איהם שלאגען פון פארענט לויט זיין רשעות אין צאהל, טייטש איך לויט ער שלאגט איהם פון פארענט זאל ער איהם אויך שלאגען לויט זיין רשעות אין א צאהל, און דאס ערשטע אין א צאהל איז צווייי, דאס הייסט צוויי מאהל אזוי פיעל ווי פארענט, דאס איז וואס די גמרא זאגט „רשעה אחת מלפניו", איין רשעה (קלאפ) פון פארענט, „שתי רשעיות מלאחריו", צוויי רשעיות פון היגטען, לויט דער רשעה פון פארענט. ו) „אין מכין אותו וכוי" (משנה) רב חסדא האט געזאגט פון ר' יוחנן וועגען, „מניין לרצועה שהוא מוכפלת"? פון וואנען וויים איך אז די רצועה איז געוועז צוזאמענגעפאלען עס זאל זיין געדאבעלט, „שנאמר והפילו", ער זאל אים דעם רימען צוזאמענלייגען, פרעגט די גמ', „והא מבעי ליה לגופיה?" ..איך דארף דאך דעם פסוק פאר זיך? דאס מען האט איה'ם געשלאגען אין אן איינגעבויגענע פאזיציע? ענטפערט די גמרא, „אם

לגופיה אם כן לכתוב קרא יטהו מאי הפילו שמע מינה תרתי. ז) המכה מכה בידו וכו': תנו רבנן אין מעמידין חזנין אלא חסירי כח ויתירי מדע, ר' יהודה אומר אפילו חסירי מדע ויתירי כח, אמר רבא כוותיה דר' יהודה מסתברא דכתיב לא יוסיף פן יוסיף, אי אמרת בשלמא חסירי מדע, היינו דצריך לאזהורי, אלא אי אמרת יתירי מדע, מיצריך לאזהורי? ורבנן? אין מזרזין אלא למזרז, תנא כשהוא מגביה מגביה בשתי ידיו, וכשהוא מכה מכה בידו אחת, כי היכי דליתיה מדידיה. ח) והקורא קורא וכו': ת"ר הגדול שבדיינין קורא השני מונה והשלישי אומר הכהו, בזמן שמכה

כן", אויב עס זאָל קומען צייגען נאָר אויף דעם, „לכתוב קרא יטהו", האָט געזאָלט שטעהן דער פסוק יטהו, איינבויגען וואָס איז דער ריכטיגער וואָרט דערצו, „מאי הפילו?" ווארום שטעהט עפּעס הפילו וואָס מיינט מאכען פאַלען? „שמע מינה תרתי", איז געדרונגעןביידע זאכען, ער נוצט דעם וואָרט טאקע וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען ביידע וועגען. ז) „המכה מכה בידו" (משנה) „תנו רבנן אין מעמידין חזנין אלא חסירי כח ויתירי מדע", די רבנן האָבען געלערענט, מען זעצט ניט קיין שלוחי בית דין נאָר שוואכע אין כח און שטארקע אין וויסען, ר' יודא זאָגט אפילו שוואכע אין שכל און שטאַרקע אין כח, ער מיינט צו זאָגען, עס איז קיין אונטערשיעד, רבא האָט געזאָגט, „כוותיה דר' יודא מסתברא", די סברא גיט מיט ווי ר' יודא, „דכתיב לא יוסיף פן יוסיף", ווייל דער פסוק וואָרענט ער זאָל ניט מעהרען צו שלאָגען, „אי אמרית בשלמא חסירי מדע", אויב דו וועסט זאָגען מיט ווייניגער וויסען, „היינו דצריך לאזהורי", איז רעכט דאָס וואָס ער דאַרף וואָרענען, „אלא אי אמרית יתירי מדע", אויב אָבער דו וועסט זאָגען, אז עס דאַרף זיין מענשען מיט מעהר וויסען, „מי צריך לאזהורי?" דאַרף מען דען וואָרענען, און געוויס איז קיין אונטערשיעד, פרעגט די גמרא, „ורבנן?" וואָס ענטפערען די רבנן אויף דער וואָרנונג, ענטפערט די גמרא, „אין מזרזין אלא למזרז", די רבנן האַלטען, אז מען וואָרענט ניט, דעם נאָר וואָס איז געוואָרענט, „תנא", מיר האָבען געלערענט, „כשהוא מגביה מגביה בשתי ידיו", ווען אויפהויבענדיג די רצועה, איז מיט ביידע הענד, „וכשהוא מכה, מכה בידו אחת", און ווען ער שלאָגט איז נאָר מיט איין האנד, „כי היכי דליתיה מדידיה", אום דאמיט די קלעפּ זאָלען ניט זיין פון איהם, אַלס זיין רצון, נאָר בלויז ערפילענדיג דעם חוב, און דאָס וואָס שטעהט אין דער משנה בכל כחו, מיינט מען בלויז מיט זיין גאנצען כח אָבער ניט שטארקער מאכען דורך זיין רצון וואָס געהט איבער'ן כח. ח) „והקורא קורא" (משנה) „תנו רבנן הגדול שבדיינין קורא השני מונה והשלישי אומר הכהו", די רבנן האָבען געלערענט, דער הויפּט פון די דייניו לייענט די פסוקים דער צווייטער צעהלט און דער דריטער זאָגט הכהו, „בזמן שמכה מרובה מאריך", אין צייט ווען דער מלקות איז מעהר, דהיינו די שאצונג איז אויף מעהר, זאָל ער צעגערען, „בזמן שמכה מועטת מקצר", אין צייט דער מלקות אין ווייניגער, זאָל ער קירצערען און פאַרשנעלערען, פרעגט די

מרובה מאריך בזמן שמכה מועטת מקצר, והא אנן תנן חוזר לתחילת המקרא? מצוה לצמצם ואי לא צמצם חוזר לתחילת המקרא, ת"ר מכה רבה אין לי אלא מכה רבה מכה מועטת מניין תלמוד לומר לא יוסיף א"כ מה תלמוד לומר מכה רבה? לימד על הראשונות שהן מכה רבה: ט) נתקלקל וכו' ת"ר אחד האיש ואחד האשה בריעי ולא במים דברי ר' מאיר ר' יהודה אומר האיש בריעי והאשה במים וחכמים אומרים אחד האיש ואחד האשה בין בריעי בין במים, והתניא ר' יהודה אומר אחד האיש ואחד האשה בריעי אמר רב נחמן, שניהם שוין בריעי. י) אמר

גמרא, „והא אנן תנן חוזר לתחילת המקרא?" מיר האָבען דאָך געלערענט אין דער משנה אַז דער לייענער זאָל זיך צוריקקעהרען צום אָנפאנג פסוק, דאָס מיינט דאָך אלע מאָהל צעגערען? ענטפערט די גמרא, „מצוה לצמצם, ואי לא צמצם חוזר לתחילת המקרא", לויט די מצוה דאַרף מען מצמצם זיין, דאָס הייסט פּינקטליך אין הארמאָני מיט די דיינין, נאָר אויב עס איז ניט געווען בצמצום, האָט דער דיין דערווייל זיך צוריקגעקערט צום אָנפאנג פסוק, „תנו רבנן", די רבנן האָבען געלערענט דער פסוק זאָגט, „מכה רבה", די גרויסע מלקות, „אין לי אלא מכה רבה", ווייס איך ניט נאָר ביי א גרויסע מלקות, אז ער איז עובר אויף דעם לאו לא יוסיף, אויב ער שלאָגט איהם מעהר ווי אָבגעשאצט, „מכה מועטת מניין?" פון וואנען ווייס איך ביי א קלענערע מלקות? דאָס ער טאָר איהם ניט מעהרען? „תלמוד לומר לא יוסיף", דאריבער זאָגט דער פסוק לא יוסיף, „אם כן", אויב עס איז קיין אונטערשיעד, ווי גרויס די מלקות זיינען, „מה תלמוד לומר מכה רבה?" וואָס שטעהט עפּעס מכה רבה? ענטפערט די גמרא, „לימד על הראשונות שהן מכה רבה", דאָס קומט אָנלערנען אויף די ערשטע, ווי וויניג עס זאָל ניט זיין געשאצט, הייסט עס אלץ מכה רבה. ט) „נתקלקל" (משנה) „תנו רבנן אחד האיש ואחד האשה בריעי ולא במים, דברי ר' מאיר", די רבנן האָבען געלערענט סאַי דער מאַן סאַי די פרוי אויב עס איז ביי זיי קאַליע געוואָרען דער אָרגאַן פון אויסגאנג צוליעב דעם מלקות איז דער פון ווייטערעס פטור, אָבער ניט פאַר דעם וואסער אָרגאַן, אַזוי האלט ר' מאיר, ר' יודא זאָגט, האיש בריעי והאשה במים", פאַר דעם מאַן איז פטור בריעי, און פאַר די פרוי איז פטור פאַר דעם וואסער אָרגאַן, און די חכמים זאָגען, „אחד האיש ואחד האשה בין בריעי בין במים", סאַי דער מאַן סאַי די פרוי איז דער פון ווייטערעס פטור פאַר די רואינירונג סאַי פון ריעי סאַי פון מים אָרגאַנען, פרעגט די גמרא, „והתניא י יודא אומר אחד האיש ואחד האשה בריעי?" מיר האָבען דאָך געלערענט אַז ר' יודא זאָגט סאַי דער מאַן סאַי די פרוי איז נאָר בריעי? „אמר ר' נחמן שניהם שוין בריעי", רב נחמן האָט געענטפערט, אַז ר' יודא מיינט צו זאָגען דאָס ביידע האַלטען גלייך נאָר ביי בריעי, אָבער ביי מים איז א מחלוקת, צו דער פון ווייטערעס איז פטור. י) שמואל האָט געזאָגט, „כפתוהו ורץ מבית דין פטור", אויב מען האָט איהם געבונדען און ער איז פאַרט אנטלאָפען פון בית דין איז

שמואל כפתוהו ורץ מבית דין פטור, מיתיבי קלה בין בראשונה בין בשניה פוטרין אותו, נפסקה רצועה בשניה פוטרין אותו בראשונה אין פוטרין אותו, אמאי? להוי כרץ? התם רץ הכא לא רץ. י״א) תנו רבנן אמדוהו לכשילקה קלה פוטרין אותו, לכשיצא מבית דין קלה מלקין אותו, ולא עוד אלא אפילו קלה בתחילה מלקין אותו שנאמר והכהו וגו׳. ונקלה ולא שלקה כבר בבית דין: י״ב) **מתני׳**. כל חייבי כריתות שלקו נפטרו ידי כריתתם שנאמר ונקלה אחיך לעיניך כשלקה הרי הוא כאחיך דברי רבי חנניא בן גמליאל, ואמר רבי חנניא בן גמליאל, מה אם העובר

ער פטור, זאָגט די גמרא, „מיתיביה? " איך וועל דיר פרעגען? „קלה בין בראשונה בין בשניה, פוטרין אותו", אויב עס איז ביי איהם קאַליע געוואָרען דער אָרגאַן סאַי ביים אָנפאַנג, ווערענדיג פון שרעק, און סאַי נאָך דעם ערשטען קלאַפּ דאָס הייסט ביים צווייטען, באַפרייט מען איהם ווייל עס איז שוין אויסגע־פיהרט געוואָרען דער פסוק „ונקלה", (פאַרשעמט), „נפסקה רצועה בשניה פוטרין אותו בראשונה אין פוטרין אותו", אויב די רצועה איז איבערגעריסען געוואָרען ביים וועלען געבען דעם צווייטען קלאַפּ באַפרייט מען איהם, ביים ערשטען באַפרייט מען איהם ניט, איז דאָך שווער, „אמאי? " ווארום ניט? „להוי כרץ? " זאָל זיין גלייך ווי ער וואָלט ענטלאָפען? ענטפערט די גמרא, „התם רץ הכא לא רץ", דאָרט איז ער טאַקע אנטלאָפען אָבער דאָ איז ער דאָך ניט ענטלאָפען. י״א) „תנו רבנן אמדוהו לכשילקה קלה", אויב דאָס בית דין האָט איהם אָבגעשאצט אַז אין פאַל מען וועט איהם שלאָגען, וועט איהם קאַליע ווערען די ריעי, „פוטרין אותו", באַפרייט מען איהם, „לכשיצא מבית דין קלה", אויב די שאצונג איז געווען דאָס ערשט נאָכ׳ן פאַרלאָזען דעם בית דין וועט איהם קאַליע ווערען, „מלקין אותו", שלאָגט מען איהם יאָ, „ולא עוד", און ניט דאָס אַליין, „אלא אפילו קלה בתחילה, מלקין אותו", ווען זאָגאַר נאָך אזא שאצונג, האָט זיך גאָר געמאכט דאָס עס איז איהם באלד קאַליע געוואָרען, „מלקין אותו", שלאָגט מען איהם, „שנאמר והכהו", און עס לאָזט זיך אויס דער פסוק ונקלה, טייטש איך, „ולא שלקה כבר בבית דין", דאָס מיינט אָדער ער ווערט געשלאָגען אָדער עס ווערט איהם קאַליע די ריעי פאַר שרעק דאַן איז ער באַפרייט, ווייל ער איז שוין פאַרשעהמט, אָבער ווען די שאצונג האָט געלוי־טעט דאָס ערשט שפּעטער וועט איהם קאַליע ווערען די ריעי, כאָטש באלד קאַליע געוואָרען איז, הייסט עס ניט פאַרשעמט פון בית דין. י״ב) משנה. „כל חייבי כריתות שלקו נפטרו ידי כריתתם", די אַלע חייבי כרת אויב זיי האָבען נעקראָגען מלקות זיינען זיי באַפרייט פון כרת, „שנאמר ונקלה אחיך לעניך, כשלקה הרי הוא כאחיך", דען דער פסוק רופט איהם אָן אחיך, נאָכ׳ן באקומען דעם מלקות, דאָס מיינט ווי נאָר ער איז געשלאָגען איז ער ווי דיין ברודער פריי פון כרת, (כרת מיינט אָבגעשניטען פון אידישען פאָלק וואָס אַלע זיינען ווי ברידער), „דברי ר׳ חנניא", אזוי האַלט ר״ח בן גמליאל, „ואמר" און נאָך האָט ער געזאָגט, „מה אם העובר עבירה אחת נוטל נפשו עליה", מאדאָך

עבירה אחת נוטל נפשו עליה, העושה מצוה אחת על אחת כמה וכמה, שתינתן לו נפש, ר' שמעון אומר ממקומו הוא למד שנאמר (ויקרא י"ח) ונכרתו הנפשות העושות וגו' ואומר (דף כ"ג ע"ב) אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, הא כל היושב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה. י"ג) ר' שמעון בר רבי אומר הרי הוא אומר (דברים י"ב) רק חזק לבלתי אכול (את) הדם כי הדם הוא הנפש וגו' ומה אם הדם שנפשו של אדם קצה ממנו, הפורש ממנו מקבל שכר, גזל ועריות שנפשו של אדם מתאוה להן ומחמדתן הפורש מהן על אחת כמה וכמה, שיזכה לו ולדורותיו ולדורות דורותיו עד סוף כל הדורות. ר' חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות שנאמר (ישעי' כ"ב) ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר. י"ד) גמ'

אויב איינער פארברעכט איין געבאט, נעמט ער שוין זיין לעבען אוועק, „העושה מצוה אחת על אחת כמה וכמה שתינתן לו נפש", דער וואס טוט איין מצוה, איז געוויס א סך מאהל מעהר, דאס עס ווערט איהם געגעבען לעבען, ווייל דאס גוטעס איז פון הימעל מעהר אלס דאס שלעכטעס, דען עס שטעהט ביי עונש „פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים", ג־ט באפעהלט פאר פאטער'ס זינד אויף קינדער אויף'ן דריטען געבורט און פיערטען געבורט, און אויף גוטעס שטעהט, „עושה חסד לאלפים", ג־ט טוט חסד צו טויזענדער דורות, רבי שמעון זאגט, „ממקומו הוא למד", פון זיין אייגען פלאץ לערענט ער דאס אפ, „שנאמר ונכרתו הנפשות", ביי די עבירות פון עריות שטעהט כרת און פאר דעם שטעהט וועגען אויפהאלטען די מצות וואס דער מענש זאל טאן און לעבען מיט זיי, „הא כל היושב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה", איז דערפון געדרונגען אז איינער האלט זיך צוריק פון עובר זיין אן עבירה גיט מען איהם א באלוינונג, גלייך ווי ער וואלט טאן א מצוה, דען דאס ניט טאן אן עבירה איז דאך אזוי געבאטען, ווי דאס יא טאן פון א מצוה. י"ג) ר"ש בר רבי זאגט, „הרי הוא אומר רק חזק לבלתי אכול הדם", דער פסוק זאגט, נאר שטארק דיך ניט צו עסען קיין בלוט, „ומה אם הדם שנפשו קצה בהם", מאדאך בלוט וואס א מענש מיאוסט זיך דערפון, „הפורש ממנו מקבל שכר", אז איינער שיידט זיך דערפון, קריגט ער באלוינונג, „גזל ועריות שנפשו של אדם מתאוה ומחמדתן", גזל מיט עריות וואס א מענש גלוסט, און אויב ער שיידט זיך דערפון איז געוויס א סך מאהל מעהר, „שיזכה לו", דאס עס וועט זיין א זכות צו איהם און זיינע דורות ביז אייביג, רבי חנניא בן עקשיא זאגט, „רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל", ג־ט האט געוואלט געבען א סך זכותים צו אידען, „הרבה להם תורה ומצות", האט ער זיי געמעהרט תורה מיט מצות, אפילו וואס מען האט ניט געמוזט זאגען, דהיינו ניט צו עסען שקצים ורמשים, דאס אלץ כדי צו געבען זיי שכר, דאס זאגט דער פסוק „ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר", צוליעב ג־ט'ס גוטסקייט האט ער פאר־גרעסערט די תורה און געשטארקט. י"ט) גמרא. רבי יוחנן האט געזאגט,

אמר רבי יוחנן חלוקין עליו חביריו על רבי חנניא בן גמליאל, אמר רב אדא בר אהבה אמרי בי רב, תנינא אין בין שבת ליום הכיפורים אלא שזה זדונו בידי אדם, וזה זדונו בהכרת, ואם איתא אידי ואידי בידי אדם הוא? רב נחמן (בר יצחק) אומר הא מני ר׳ יצחק הוא דאמר מלקות בחייבי כריתות ליכא, דתניא רבי יצחק אומר חייבי כריתות בכלל היו, ולמה יצאת כרת באחותו לדונו בכרת ולא במלקות, רב אשי אמר אפילו תימא רבנן, זה עיקר זדונו בידי אדם וזה עיקר זדונו בידי שמים, אמר רב אדא בר אהבה אמר רב הלכה כרבי חנניא בן גמליאל. ט״ז) אמר רב יוסף מאן סליק לעילא ואתא ואמר? אמר ליה אביי אלא הא דאמר רבי

„חלוקין עליו חביריו״, די חברים קריגען אויף רבי חנניא בן גמליאל וואס ער זאגט דאס מלקות באפרייט פון כרת, אויף דעם האט רב אדא בר אהבה גע־זאגט „אמרי בי רב״, מען האט געזאגט אין דער ישיבה פון רב, „תנינא, אין בין שבת ליום הכיפורים אלא שזה זדונו בידי אדם וזה זדונו בהכרת״, מיר האבען געלערעט, דאס עס קיין אונטערשיעד איז צווישען שבת און יום כיפור, נאר מיט דעם, דאס שבת איז מזיד די שטראף דורך מענשען, און יום כיפור דורכ׳ן הימעל דאס הייסט כרת, „ואם איתא״, און אויב עס זאל אזוי זיין, דאס מלקות נעמט ארונטער דעם כרת, „אידי ואידי בידי אדם הוא?״ זיינען דאךביידע שטראפען אי שבת אי יום כיפור דורך מענשען, דאריבער האט רבי יוחנן געזאגט אז זיינע חברים קריגען אויף איהם. ט״ו) רב נחמן זאגט א תירוץ, „הא מני ר׳ יצחק הוא דאמר מלקות בחייבי כריתות ליכא״, ווייסטו זוי ווער, דאס וואס ר׳ חנניא בן גמליאל זאגט, וועט אויסקומען? ווי ר׳ יצחק, וואס ער האלט אז מלקות איז ביי כרת ניט דא, „דתניא ר׳ יצחק אומר חייבי כריתות בכלל היו ולמה יצאת כרת באחותו״, מיר האבען געלערענט ר׳ יצחק זאגט, אלע עריות זיינען אין איינעם געוועזן אויף כרת, ווארום איז עפעס ארויס דער פסוק מיט א באזונדער כרת פאר אחותו? „לדונו בכרת ולא במלקות״, און געוויס צו משפט׳ען איהם בלויז מיט כרת ניט קיין מלקות, רב אשי זאגט, „אפילו תימא רבנן״, איך קען אפילו זאגען, אז עס קומט אויס ווי די רבנן וואס זאגען, אז עס איז יא דא מלקות ביי כרת, אי וואס דו פרעגסט אויב מלקות נעמט ארונטער דעם כרת, איז עס דאך בידי אדם? און די ברייתא אויבען זאגט אז עס איז בידי שמים? איז דער תירוץ, „זה עיקר זדונו בידי אדם, וזה עיקר זדונו בידי שמים״, ביי שבת איז דער עיקר די שטראף דורך מענשען און ביי יום כיפור איז דער עיקר און מעהרסט בידי שמים, אבוואהל עס איז עפעס אויך דא בידי אדם דורך מלקות, רב אדא בר אהבה האט געזאגט פון רב׳ס וועגען „הלכה כרבי חנניא בן גמליאל״, אזוי איז דער דין. ט״ז) רב יוסף האט געזאגט, „מאן סליק לעילא ואתא ואמר?״ ווער וועט ארויפגעהן אויבען און קומען זאגען? האט אביי צו איהם געזאגט פרעגענדיג, „אלא הא דאמר ר״י בן לוי שלשה דברים עשו בית דין של מטה והסכימו ב״ד של מעלה על ידם״, און דאס וואס ר״י בן לוי האט געזאגט, אז דריי זאכען האט

יהושע בן לוי שלשה דברים עשו בית דין של מטה והסכימו בית דין של מעלה על ידם מאן סליק לעילא ואתא ואמר? **אלא קראי קא דרשינן,** הכא נמי קראי קא דרשינן. י"ז) גופא אמר ר' יהושע בן לוי ג' דברים **עשו ב"ד של מטה והסכימו ב"ד של מעלה על ידם (אלו הן) מקרא מגילה ושאילת שלום (בשם) והבאת מעשר.** י"ח) מגילה דכתיב (אסתר ט') קימו וקבלו היהודים, קיימו למעלה מה שקבלו למטה, ושאילת שלום דכתיב (רות ב') והנה בועז בא מבית לחם ויאמר לקוצרים ה' עמכם ואומר (שופטים ו') ה' עמך גבור החיל, מאי ואומר? וכי תימא בועז

דאס ב"ד אונטען געטאן, און דאס ב"ד פון אויבען האט צועגשיטמט, וועסטו דאך געווים פרעגען, „מאן סליק לעילא?" ווער וועט ארויפגעהן און אויסגע־פינען? „אלא", נאר מוזט דו דאך זאגען, „קראי קא דרשינן", זיי פארשען דאס אויס פון פסוקים, „הכא נמי קראי קא דרשינן", דא אויך דרש'ענען זיי פסוקים, דען אזוי האבען זיי מקבל געווען דאס אין די פסוקים קענען זיי דאס געפינען, און אויב מען קען דעם פשט פון די פסוקים ניט אבווענדען איז עס גלייך ווי א ידיעה פון אויבען. י"ז) „גופא", די גופא זאך וואס ר' יהושע בן לוי האט וועגען די דריי זאכען, „אלו הן מקרא מגילה, ושאילת שלום בשם והבאת מעשר", די זיינען זיי, מגילה לייענען און די באגריסונג מיט א שם און דאס בריינגען פון מעשר, און גלייך איז די גמרא מפרש יעדע זאך באזונדער. י"ח) „מגילה, דכתיב קיימו וקבלו היהודים", מגילה וואס די חכמים האבען געמאכט מען זאל לייענען, אז מען האט אויבען מסכים געווען, איז געדרונגען ווייל עס שטעהט קיימו וקבלו, איז דאך שווער עס וואלט געדארפט שטעהן קבלו וקיימו היהודים, די אידען האבען אנגענומען און מקיים געווען, דען צוערשטט נעמט מען אן און נאכהער איז מען מקיים, דאריבער לערנען זיי דעם פשט קיימו, זיי האבען מקיים געווען אויבען, דאס הייסט באשטעטיגט, וקבלו, וואס די אידען האבען אויף זיך גענומען אונטען, דער וי"ו פון וקבלו איז א וי"ו הביאור, וואס דערקלערט דאס פאריגעווארט קיימו,ביישפילע ווי וויענך וירעיבך, ער האט דיר נעפייניגט, וואס געפייניגט? וירעיבך מיט דעם וואס ער האט דיר געמאכט הונגערען, פון דעם לערענט מען טאקע ארויס אין יומא אז ועניתם, מיינט ניט עסען, יין ושכר, לערנען די חכמים אז מען מיינט קרעפטיגע וויין וואס מאכט שיכור, אויך צוליב דעם וי"ו פון ושכר, „ושאילת שלום דכתיב והנה בועז בא מבית לחם ויאמר לקוצרים ה' עמכם", אז מען מעג באגריסען מיט ג־ט'ס נאמען איז געדרונגען פון פסוק, און נון בועז איז אנגעקומען פון בית לחם האט ער באגריסענדיג די שניטערס צו זיי געזאגט ג־ט איז מיט אייך, „ואומר ה' עמך גבור החיל", און נאך א פסוק ג־ט איז מיט דיר דו שטארקער העלד, פרעגט די גמרא, „מאי ואומר?" וואס ברענגט ער **עפעס נאך א פסוק?** ענטפער, „**וכי תימא בועז הוא דעביד מדעתיה", דו** וועסט פיליכט זאגען, אז בועז האט דאס געזאגט פון זיין אייגענעם געדאנק, „ומשמים לא אסכימו על ידו", אבער פון הימעל האט מען ניט מסכים געווען

הוא דעביד מדעתיה ומשמים לא אסכימו על ידו תא שמע ואומר ה' עמך גבור החיל. י"ט) הבאת מעשר דכתיב הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ויהי טרף בביתי ובחנוני נא בזאת אמר ה' צבאות אם לא אפתח לכם את ארבות השמים והרקותי לכם ברכה עד בלי די, מאי עד בלי די? אמר רמי בר רב עד שיבלו שפתותיכם מלומר די. כ) אמר רב אלעזר בג' מקומות הופיע רוח הקדש, בבית דינו של שם, ובבית דינו של שמואל הרמתי, ובבית דינו של שלמה, בבית דינו של שם דכתיב (בראשית ל"ח) ויכר יהודה ויאמר צדקה ממני, מנא ידע? דילמא כי היכי דאזל איהו

צו איהם? „תא שמע ואומר ה' עמך", דאריבער קומט דער צווייטער פסוק לאָזען הערען אַז מען מעג זאָגען ה' עמך, (היינטיגע צייטען זאָגט מען דעם וואָרט שלום וואָס איז אויך ג־ט'ס נאָמען דאַריבער זאָגט מען שווין ניט נאָך א שם), און דעם ה' עמך האָט דער מלאך געזאָגט־צו גדעון איז א באַוויז אַז פון הימעל האָט מען מסכים געווען דערצו. י"ט) דאָס ברייננגען פון גאנצען מעשר איז געדרונגען פון דעם פסוק, „הביאו את כל המעשר אל בית האוצר", זיי האָבען געבראַכט דאָס גאנצע מעשר אין זאַמלונג הויז, דען עזרא הסופר האָט באַשטראָפט די לוים וואָס זיינען געווען זינדיגער און ער האָט באַפוילען דאָס ברייננגען די מעשרות, דער פסוק זאָגט ווייטער, „ובחנוני נא בזאת אמר ה' צבאות", און פּרובירט מיר מיט דעם האָט ג־ט געזאָגט, „אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די", אויב איך וועל אייך ניט עפענען די פענסטער פון הימעל, און איך וועל אייך אויסלערען א ברכה ביז אָהן גענוג, די גמרא פרעגט, „מאי עד בלי די", וואָס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער בלי די? „אמר רמי בר רב, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די", האָט רמי געזאָגט ביז אייערע ליפּען וועלען מיעד ווערען פון צו זאָגען גענוג, זעהסטו דאָך אַז פון הימעל האָט מען מסכים געווען, ניט אוועקצוגעבען די מעשר גלייך צו די לוים, נאָר אַלעס צו ברייננגען אין אוצר, און דאַן ערשט איינטיילען צו כהנים און לוים. כ) רבי אלעזר האָט געזאָגט, „בשלשה מקומות הופיע רוח הקודש", אין דריי פּלעצער האָט ערשינען רוח הקדש, ביים בית דין פון שם, און שמואל, און שלמה, יעצט דערקלערט די גמרא, „בבית דינו של שם, דכתיב ויכר יהודא ויאמר צדקה ממני", ווען יהודה האָט געהאַט צו טאָן מיט תמר, און נאכהער צוריקברענגענדיג איהם זיין משכון, האָט יהודה דער־קענט זיין משכון, און ער האָט געזאָגט זי איז גערעכט פון מיר, אויף דעם פרעגט די גמרא, „מנא ידע?" פון וואנען האָט יהודה געוואוסט? „דילמא כי היכי דאזל איהו לגבה אזל נמי איניש אחרינא לגבה?" פּילייכט אַזוי ווי ער איז געווען ביי איהר, איז אויך אַן אנדער מאַן געווען ביי איהר? „יצאת בת קול ואמר ממני יצאו כבושים", איז אַרויס א בת קול פון הימעל און געזאָגט, פון מיר זיינען אַרויס די באהאַלטענע זאכען, ער מיינט צו זאָגען דאָס פון זייער פאַרבינדונג דאַרפען אַרויסקומען די משיחים, דאָס בית דין פון שם האָט זיך געצויגען פאַר דורות לאַנג, יהודה האָט נאָך באַ־

לגבה, אזל נמי איניש אחרינא (לגבה) יצאת בת קול ואמר ממני יצאו כבושים. כ"א) בבית דינו של שמואל דכתיב (ש"א י"ב) הנני ענו בי נגד ה' ונגד משיחו את שור מי לקחתי ויאמרו לא עשקתנו ולא רצותנו ויאמר עד ה' ועד משיחו כי לא מצאתם בידי מאומה ויאמר עד, ויאמר? ויאמרו מבעי ליה? יצאת בת קול ואמרה אני עד בדבר הזה. כ"ב) בבית דינו של שלמה דכתיב (מ"א ג') ויען המלך ויאמר תנו לה את הילד החי והמת לא תמיתוהו (כִּי) היא אמו, מנא ידע דילמא איערומא מיערמא? יצאת בת קול ואמרה היא אמו. כ"ג) אמר רבא ממאי? דילמא יהודה כיון דחשיב ירחי ויומי ואיתרמי דחזינן מחזקינן דלא חזינן לא מחזקינן, שמואל נמי כלהו ישראל קרי להו בלשון יחידי דכתיב (ישעי' מ"ה) ישראל

לאנגט צו דעם ב"ד, וועלכע האָבען געהאט רוח הקדש, און מען האָט איהם מודיע געוועזן וועגען די כבושים, וואָס דאַרפען דורכגעהן דורך פסולים די סטרא אחרא זאָל זיך ניט ריכטען אויף איהר מפּלה וואָס איז זה לעומת זה. כ"א) „בבית דינו של שמואל", האָט ערשיינט רוח הקדש, איז גערדונגען, „דכתיב הנני ענו בי נגד ה' ונגד משיחו, את שור מי לקחתי ויאמרו לא עשקתנו ולא רצותנו, ויאמר עד ה' ועד משיחו כי לא מצאתם בידי מאומה", דער פסוק זאָגט, איך בין דאָ, שרייט שמואל, שמועסט זיך דורך מיט מיר אין געגענווארט פון ג־ט און זיין משיח, צו האָב איך ביי וועמען עס איז, אַן אָקס צוגענומען פאַר שוחד, האָבען די אידען געענטפערט, ניין, דו האָסט אונז ניט באשווינדעלט און ניט בארויבט, האָט שמואל פאָרטגעזעצט, ג־ט איז אַן עדות און אַן עדות איז זיין משיח שאול המלך, אַז איהר האָט ביי מיר גאָרניט געטראָפען, „ויאמר עד", האָבען אידען געזאָגט זאָלען זיי זיין עדות, פרעגט די גמרא דארויף, „ויאמר?" אויף אידען זאָגט דער פסוק א לשון יחיד ויאמר? „ויאמרו מבעי ליה?" ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגען א לשון רבים ויאמרו? ענטפערט די גמרא, דער ויאמר געהט ארויף אויפ'ן בת קול, „יצאת בת קול ואמרה אני עד בדבר הזה", א בת קול איז אַרויס פון הימעל און געזאָגט איך בין אַן עדות אין דער זאַך. כ"ב) „בבית דינו של שלמה", איז גערדונגען אויף רוח הקדש, „דכתיב ויען המלך ויאמר תנו לה הילד החי וכו' כי היא אמו", דען דער פסוק זאָגט, דער מלך שלמה האָט געענטפערט, גיט איהר דאָס לעבענדע קינד, און הרג'עט עס ניט דען זי איז זיין מוטער, פרעגט די גמרא, „מנא ידע?" דילמא אערומא", פון וואנען האָט שְלמה געוואוסט דאָס עס איז איהר קינד? פיליכט נארט זי איהם אזוי מאכענדיג דעם אָנשטעל? ענטפערט די גמרא, „יצאת בת קול ואמרה היא אמו", עס איז אַרוים א בת קול פון הימעל דאָס זי איז די מוטער. כ"ג) רבא האָט געזאָגט פרעגענדיג אויף אַלע, „ממאי? דילמא יהודא כיון דחשיב ירחי ויומי, ואיתרמי דחזינן נחזקינן", פון וואנען ווייסטו אַז ברוח הקדוש? פיליכט ווייל יהודא האָט נאָכגערעכענט די מאָנאטען מיט די טעג, און אַז עס טרעפט זיך אַז מיר זעהען דאָס ביי איהר פיהרט זיך אַזוי, האלטען מיר דאָס פאַר א חזקה אויף אַלע מאָהל, און יהודא האָט

נושע בה׳, שלמה נמי מדהא קא מרחמתא והא לא קא מרחמתא, אלא גמרא. כ״ד) דרש רבי שמלאי שש מאות ושלש עשרה מצות נאמרו לו למשה, שלש מאות וששים וחמש לאוין כמנין ימות החמה, ומאתים וארבעים ושמנה עשה כנגד איבריו של אדם, אמר רב המנונא מאי קרא (דברים ל״ג) תורה צוה לנו משה מורשה תורה בגימטריא (דף כ״ד ע״א) שית מאה וחד סרי הוי, אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום: (סימן דמשמ״ק ס״ק): א) בא דוד והעמידן על י״א דכתיב (תהלים ט״ו) מזמור לדוד (ה׳) מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך, הולך תמים, ופועל צדק, ודובר אמת בלבבו, לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה,

---

טאקע דאָס געוואוסט ביי תמר׳ן, אז עס קען אנדערש ניט זיין נאָר פון איהם, און שמואל אויך, „כלהו ישראל קרי להו בלשון יחיד", עס קען דאָך זיין דאָס שמואל האָט געהאט א כוונה אָנצורופען אלע אידען אין איינצאָהל שפּראַך צו דערוועקען ביי זיי אחדות אַזוי ווי עס שטעהט ישראל נושע, און ניט דער לשון יחיד זאָל אַרויפגעהן אויפ׳ן בת קול? „שלמה נמי מדהא קא מרחמתא והא לא קא מרחמתא?" און שלמה קען דאָך אויך זיין דאָס ער האָט אַזוי אויס־גערעכענט, ווייל די האָט רחמנות אויפ׳ן קינד און די האָט ניט קיין רחמנות? אלא, זאָגט די גמרא, „גמרא", עס איז א קבלה. כ״ד) רבי שמלאי האָט גע־דרש׳ענט „שש מאות ושלש עשרה מצות נאמרו לו למשה", זעקס הונדערט און דרייצעהן מצות זיינען געזאָגט געוואָרען צו משה, „שלש מאות וששים וחמש לאוין כמנין ימות החמה", דארונטער זיינען דריי הונדערט און פינף און זעכציג לאוין, די צאָהל טעג פון א זונען יאָהר, „ומאתים וארבעים ושמנה עשה כנגד איבריו של אדם", און צוויי הונדערט און אכט און פיערציג עשה׳ס, נעגען די אָרגאנען פון א מענש, דאָס הייסט, לאוין טאָר מען קיינמאָהל ניט עובר זיין דעם גאנצען יאָהר אָבער עשה׳ס וואָס איז מצות צום טאָן, דאָס איז א תיקון צו די איברים, און דאָ וואו די עשה מיט׳ן לאו איז אין קאָנפליקט, ווערט דאָס ענטשיידעט פון פסוקים לויט די חכמים לערנען אָב, האָט רב חנינא געזאָגט, „מאי קרא?" וואו איז דער רמז? „תורה צוה לנו משה, תורה בגימטריא", תורה באטרעפט די צאָהל זעקס הונדערט און עלף, „אנכי ולא יהיי לך מפי הגבורה שמענום", און נאָך צוויי וועלכע זיינען, אנכי, צו גלויבען אַז עס איז דאָ א באשעפער וואָס האָט אלעס געמאכט צו זיין, און ולא יהי׳ לך, און זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע אָבגעטער, ניט צו גלויבען אין נאטור קרעפטען דען דאָס אלעס איז בעשאפען פון באשעפער און אויסער איהם איז קיין כח אין דער וועלט ניט דאָ, די צוויי האָבען מיר געהערט פון באשעפער אליין. א) „בא דוד והעמידן על אחד עשר", איז געקומען דוד און האָט עס אָבגע־שטעלט אין א פאָרמולע פון עלף מצות, „מזמור לדוד מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך", דוד האָט געזונגען, ווער קען וואוינען אין דיין געצעלט און רוהען אויף דיין הייליגען בארג, „הולך תמים", געהן גאנץ מיט אמונה ניט פרעגענדיג קיין שאלות נעגען השי״ת, „ופועל צדק", צו ווירקען גערעכטיגקייט, „ודובר

וחרפה לא נשא על קרובו, נבזה בעיניו נמאס, ואת יראי ה' יכבד נשבע להרע ולא ימיר כספו לא נתן בנשך, ושוחד על נקי לא לקח, עושה אלה לא ימוט לעולם. ב) הולך תמים זה אברהם דכתיב (בראשית י"ז) התהלך לפני והיה תמים, פועל צדק, כגון אבא חלקיה, ודובר אמת בלבבו כגון רב ספרא, לא רגל על לשונו, זה יעקב אבינו דכתיב (שם כ"ז) אולי ימישני אבי והייתי בעיניו כמתעתע, לא עשה לרעהו רעה שלא ירד לאומנות חברו, וחרפה לא נשא על קרובו, זה המקרב את קרוביו, נבזה בעיניו נמאס, זה חזקי' המלך שגירר עצמות אביו, במטה של חבלים, ואת יראי ה' יכבד, זה יהושפט מלך יהודה שבשעה שהי' רואה תלמיד חכם היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו וקורא לו (אבי אבי) רבי רבי, מורי

אמת בלבבו", און צו רעדען דעם אמת וואס ער האט געהאט אין זיין הארצען, „לא רגל על לשונו", ניט געוואוינען זיך מיט ליגענס, „לא עשה לרעיהו רעה", ניט געטאן צו זיין חבר קיין שלעכטס, נאכצוגעהן זיין וועג אין פרנסה, „וחרפה לא נשא על קרובו", און קיין שאנדע ניט געליטען צוליב זיין קרוב, דאס מיינט ער האט תמיד מקרב געווען זיינע קרובים, „נבזה בעיניו נמאס", א רשע וואס ווערט אנגערופען ,נבזה, דער פארשעמטער איז אימער אין זיינע אויגען געווען פאר'מיאוס'ט, „ואת יראי ה' יכבד", און די ג"ט'ס פארכטיגע גיט ער עהרע, „נשבע להרע ולא ימיר", און ווען ער שווערט אפילו אויף שלעכטעס ניט צו עסען, טוט ער אויך ניט ענדערען זיין שבועה, „כספו לא נתן בנשך", און זיין געלד האט ער ניט געגעבען אויף פראצענט, „ושוחד על נקי לא לקח", און קיין באשטעכונג אפילו צו בארעכטיגען א גערעכטען האט ער אויך ניט גענומען, „עושה אלה לא ימוט לעולם", דער וואס טהוט די זאכען פאלט ניט צוזאמען. ב) די גמרא דערקלערט אז תמים מיינט מען אברהם אבינו וואס ביי איהם איז געשריבען, „התהלך לפני והיה תמים", געה אליין מיט דיין כח, פאר מיר, און זיי גאנץ, „פועל צדק, כגון אבא חלקיה", איז אזא גאטונג ווי אבא חלקי', און דובר אמת, ווי ר' ספרא, און געהיטען אויף דער צונג ווי יעקב אבינו וואס האט געזאגט, „אולי ימישני אבי והייתי כמתעתע", טאמער וועט מיין פאטער מיר אנטאפען וועל איך אויסקוקען אין זיינע אויגען ווי איינער וואס געהט ארונטער פון גלייכען וועג, לא עשה לרעהו רעה, מיינט, „שלא ירד לאומנות חברו", דאס ער געהט ניט אין זיין חבר'ס געשעפטען, לא נשא על קרובו מיינט, „המקרב את קרוביו", דער וואס איז מקרב זיינע קרובים, נבזה בעיניו נמאס, מיינט ווי חזקי', „שגירר עצמות אביו במטה של חבלים", וואס ער האט ארומ־געשלעפט די ביינער פון זיין פאטער וואס איז געווען א רשע, אין א בעטעל פון שטריק, ואת יראי ה' יכבד, מיינט ווי יהושפט פלעגט טאן, „שבשעה שהיה רואה תלמיד חכם היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו וקורא לו רבי רבי מורי מורי", ווי ער האט נאר דערזעהן א תלמיד חכם האט ער זיך גלייך אויפגע־שטעלט פאר איהם געהאלדזט און געקושט און גערופען איהם רבי און מורי מיין הער, נשבע להרע, מיינט מען ווי ר' יוחנן, וואס ער האט געזאגט כדי ער

מורי, נשבע להרע ולא ימיר כר' יוחנן דאמר ר' יוחנן אהא בתענית עד שאבא לביתי, כספו לא נתן בנשך, אפילו בריבית עכו"ם, ושוחד על נקי לא לקח, כגון ר' ישמעאל ברבי יוסי. ג) כתיב עושה אלה לא ימוט לעולם, כשהיה רבן גמליאל מגיע למקרא הזה היה בוכה, אמר מאן דעביד להו לכולהו הוא דלא ימוט, הא חדא מינייהו ימוט, אמרו ליה מי כתיב עושה כל אלה? עושה אלה כתיב, אפילו בחדא מינייהו, דאי לא תימא הכי, כתיב קרא אחרינא (ויקרא י"ח) אל תטמאו בכל אלה התם נמי הנוגע בכל אלה הוא דמטמא בחדא מינייהו לא? אלא לאו באחת מכל אלה, הכא נמי באחת מכל אלו. ד) בא ישעיהו והעמידן על שש דכתיב (ישעי' ל"ג) הולך צדקות, ודובר משרים, מואס בבצע מעשקות,

---

זאָל ני דאַרפֿען טועם זיין ביי יענעם, „אהא בתענית עד שאבא לביתי", איך זאָל זיין אין תענית ביז איך קום אין מיין הויז, כספו לא נתן בנשך, מיינט, אפילו ברבית עכו"ם", אפילו פּראָצענט פון ניט קיין איד, און שוחד מיינט ווי ר' ישמעאל ברבי יוסי וואָס זיין ארים האָט איהם אָבגעגעבען זיין אייגענם פאַר די צייט, אום צו זיין זיין דיין, האָט ער ניט געוואָלט נעמען און אפילו פאַר אַ גערעכטע זאך וואָלט ער אויך עס ניט גענומען. ג) „כשהיה ר"ג מגיע למקרא הזה היה בוכה", ווען רבן גמליאל האָט דערגרייכט דעם פסוק עושה אלה האָט ער געוויינט, „אמר מאן דעביד להו לכלהו הוא דלא ימוט", ער האָט געזאָגט ווער עס טוט די אלע עלף זאכען דער פאלט ניט אָפּ, אָבער דער וואָס טוט ניט, נאָר איין זאך פון זיי פאלט יאָ, ווער קען עס אויסהאלטען? „אמרו ליה מי כתיב כל אלה? עושה אלה כתיב, אפילו בחדא מינייהו", האָבען די חכמים צו איהם געזאָגט שטעהט דען דאָס וואָרט כל? עס שטעהט דאָך בלויז עושה אלה, מיינט עס אפילו איינס, דען דער אונטערשיעד צווישען יאָ טאָן און ניט טאָן ביים וואָרט כל איז, ביי יאָ טאָן מיינט כל אלה די אלע זאכען צו טאָן ניט פעהלען קיין איינס, און ביי ניט טאָן מיינט כל אלה די אלע זאכען ניט צו טאָן יעדע איינע ניט צו טאָן, און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט, „דאי לא תימא הכי", אויב דו וועסט אזוי ניט זאָגען אז, כל, מיינט אלע ביי יאָ טאָן, און אלע יעדע באזונדער, ביי ניט טאָן, עס שטעהט דאָך אַן אנדער פסוק, „אל תטמאו בכל אלה", איהר זאָל אייך ניט מטמא זיין מיט די אלע זאכען, וועסטו דען זאָגען אז, „הנוגע בכל אלה הוא דמטמא בחדא מינייהו לא", אז נאָר מיט אלע ווערט ער טמא אָבער ווען נאָר איינס פון זיי ווערט ער ניט טמא? קענסט דאָך אזוי ניט זאָגען, דען ביי ניט טאָן מיינט בכל אלה, איהר זאָלט זיך ניט מטמא זיין מיט די אלע זאכען יעדע איינע באזונדער, און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט, „אלא לאו באחת מכל אלה", נאָר מוז דאָך זיין ניט אנדערש דאָס דער פסוק מיינט מיט איינע פון די אלע זאָלט איהר זיך ניט מטמא זיין, „הכא נמי", אויך ביי יאָ טאָן מוז שטעהן כל אויף אלעס און אויב ניט „כל" מיינט עס אפילו איינס פון זיי. ד) „בא ישעיי והעמידן על שש", איז געקומען ישעי' הנביא און ער האָט עס פאָרמולירט אויף זעקס, „דכתיב הולך צדקות, זה אברהם אבינו",

נוער כפיו מתמך בשוחד, אוטם אזנו משמוע דמים ועוצם עינו מראות ברעה, הולך צדקות, זה אברהם אבינו דכתיב (בראשית י"ח) כי ידעתיו למען אשר יצוה וגו' ודובר מישרים, זה שאינו מקניט פני חבירו ברבים, מואס בבצע מעשקות, כגון ר"י בן אלישע, נוער כפיו מתמך בשחד כגון ר"י ברבי יוסי, אוטם אזנו משמוע דמים, דלא שמע בזילותא דצורבא מרבנן ושתיק, כגון ר"א בר"ש, ועוצם עיניו מראות ברע כדרבי חנינא בר אבא דאמר רחב"א זה שאינו מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה וכתיב (ישעי' ל"ג) הוא מרומים ישכון. ה) בא מיכה והעמידן על שלש דכתיב (מיכה ו') הגיד לך אדם מה טוב ומה ה' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם (ה„) אלקיך. עשות משפט

וואס ער געהט מיט צדקות דכתיב „כי ידעתיו למען אשר יצוה", דען עס איז געשריבען ביי אברהם אבינו ג־ט האט געזאגט איך ווייס איהם דאס ער וועט ווייטער געביעטען זיינע קינדער צו געהן אין ג־ט'ס וועג, דאריבער געהט ער תמיד מיט צדקות, „ודובר מישרים זה שאינו מקניט פני חברו ברבים", ער רעדט רעכטפארטיג דאס ער דערצארענט קיינמאהל ניט זיין חבר צווישען מענשען, „מואס בבצע מעשקות", ער פאר'מיאוס'ט א ריוח וואס מאכט שאדען צו אן אנדערען, „כגון ר"י בן אלישע", אזוי האט זיך געפיהרט ר"י בן אלישע, „נוער כפיו מתמוך בשוחד כגון ר"י ברבי יותי", ער שאקעלט אפ זיינע הענד פון מתנות עס זאל זיך ניט אמאהל אנלעהנען אויף שוחד, ווייל משפט'ענדיג מענשען, האט ער קיינמאהל קיין פרעזענט ניט גענומען פון קיין שום מענש, טאמער וועט דער מענש אנקומען צו איהם וועט זיך עס אנלעהנען אויף שוחד, אזוי איז געווען ר"י ברבי יוסי, „אוטם אזנו משמוע בדמים, דלא שמע בזילותא דצורבא מרבנן ושתיק", ער פארשטאפט זיינע אויערען פון צו הערען פון בלוט, דאס מיינט ער הערט ניט ווי מען באליידיגט א תלמיד חכם און ער זאל דערביי שווייגען, „כגון ר' אלעזר בן ר"ש", וואס ער האט זיך אזוי געפיהרט, „ועוצם עיניו מראות ברע", ער האלט צו זיינע אויגען ניט צו זעהן קיין שלעכטעס, „כדרבי חנינא בר אבא דאמר זה שאינו מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה", דען ער האט געזאגט אז דאס מיינט מען, דער וואס קומט זיך ניט איין אויף פרויען וועהרענד זיי שטעהען ביים וואשען, „וכתיב הוא מרומים ישכון", און דער פסוק זאגט אויף דעם דער וואס פיהרט זיך אזוי, וועט ער רוהען און וואוינען אין די הויכקייטען. ה) „בא", איז געקומען מיכה, „והעמידן על שלש", און ער האט עס פארמולירט אין דריי, „דכתיב הגיד לך אדם מה טוב ומה ה' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם ה' אלקיך", דער פסוק זאגט א מענש האט דאך דיר געזאגט וואס פאר א גוטס, און וואס ג־ט פערלאנגט פון דיר, ניט מעהר נאר צו טאן גערעכטיגקייט און ליעב צו האבען לייטזעליגקייט און פארבעהאלטען געהן מיט ג־ט, „עשות משפט זה הדין", דאס איז גערעכטיגקייט, „אהבת חסד זה גמילת חסדים", דאס מיינט צו טאן חסד צווישען מענשען, „והצנע לכת, זה הוצאת המת

זה הדין אהבת חסד זה גמילת חסדים והצנע לכת, זה הוצאת המת והכנסת כלה והלא דברים קל וחומר ומה דברים שאין דרכן לעשותן בצינעא אמרה תורה והצנע לכת, דברים שדרכן לעשותן בצינעא על אחת כמה וכמה. ו) חזר ישעי׳ והעמידן על שתים שנאמר (ישעי׳ נ״ו) כה אמר ה׳ שמרו משפט ועשו צדקה, בא עמוס והעמידן על אחת שנאמר (עמוס ה׳) כה אמר ה׳ לבני ישראל דרשוני וחיו, מתקיף לה רנב״י אימא דרשוני בכל התורה כולה, אלא בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר (חבקוק ב׳) וצדיק באמונתו יחיה. ז) אמר ר׳ יוסי בר חנינא ד׳ גזרות גזר משה רבנו על ישראל באו ד׳ נביאים וביטלום משה אמר (דברים ל״ג) וישכון ישראל בטח בדד עין יעקב בא עמוס וביטלה שנאמר (עמוס ז׳) חדל נא מי יקום יעקב וגו׳ וכתיב ניחם ה׳ על זאת (וגו׳) משה אמר (שם כ״ח) ובגוים ההם לא תרגיע בא ירמי׳ ואמר (ירמי׳ ל״א) הלוך

והכנסת כלה״, אפילו די צוויי א לויה און א חתונה וואס זיינען בפרסום, זאל מען אויך זיין בהצנע לכת, „והלא דברים קל וחומר ומה דברים שאין דרכן לעשותן בצינעא אמרה תורה והצנע לכת, דברים שדרכן לעשותן בצינעא על אחת כמה וכמה״, זיינען דען ניט די זאכען א קל וחומר, מאדאך די זאכען וואס זיינען ניט דער שטייגער צו זיין בצינעא האט די תורה געזאגט, והצנע לכת, אזוינע זאכען וואס איז יא דער שטייגער צו טאן אין דער שטיל, איז דאך געווים פילע מעהר דאס מען דארף עס טאן אין דער שטיל. ו) „חזר ישעיי והעמידן על שתים״, איז ווידער געקומען ישעי׳ און האט עס פארמו־לירט אין צוויי, אזוי ווי דער פסוק זאגט, „כה אמר ה׳ שמרו משפט ועשו צדקה״, אזוי האט ג־ט געזאגט היט גערעכטיגקייט און טוט צדקה, „בא עמוס והעמידן על אחת״, ער האט געזאגט „כה אמר ה׳ לבני ישראל דרשוני וחיו״, אזוי האט ג־ט געזאגט צו די אידען, פארשט מיר דערמיט וועט איהר לעבען, די גמרא׳ם אויפאסונג פאר דערוויל איז, אז דער איינער פרינציפ פון עמוס, איז צו פארשען ג־ט, אויף דעם, „מתקיף לה רנב״י אימא דרשוני בכל התורה כולה״ ?״ רב נחמן פרעגט לאמיר זאגען אז דער דרשוני, מיינט צו פארשען די גאנצע תורה איז עס דאך שוין ניט בלויז איין געבאט ? „אלא בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר וצדיק באמונתו יחיי״, דער ענין איז דא, אזוי ווי די גלויות האבען שטארק אבגעשוואכט דעם קיום התורה האבען די נביאים זיך שטארק געשראקען פאר׳ן אונטערגאנג פון דער תורה, האבען די נביאים כאטש געוואלט רעטען אביסעל פון די אידישקייט, אבער ביים בית שני האט זיך די תורה אזוי פארפעסטיגט געגוג אויפצוהאלטען עד ביאת הגואל. ז) ר׳ יוסי בר חנינא האט געזאגט, „די גזרות גזר משה רבנו על ישראל, באו ד׳ נביאים וביטלום״, פיער גזירות האט משה גוזר געווען אויף אידען, זיינען געקומען פיער נביאים און זיי מבטל געווען, משה האט געזאגט „וישכון ישראל בטח בדד״, אז ישראל זאל רוהען זיכערליך אליין, ישראל מיינט וועהרענד זיי זיינען צדיקים און באהערשען זיך פונקט ווי יעקב אבינו האט באהערשט וואס

להרגיעו ישראל, משה אמר (שמות ל"ד) פוקד עון אבות על בנים בא יחזקאל וביטלה (יחזקאל י"ח) הנפש החוטאת היא תמות, משה אמר (ויקרא כ"ו) ואבדתם בגוים בא ישעי' ואמר (ישעי' כ"ז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו'. ח) אמר רב מסתפינא מהאי קרא ואבדתם בגוים, מתקיף לה ר' פפא דילמא כאבדה המתבקשת דכתיב תעיתי כשה אובד בקש עבדך? אלא מסיפא דקרא (ויקרא כ"ו) ואכלה אתכם ארץ אויביכם, מתקיף לה מר זוטרא דילמא כאכילת קישועין ודילועין. ט) וכבר היה רבן גמליאל ור' אלעזר בן עזריא ור"י ור' עקיבא

דאדורך האט ער געקראגען דעם נאמען ישראל אבער דער נאמען יעקב איז קליין, „בא עמוס וביטלה שנאמר חדל נא מי יקום יעקב כי קטן הוא", איז גע־קומען עמוס און האט עס צונישט געמאכט דען דער פסוק זאגט, עמוס האט געבעטען ג־ט, פארמייד די גזרה, וועט דען קענען יעקב אויסהאלטען און שטעהן ער איז דאך קליין, „וכתיב", און עס שטעהט טאקע ווייטער, „ניחם ה' על זאת", אז ג־ט האט זיך דאס איבערגעדענקט און אויסגעמידען די גזרה, „משה אמר ובגוים ההם לא תרגיע", משה האט געזאגט אז צווישען יענע פעלקער וועסטו ניט רוהען, איז געקומען ירמי' און האט געזאגט, „הלוך להרגיעו ישראל", געה צו מאכען רוהען ישראל, משה האט געזאגט „פוקד עון אבות על בנים", אז ג־ט טוט געדענקען צו באפעלען די זינד פון עלטערען אויף די קינדער, „בא יחזקאל וביטלה, הנפש החוטאת היא תמות", איז געקומען יחזקאל און האט מבטל געמאכט די גזרה, אז נאר די נפש וואס זינדיגט די זאל שטארבען, משה האט געזאגט, „ואבדתם בגוים", איהר וועט פארלארען געהן צווישען די פעלקער, „בא ישעיי ואמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור וכוי", איז געקומען ישעי' און האט געזאגט נביאות עס וועט קומען יענער טאג, וועט ווערען געשאלט מיט א גרויסען שופר און עס וועלען קומען די פארלארענע. ח) רב האט געזאגט, „מסתפינא מהאי קרא ואבדתם בגוים", איך האב מורא פאר דעם פסוק, פארלארען געהן איז דאך שרעקליך, „מתקיף לה", האט רב פפא געפרעגט א קשיא, „דילמא כאבדה המתבקשת?" טאמער מיינט מען דאס פארלירען, ווי אן אבדה וואס א מענש פארלירט און זוכענדיג געפינט ער עס, אזוי ווי דער פסוק זאגט, „תעיתי כשה אובד בקש עבדך", כאטש איך דיין קנעכט טהו בלאנדזשען ווי א שעפסעל זוך מיר אויף, איז דאך שווער וואס פאר א גזרה איז דאס פון משה וואס האט געזאגט ואבדתם, אלא זאגט די גמרא, „מסיפא דקרא ואכלה אתכם ארץ אויביכם", פון ענדע פסוק וואס זאגט, עס וועט אייך (פארלענדען) אויפעסען אייער פיינדליך לאנד, „מתקיף לה מר זוטרא, דילמא כאכילת קישואין ודילועין", מר זוטרא האט געפרעגט פיליכט מיינט מען אזא עסען ווי קישואין און דלועין וואס איז פאר אפעטיט וואס מען עסט נאר אביסעל? אבער ניט קיין פארלענדונג וואס עס איז א גוטע האפענונג. ט) „וכבר היה ר"ג וראב"ע ור' יהושע ור"ע מהלכין בדרך ושמעו קול המונו של בבל מפטילוס", און שוין לאנג ווי די תנאים

מהלכין בדרך ושמעו קול המונו של בבל מפלטיה (מפטילוס) (ברחוק) ק"כ מיל, והתחילו בוכין ור' עקיבא משחק אמרו לו מפני מה אתה משחק? אמר להם ואתם מפני מה אתם בוכים? אמרו לו הללו כושים שמשתחוים לעצבים ומקטירים לאלילים יושבים בטח והשקט, ואנו, בית הדום רגלי אלקינו שרוף (דף כ"ד ע"ב) באש ולא נבכה? אמר להם לכך אני מצחק ומה לעוברי רצונו כך, לעושי רצונו על אחת כמה וכמה. י) שום פעם אחת היו עולין לירושלים כיון שהגיעו להר הצופים קרעו בגדיהם כיון שהגיעו להר הבית ראו שועל שיצא מבית קדשי הקדשים התחילו הם בוכים, ור"ע משחק אמרו לו מפני מה אתה מצחק? אמר להם מפני מה אתם בוכים? אמרו לו מקום שכתוב בו (במדבר ח') והזר הקרב יומת, ועכשיו שועלים הלכו בו ולא נבכה? אמר להם לכך אני מצחק, דכתיב

זיינען געגאנגען אין וועג, הערענדיג דעם לוסטיגען געפילדער פון בבל, פון א שטרעקע הונדערט און צוואנציג מייל אוועק, פון פלטיה, „והתחילו בוכין ור"ע משחק, אמרו לו מפני מה אתה משחק? אמר להם ואתם מפני מה אתם בוכים", און זיי האבען אנגעפאנגען וויינען און ר"ע האט זיך געפרעהט, האבען זיי איהם געפרעגט ווארום פרעהסטו זיך? האט ער זיי צוריק געפרעגט, און איהר ווארום וויינט איהר? „אמרו לו הללו כושיים שמשתחוים לעצבים ומקטירים לאלילים יושבים בטח והשקט", האבען זיי צו איהם געזאגט, אט די כושיים וואס בוקען זיך צו עבודה זרה עצבים, און ברענגען קרבנות צו די אלילים, זיצען זיך אזוי רוהיג זיכערליך, „ואנו בית הדום רגלי אלקינו שרוף באש, ולא נבכה?" און מיר, דאס פוס בענקעלע פון אויבערשטען, וואס מיינט דער בית המקדש איז פארברענט אין פייער, זאלען מיר ניט וויינען? „אמר להם לכך אני משחק, ומה לעוברי רצונו כך לעושי רצונו על אחת כמה וכמה", האט ער צו זיי געזאגט, טאקע דאפיר פרעה איך זיך, דען מאדאך צו די וואס זיינען עובר זיין רצון איז אזוי, איז דאך צו די וואס טוען זיין ווילען געווים מעהר מאהל אזוי פיעל. י) „שוב פעם אחת היו עולין לירושלים, כיון שהגיע להר הצופים קרעו בגדיהם", ווידער איין מאהל זיינען זיי אויפגעגאנגען קיין ירושלים, ווי זיי האבען דערגרייכט צום בארג צופים האבען זיי איינגעריסען זייערע קליידער ווי דער דין איז, „כיון שהגיעו להר הבית ראו שועל שיצא מבית קדשי הקדשים התחילו הם בוכים", ווי זיי האבען דערגרייכט דעם הר הבית און זיי האבען דערזעהן א פוקס ארויסגעהענדיג פון קדשי קדשים, האבען זיי אנגעפאנגען וויינען און רבי עקיבא איז געווען פרעהליך, „אמרו לו מפני מה אתה משחק אמר להם מפני מה אתם בוכים?" האבען זיי געזאגט צו ר"ע וואס עפעס ביסט דו פרעהליך, האט ער זיי צוריק געפרעגט ווארום וויינט איהר? „אמרו לו מקום שכתוב בו והזר הקרב יומת, ועכשיו שועלים הלכו בו ולא נבכה?" האבען זיי צו איהם געזאגט אזא פלאץ וואס די תורה זאגט, אז א פרעמדער וואס האט דארט ניט קיין עבודה צו טאן אויב ער קומט אריין קומט איהם מיתה, און יעצט דרייען זיך דארט ארום פוקסען,

(ישעי' א') ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריהו בן יברכיהו, וכי מה ענין אוריה אצל זכריה אוריה במקדש ראשון וזכריה במקדש שני, אלא תלה הכתוב נביאתו של זכריה בנביאתו של אוריה באוריה כתיב (מיכה ג') לכן בגללכם ציון שדה תחרש וגו' בזכרי' כתיב (זכרי' ח') עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים עד שלא נתקיימה נביאתו של אוריה הייתי מתירא שלא תתקיים נביאתו של זכריה עכשיו שנתקיימה נביאתו של אוריה בידוע שנביאתו של זכרי' מתקיימת, בלשון הזה אמרו לו עקיבא ניחמתנו עקיבא ניחמתנו.

זאָלען מיר ניט וויינען? ..."אמר להם לכך אני מצחקי", האָט ער צו זיי געזאָגט טאקע צוליב דעם בין איך פרעהליך, "דכתיב ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו", ישעי' הנביא האָט געזאָגט, איך נעם מיר עדות באגלויבטע אוריה הכהן און זכריה, "וכי מה ענין אוריה אצל זכריה, אוריה במקדש ראשון וזכריה במקדש שני", איז דאָך שווער, ווי קומט עפּעס אוריה ביי זכריה אוריה איז דאָך געווען ביים ערשטען בית המקדש און זכריה ביים צווייטען בית המקדש? "אלא תלה הכתוב נביאתו של זכריה בנביאתו של אוריה", נאָר דער פסוק הענגט אָן דאָס נביאות פון זכריה, אָן די נביאות פון אוריה, "באוריה כתיב לכן בגללכם ציון שדה תחרש, בזכריה כתיב עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים", די נביאות פון אוריה וועגען ציון און ירושלים, שטעהט אין ירמיה ל"א, זי איז געווען א גאהל ווי מיכה המורשתי, אז ציון וועט ווערען פעראקערט ווי א פעלד, און די נביאות פון זכריה איז, אז עס וועלען נאָך זיצען אויסגעזעצט אלטע לייט און אלטע פרויען אין די גאסען פון ירושלים, "וילכו על משענתם", און זיי וועלען געהן אויף זייערע אָנלעהן שטעקענס, לערענט די גמרא ארויס אין פסחים דף ס"ח א גזרה שוה משענת משענת וואָס שטעהט אין פסוק ביי אלישע, דאָס ער האָט לעבעדיג געמאכט א טויטען, אזוי אויך די זקנים און זקנות מיינט מען תחיית המתים, און די צוויי נביאות איז געווענדעט איינס אין צווייטען, "עד שלא נתקיימה נביאותו של אוריה הייתי מתיירא שלא תתקיים נביאתו של זכריה", איידער עס איז נאָך ניט מקוים געוואָרען די נביאות פון אוריה האָב איך מורא געהאט טאָמער וועט חלילה ניט מקוים ווערען די נביאות פון זכריה, "עכשיו שנתקיימה בידוע שיתקיים גם נביאותו של זכריה", יעצט אז מיר זעהען אז די שלעכטע נביאות פון אוריה איז שוין דאָ, איז שוין באוואוסט אז אויך זכריה'ס גוטע נביאות וועט מקוים ווערען מיט די נסים וואָס מיר האָפען. "בלשון הזה אמרו לו עקיבא ניחמתנו עקיבא ניחמתנו", מיט די ווערטער האָבען זיי צו איהם געזאָגט, עקיבא דו האָסט אונז געטרייסט (צוויי מאָהל).

הדרן עלך אלו הן הלוקין וסליקא לה מסכת מלקות

אחר השלמת מסכת או ספר יאמר זה

הדרן עלך מסכת מכות והדרן עלך דעתן עלך מסכת מכות ודעתך עלן לא נתנשי מינך מסכת מכות ולא תתנשי מינן לא בעלמא הדין ולא בעלמא דאתי:

יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו שתהא תורתך אומנותינו בעולם הזה ותהא לעולם הבא חנינא בר פפא רמי בר פפא נחמן בר פפא אחאי בר פפא אבא מרי בר פפא רפרם בר פפא רכיש בר פפא סורחב בר פפא אדא בר פפא דרו בר פפא:

הערב נא ה' אלהינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל ונהיה כולנו אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל יודעי שמך ולומדי תורתיך: מאויבי תחכמני מצותיך כי לעולם היא לי: יהי לבי תמים בחקיך למען לא אבוש: לעולם לא אשכח פקודיך כי בם חייתני: ברוך אתה ה' למדני חקיך: אמן אמן אמן סלה ועד:

מודה אני לפניך ה' אלהי ואלהי אבותי ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות שאני משכים והם משכימים אני משכים לדברי תורה והם משכימים לדברים בטלים אני עמל והם עמלים אני עמל ומקבל שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר אני רץ והם רצים הם רצים לבאר שחת ואני רץ לחיי העולם הבא שנאמר ואתה אלהים תורידם לבאר שחת אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם ואני אבטח בך:

יהי רצון מלפניך ה' אלהי כשם שעזרתני לסיים מסכת מכות כן תעזרני להתחיל מסכתות וספרים אחרים ולסיימם ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה וזכות כל התנאים ואמוראים ותלמידי חכמים יעמוד לי ולזרעי שלא תמוש התורה מפי ומפי זרעי וזרע זרעי עד עולם. ויתקיים בי בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך: כי בי ירבו ימיך ויוסיפו לך שנות חיים: אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד: ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום:

יתגדל ויתקדש שמיה רבא בעלמא דהוא עתיד לאתחדתא ולאחיא מתיא ולאסקא לחיי עלמא ולמבני קרתא ירושלם ולכשלל היכליה בגוה ולמעקר פולחנא נוכראה מארעא ולאתבא פולחנא דשמיא לאתרה וימליך קודשא בריך הוא במלכותיה ויקריה בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן: יהא שמיה וכו' יתברך וכו' על ישראל וכו' יהא שלמא וכו' עושה שלום וכו':

וזאת הברכה למשפחתי

זוגתי רעכטשע, תחי׳
בני שרגא פייוועל וזוג׳ שרה שפרינצא שתחי׳ ובתם פייגעלע שתחי׳ לאי״ט
בתי פריידא שתחי׳ ובני יעקב צבי יחי׳ ובתי סערקא רבקה תחי׳
מחותני ישראל ניסן ב״ר דוב בעריל ז״ל, איצקאוויטץ
וזוג׳ אסתר בת ר׳ אהרן שלום, ז״ל
בתם הבתולה חי׳ רעכיל שתחי׳ עם בנם הב׳ שרגא פייוויל נ״י עם בתם הילדה ליבעל שתחי׳
יוסף צבי ב״ר דוב בערל ז״ל וזוג׳ מינדעל ובניהם שרה רייצא והבחור בעריל

למזכרת תודה ולשם עולם

(שמות העוזרים)

ר׳ יוסף חיים בן חיה רבקה געווירץ
מר אוירווינג בונים יחי׳ לאיט״א
מר אברהם מייערם ובניו פסח, ברוך, בן־ציון, דניאל, הילל, נ״י
הנגיד ר׳ ישראל פיט, שליט״א
הרב ד״ר יאנג
ר׳ דוד לאשער וזוג׳ שרה לאה שיחיו
מיסטער ש. גוטט
ר׳ אברהם פלאהם, שליט״א
ר׳ מרדכי משה מאסקאוויטץ
מיסטער זיג. שניידער
מיסטער שעפפס־ראזענבלום
מיסטער גוס. שניידער
פריעדמאן בראָדערס
הנגיד ר׳ צבי אליעזר ב״ר אברהם קרויזהאר, שליט״א
מר ומרת ה. ל. קרויזהאר
ר׳ שמואל שוחט ובניו אוירווינג ופילים
יעקב טייטלער שיחי׳
ר׳ דוב ב״ר צבי זעליג וזוג׳ ובניו מנחם מענדל וליפא, נ״י

ד״ר אליהו קאטץ
גילבערט בראָדערס
סאול בלום, נ״י
סאול בלאַן, נ״י
מאָזעס בעכער
ר׳ אורי׳ מעטה, שליט״א
מרת דזשעני ה. מ. פאגגען תחי׳
מרת י. זילבער תחי׳
מרת ע. בייער תחי׳
מיסטער דוקעס און ראזענטהאל שיחי׳
מיסטער ב. יעללין שיחי׳
מר דוב ב״ר צבי יעללין יחי׳
מרת מאשה תחי׳
מר ומרת צעלין יחיו
מר אב׳ שאפפער יחי׳
מר י׳ סאָשעט יחי׳
מר ר׳ אליעזר דעווידס, יחי׳
מר א. גודמאן ובניו שיחיו
מר הענרי פעדער נ״י
מרת אסתר ב״ר יוסף חיים בעכער תחי׳
מרת ראזע האָכמאן תחי׳

למזכרת נצח

שלמה משה בן ישראל ירוחם הכהן ז"ל
כ"ו אדר ב' שנת תרצ"ו
אברהם יצחק שוחט, ע"ה
מארגאלע שוחט, ע"ה
ישכר דוב ב"ר יוסף חיים ז"ל
כ"ח תשרי
י"צ יוסף עהרענקראנץ, ז' אלול
י"צ פעני עהרענקראנץ, ה' אלול
י"צ מיסיא ב"ר יונה ז"ל, ט' טבת